# די ווינטער־נסיעה

פֿון

*די ערגסטע נסיעה אויף דער וועלט*

אַפּסלי טשערי־גאַראַרד

איבערגעזעצט פֿון
בעריש גאָלדשטיין

איבערזעצונג דרוקרעכט © 2007-2017 פֿון בעריש גאָלדשט

3 October 2017

## קאַפּיטל זיבן

# די ווינטער־נסיעה

[וואָס שטייט אונטן איז אַ טייל פֿון *די ערגסטע נסיעה אויף דער וועלט*, די זכרונות פֿון אַפּסלי טשערי־גאַראַרד, וועגן זײַנע איבערלעבונגען מיט דער עקספּעדיציע אָנגעפֿירט פֿון ראָבערט פֿ. סקאָט, 1910-1913. דער הויפּטציל איז געווען די אויפֿדעקונג פֿונעם דרום־פּאָלוס. אין מיטן ווינטער פֿאַר דער פּאָלוס־נסיעה איז פֿאָרגעקומען די ווינטער־נסיעה באַשריבן אונטן – טאַקע די ערגסטע נסיעה אויף דער וועלט, ניט פֿאַרגעסנדיק וואָס סקאָט מיט זײַנע פֿיר באַלייטערס זײַנען געשטאָרבן בײַם צוריקקער פֿונעם פּאָלוס. זיי זײַנען געגאַנגען אין מיטן דרומדיקן ווינטער זוכן קייסער־פּענגווינען אייער, צוליב וויסנשאַפֿט.

דאָס בוך האַלט מען צווישן די גרעסטע פֿון דער געאָגראַפֿיש־אויספֿאָרשונג־ליטעראַטור. דאָס זײַנען פּערזענלעכע זכרונות און ניט געמיינט פֿאַר אַ פּינקטלעכער געשיכטע, טריט בײַ טריט אויסגעמאָלט. דער מחבר האָט אָנגענומען, אַז דער לייענער ווייסט שוין פֿון פֿריִער די אַלגעמיינע פּרטים, אויב ניט מער. פֿונדעסטוועגן איז אַלץ קלאָר געמאַכט (לויט זײַן שטייגער – ווייניקסטנס האָף איך אַזוי, מיט געציילטע הערות דערצו.

וועגן דער נסיעה: זיי זײַנען אָפּגעפֿאָרן פֿון ענגלאַנד נאָוועמבער 1910, אָנגעקומען אין זייער באַזע אינעם אַנטאַרקטיק יאַנואַר 1911. אויף דער ווינטער־נסיעה אַליין האָבן די דרײַ – טשערי־גאַראַרד, ביל ווילסאָן, בירדי באַוערס – "גוט פֿאַרבראַכט" פֿון 27סטן יוני ביז 1טן אויגוסט 1911 – פֿינף וואָכן.]

> אַ, נאָר דער גרייך זאָל אַריבערשטײַגן דעם כאַפּ, אָדער וואָס טויג אַ הימל?
>
> – ר. בראַונינג, *אַנדרעאַ דעל סאַרטאָ*

> בײַ מיר און בײַ אַלעמען וואָס זיי זײַנען דאָ געבליבן, איז דער תּכלית פֿון אָט דער טירחה דער צוצי וואָס ווערט געמאַכט אויף אונדזער דמיון ווי איינע פֿון די גאַלאַנטסטע מעשׂיות אין דער פּאָלאַר־געשיכטע. אַז מענטשן זאָלן אַרויסוואָגלען טיף אין דער פּאָלאַר־נאַכט, שטייענדיק פֿאַר די טריבסטע קעלט און רציחהדיקסטע בורעס אין פֿינצטערניש איז עפּעס נײַעס; אַז זיי האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט אין אַזאַ טירחה אַנטקעגן אַזעלכע שווועריקייטן אַ גאַנצע פֿינף וואָכן איז גיבוריש. אָט דערציילט זיך אַ מעשׂה פֿאַר אונדזער דור, אַ מעשׂה וואָס, איך האָף, וועט בלײַבן שטאַרק און רירנדיק אויף דור־דורות.
>
> – סקאָטס טאָגבוך, בײַ קאַפּ־עוואַנס

די ווײַטערדיקע רשימה פֿון שליטן־וואָגן פֿאַר דער ווינטער־נסיעה (פֿאַר דרײַ מענטשן) נעמט מען פֿונעם חשבון וואָס באַוערס[1] האָט געמאַכט איידער מיר זײַנען אין וועג אַרײַן:

| פֿאַרניצעוודיקער פּראָוויאַנט: | פֿונטן | פֿונטן |
|---|---|---|
| "אַנטאַרקטיק" ביסקוויטן | 135 | |
| 3 קאַסטנס דערפֿאַר | 12 | |
| פּעמיקאַן[2] | 110 | |
| פּוטער | 21 | |

| | | | |
|---|---|---|---|
| | זאַלץ | 3 | |
| | טיי | 4 | |
| | נאַפֿט | 60 | |
| | זאַפּאַסיקע שטיקער פֿאַר פּרימוס[3]; שוועבעלעך | 2 | |
| | אַשר־יצר־פּאַפּיר | 2 | |
| | ליכט | 8 | |
| | קעסטלעך, זעקלעך | 5 | |
| | שפּירט | 8 | 370 |
| | באַשטייִקער אויסריכט, אאַז"וו: | פֿונטן | פֿונטן |
| 2 | 9-פֿוס שליטנס, צו 41 פֿונטן | 82 | |
| 1 | קאָכן־כּלים קאָמפּלעט | 13 | |
| 2 | פּרימוס, אָנגעפֿילט מיט נאַפֿט | 8 | |
| 1 | טאָפּל געצעלט קאָמפּלעט | 35 | |
| 1 | שליטן־שופֿל | 3.5 | |
| 3 | רעניפֿער־שלאָפֿזעק, צו 12 פֿונטן | 36 | |
| 3 | פּוכענע שלאָפֿזעק־אונטערשלעק, צו 4 פֿונטן | 12 | |
| 1 | באַרגשטריק | 5 | |
| 1 | ראַמש־זעקל מיט רעפּאַראַטור־זאַכן און | | |
| 1 | באָנסאַ[4] עטוי מיט רעפּאַראַטור־געצײַג | 5 | |
| 3 | פֿערזענלעכע זעק צו 15 פֿונטן: | | |
| | רעזערוו־קליידער, אאַז"וו | 45 | |
| | לאָמפּ־קאַסטן מיט מעסערס, שאַרף־שטאָל, | | |
| | אאַז"וו, פֿאַרן [טראָן פֿון] ים־הינט און פּענגווינען | 21 | |
| | קאַסטן מעדיציניש, וויסנשאַפֿטלעך געצײַג | 40 | |
| 2 | אײַזהעק, צו 3 פֿונטן | 6 | |
| 3 | מענטשן־געשפּאַנען[5] | 3 | |
| 3 | פּאָרטאַזש־געשפּאַנען[6] | 3 | |
| | צײַג פֿאַרן דאַך און טיר פֿון דער שטיינערנער איגלו | 24 | |
| | אינסטרומענט־קאַסטן | 7 | |
| 3 | פּאָר נאַרטעס און שטעקנס | | |
| | (שפּעטער אַוועקגעוואָרפֿן) | 33 | |
| 1 | קירקע | 11 | |
| 3 | קראַמפּאָנס, צו 2 פֿונטן 3 אונצן | 6.5 | |
| 2 | יאַמש־שטעקנס, פֿאַר מעסטן ים־פֿלייץ | | |
| | אויב מיגלעך, צו 14 פֿיס | 4 | |
| 2 | יאַמש־ערן[7] | 4 | |
| 1 | פּלאַנקע פֿאַרן אויבן פֿון איגלו־טיר | 2 | |
| 1 | זעקל סענעגראָז[8] | 1 | |
| 6 | קליינע ווײַבלעכע יאַמש־עקן און | | |
| 1 | מעסער אויסצושנײַדן שנייפּײַדעס פֿאַר דער איגלו | 4 | |

| | | |
|---|---|---|
| קעסטלעך, זעקלעך | 8 | 420 |
| | | 790 |

אין דעם לאָמפּ־קאַסטן וואָס אויבן דערמאָנט ליגן די ווײַטערדיקע זאַכן:

1 לאָמפּ וואָס ברענט טראָן[9]
1 לאָמפּ וואָס ברענט שפּירט
1 געצעלט־ליכט־לאָמפּ
1 טראָן־קאָכער
1 בלאָז־טרײַבל

די פּאַרטיע פֿון דרײַ מענטשן[10] האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ גאַנצער וואָג פֿון 757 פֿונטן צו שלעפּן, איבערלאָזנדיק די נאַרטעס און שטעקנס אין דער לעצטער רגע.

מע האָט ניט געקענט אָנלאָדן די גאַנצע מאַסע אויף איין 12-פֿוס שליטן, האָט מען גענומען צוויי 9-פֿוס שליטנס, איינער אָנגעטשעפּעט הינטערן צווייטן. כאָטש דאָס האָט געמאַכט גרינגער דאָס אײַנפּאַקן און באַהאַנדלען די כלים, האָט עס שיִער ניט פֿאַרטאָפּלט די רײַבונג־אייבערפֿלאַך וואָס אַקעגן איר דאַרף די פּאַרטיע שלעפּן.

דעם 22סטן יוני [1911]. האַלבווינטער־נאַכט.

אַ האַרטע נאַכט: קלאָר, מיטן הימל אַזאַ טיפֿן בלאָ, עס זעט אויס ווי שוואַרץ; די שטערן זײַנען שטאָלענע פֿינטלעך, די גלעטשערס אָפּפּאָלירט זילבער. דער שניי קלינגט און לישעט אונטער די פֿיס. דאָס אײַז צעשפּאַלט זיך אין דער אַראָפּפֿאַלנדיקער טעמפּעראַטור און די ים־פֿלייץ־שפּאַרע[11] קרעכצט בעת דאָס וואַסער הייבט זיך אויף. און איבער אַלצדינג, כוואַליע נאָך כוואַליע, פֿאַלב נאָך פֿאַלב הענגט דער פֿירהאַנג פֿונעם דרום־ליכט. אַז מע קוקט זיך צו, בליאַקירט עס, און דערנאָך גאַנץ פּלוצעמדיק בליצט אַרויף אַ גרויסער שטראַל, אײַלט זיך ביז צום זעניט, אַ בויגן פֿונעם בלייכסטן גרין און אָראַנזש, אַן עק פֿון פֿלאַמענדיקן גאָלד. נאָך אַ מאָל פֿאַלט עס אַראָפּ, ווערט בליאַקירט אין גרויסע פּראָיעקטאָרן־שטראַלן, וואָס הייבן זיך אויף הינטערן רייכערנדיקן קראַטער פֿון באַרג ערעבוס[12]. און ס'ווערט נאָך אַ מאָל גײַסטיק פֿאַרשלייערט –

> דאָ בײַ דער רעוועַנדיקער וועבשטול פֿון דער צײַט פֿאַרנעם איך זיך
> מיטן וועבן פֿאַר גאָט דעם בגד וואָס דורך דעם זעסטו אים.[13]

אינעווייניק אין דער הײַזקע זײַנען דאָ אָרגיעס. מיר זײַנען זייער פֿריילעך – און טאַקע פֿאַר וואָס ניט? די זון דרייט זיך הײַנט אויף איר צוריקקער צו אונדז, און אַזאַ טאָג קומט נאָר איין מאָל אַ יאָר.

נאָכן וואַרמעס האָבן מיר געדאַרפֿט האַלטן רעדעס, אָבער אַנשטאָט אַ רעדע האָט באַוערס אַרײַנגעבראַכט אַ ווונדערלעכן ניטל־בוים, געמאַכט פֿון צעשפּאָלטענעם יאַמש און אַ

נאַרטע־שטעקן, מיט פֿעדערן צוגעבונדן צום יעדן צווײַג־עק; ליכט, זיסוואַרג, אײַנגעמאַכטס, און די ווילדסטע שפּילעכלעך, וואָס געהערן צו ביל. טיטוס[14] האָט באַקומען דרײַ זאַכן וואָס זיי זײַנען אים זייער געפֿעלן: אַ שוואָם, אַ פֿײַפֿל, און אַ קנאַלביקס וואָס גיט אַ שאָס ווען ער דריקט די קאָלבע. דעם גאַנצן אָוונט איז ער אַרומגעגאַנגען פֿרעגן צי איר שוויצט. "ניין." "יאָ, איר שוויצט," האָט ער געזאָגט, און אָפּגעווישט אײַער פּנים מיטן שוואָם. "אויב דו ווילסט מיך שטאַרק פֿרייען, וועסטו אַראָפּפֿאַלן ווען איך שיסן דיך," האָט ער מיר געזאָגט, און דערנאָך איז ער אַרומגעגאַנגען שיסן אויף אַלעמען. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער אַ בלאָז געטאָן אויפֿן פֿײַפֿל.

ער האָט געטאַנצט די לאַנצערס[15] מיט אַנטאָן[16], און אַנטאָן, וועמענס טאַנצן זאָל פֿאַרשעמען דעם רוסישן באַלעט, האָט כּסדר געבעטן מחילה, וואָס ער קען דאָס ניט גוט גענוג טאָן. פּאָנטינג[17] האָט געהאַלטן אַ רעפֿעראַט מיט ליכטבילדער וואָס ער האָט געמאַכט זינט מיר זײַנען אָנגעקומען אַהער, וואָס אַ סך פֿון זיי האָט מירס[18] געהאַט געפֿאַרבט. אַז איינס פֿון זיי באַווײַזט זיך, שרײַט איינער פֿון אונדז, "ווער האָט דאָס געפֿאַרבט?" און אַ צווייטער האָט געענטפֿערט, "מירס," – דערנאָך אַ יריד. פּאָנטינג האָט גאָר ניט געקענט רעדן. מיר האָבן געהאַט אַ מילך־פּאָנטש ווען סקאָט[19] פּראָפּאָנירט טרינקען אַ לחיים פֿאַר דער מיזרחדיקער פּאַרטיע[20], האָט קליסאָלד[21], דער קוכער, פּראָפּאָנירט "גוטע אַלטע געטרײַע מילך". טיטוס האָט אַוועקגעבלאָזן דעם קויל פֿונעם ביקס, "איך האָב אים געשאָסן אין דעם צערולעאַן – ווי איז דאָס בײַ האָמער? – *צערולעאַן בלאַנקעט* – דעריבער ערעבוס." בעת מיר לייגן זיך שלאָפֿן האָט ער געפֿרעגט, "טשערי, טראָגסטו דאָס אַחריות פֿאַר דײַנע טוונגען?" און ווען איך האָב אים געענטפֿערט אַז יאָ, האָט ער אַ שטאַרקן בלאָז געטאָן אויף זײַן פֿײַפֿל, און די לעצטע זאַך וואָס איך געדענק איז, אַז ער האָט אויפֿגעוועקט מירס כּדי בײַ אים צו פֿרעגן, צי איז ער אַ פֿרײַער מענטש.

עס איז געווען אַ גלענצנדיקע הוליאַנקע.

פֿינף טעג זײַנען פֿאַרבײַ און דרײַ מענטשן, איינער פֿון זיי על־כּל־פּנים אַ ביסל דערשראָקן, שטייען סאָפּען און שוויצן אין דרויסן אין מקמורדאָ־דורכגאָס[22]. זיי האָבן צוויי שליטנס, איינער אָנגעטשעפּעט הינטערן צווייטן,ביידע אָנגעקויפּט מיט שלאָף־זעק און לאַגער־געצײַג, פּראָוויאַנט אויף זעקס וואָכן, און אַ ווענעסטע[23] קאַסטן פֿול מיט וויסנשאַפֿטוואַרג פֿאַר מאַרינירן און פּרעזערווירן. דערצו זײַנען דאָ אויך אַ קירקע, אײַזהעק, אַ באַרגשטריק, אַ גרויס טיכל גרינע ווילעסדען[24]־קאַנווע, און אַ שטיקל ברעט. סקאָטס פֿאַרגאַפֿטע באַמערקונג ווען ער האָט געהאַט דערזען אונדזערע שליטנס מיט צוויי שעה פֿריִער, "ביל, פֿאַר וואָס נעמט איר אַזוי פֿיל נאַפֿט?", ווײַזנדיק אויף די זעקס בלעכלעך צוגעבונדן צו דער טאַץ פֿונעם צווייטן שליטן, איז געווען שטעכיק. די וואָגן פֿאַר אַזאַ מין גיין זײַנען אומגעהײַערע – צו 253 פֿונטן אַ מענטש.

עס איז האַלבער טאָג נאָר שטאָק פֿינצטער און ניט וואַרעם. בעת מיר האָבן זיך אָפּגערוט, האָב איך זיך דערמאָנט אין אַ שטויביקן, אָפּגעלאָזענעם ביוראָ אין וויקטאָריע גאַס מיט אַ חודש

פּופּצן צוריק. "איך וויל, אַז איר זאָלט קומען," האָט ווילסאָן מיר געזאָגט, און ווײַטער, "איך וויל גיין קיין קאַפּ־קראָזיער ווינטערצײַט אויסצופּאָרשן די עמבריאָלאָגיע פֿון דעם קייסער־פּענגווין, אָבער איך רעד ניט קיין סך וועגן דעם – אפֿשר וועט עס ניט קומען צו שטאַנד." נו, גוט! בעסער ווי וויקטאָריע גאַס, וווּ די דאָקטוירים האָבן מיך שיִער ניט פֿאַרבאָטן זיך באַטייליקן, מחמת איך האָב געקענט באַמערקן די מענטשן אויף יענער זײַט גאַס ווי נעפּלדיקע שמירן גייען צו פֿוס. דערנאָך איז ביל געגאַנגען רעדן מיט סקאָטן דערוועגן, האָבן זיי געזאָגט, אַז איך מעג קומען כּל־זמן איך בין גרייט אָנצונעמען אויף זיך די צוגעגעבענע ריזיקע. דעמאָלט בין איך שוין גרייט אָנצונעמען אַבי וואָס.

נאָך דער מאַגאַזין־נסיעה[25], בײַ הײַזקע־שפּיץ[26], גייענדיק איבער דעם רציחהדיקן, גליטשיקן, משופּעדיקן אײַזפֿוס[27], וואָס, איך האָב זיך תּמיד פֿאָרגעשטעלט, ער וואָלט מיך אַראָפּגעוואָרפֿן אין איינעם אַ טאָג אין ים אַרײַן, האָט ביל מיך געפֿרעגט, צי איך וועל מיט אים גיין – און ווער נאָך פֿאַר אַ דריטן? בלי־ספֿק האָבן מיר ביידע געוווּסט ווער עס איז מיר האָבן געוואָלט, און דעם אָוונט האָבן מיר באַוערס געבעטן. אַוודאי האָבן מיר בײַ אים געפּועלט, ער זאָל קומען. און אָט אָ זײַנען מיר. "אַזאַ ווינטער־נסיעה איז אַ נײַע און דרייסטע אונטערנעמונג," האָט סקאָט געשריבן אין דער הײַזקע דעם אָוונט, "אָבער די געהעריקע מענטשן וועלן זי פּרוּוון."

איך ווייס ניט.ס'האָט קיין מאָל ניט געקענט זײַן קיין ספֿק וועגן בילן און בירדין. מסתּמא וואָלט לאַשלי[28] געווען דער בעסטער דריטער, אָבער ביל האָט געהאַט אַ פֿאָראורטל קעגן מאַטראָסן אויף אַזאַ נסיעה – "זיי נעמען זיך ניט גענוג אין אַכט, און זײַנען גאָר ניט זאָרגעוודיק מיט די קליידער." אָבער לאַשלי איז געווען וווּנדערלעך – אויב סקאָט וואָלט נאָר גענומען זאַלבע פֿיר, מיט לאַשלי, צו דעם פּאָלוס![29]

וואָס איז די דאָזיקע אונטערנעמונג? פֿאַר וואָס איז דער עמבריאָן פֿונעם קייסער־פּענגווין אַזוי וויכטיק אין דער וויסנשאַפֿט? און פֿאַר וואָס זאָלן זײַן דאָ דרײַ מענטשן, פֿסיכיש געזונט און שׂכלדיק, שלעפּן שליטנס אין מיטן אַ ווינטערנאַכט צו אַ קאַפּ וואָס מע איז געהאַט אָנגעקומען אַהין צו נאָר אין העלן טאָג, און אַפֿילו דעמאָלט נאָר קוים־קוים מיט צרות?

דער קייסער איז אַ פֿויגל וואָס קען ניט פֿליִען, פֿאַשעט זיך מיט פֿיש, און טרעט קיין מאָל ניט אויף קיין ערד, אַפֿילו זיך צו פֿאַרמערן. זיי לייגן די אייער פֿאָרט אויף דעם הוילן אײַז ווינטערצײַט און פֿירן דורך די גאַנצע אינקובאַציע אויפֿן ים־אײַז, מיט דעם איי אויבן אויף די פֿיס, צוגעדריקט צום אונטערשטן בויך. נאָר מחמת דער קייסער איז מסתּמא דער פּרימיטיווסטער פֿויגל אויף דער וועלט איז אַזוי וויכטיק דאָס אויספֿאָרשן זײַן עמבריאָלאָגיע. דער עמבריאָן באַווײַזט שפּורן פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון אַ חיה אין אַמאָליקע צײַטן און אַמאָליקע צושטאַנדן; עס חזרט איבער זײַנע פֿריִערדיקע לעבנס. דער עמבריאָן פֿון אַ קייסער וועט אפֿשר

זיך אַרויסווײַזן פֿאַר דער פֿעלנדיקע פֿאַרבינדונג צווישן פֿייגל און רעפּטיליעס פֿון וואַנעט עס שטאַמען די פֿייגל[30].

בלויז איין נעסט־שטח פֿון קייסער־פּענגווינען האָט מען אַנטדעקט ביז הײַנט, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן ים־אײַז אינעווייניק אין אַ קליין בוכטעלע אויפֿן באַריער[31]־קאַנט פֿון קאַפּ־קראָזיער[32], וואָס איז אויסגעהיט דורך מײַלן פֿון אַ טייל פֿונעם גרעסטן דריק[33] אינעם אַנטאַרקטיק. קורטשוקלעך האָט מען געפֿונען אין סעפּטעמבער, און ווילסאָן האָט אויסגערעכנט, אַז זיי מוזן לייגן די אייער אָנהייב יולי. און דעריבער האָבן מיר אָנגעהויבן פּונקט נאָכן האַלבן ווינטער אויף דער משונהדיקסטער נעסט־עקספּעדיציע[34], וואָס איז אַ מאָל געווען אָדער וועט זײַן.

אָבער דער שוויס פֿרירט אין די קליידער און מיר זײַנען ווײַטער געגאַנגען. מיר האָבן נאָר געקענט זען אַ שוואַרץ שטיקל ווײַט אויף לינקס, וואָס איז דעם טערקס קאָפּ[35]: ווען דאָס איז פֿאַרשווונדן געוואָרן האָבן מיר געוווּסט, אַז מיר זײַנען פֿאַרבײַ גלעטשער־צונג[36] וואָס האָט, ניט דערזען פֿון אונדז, פֿאַרשטעלט די פֿעלדזן אויף הינטן. און דעמאָלט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט עסן אָנבײַסן.

אָט דער ערשטער לאַגער בלײַבט מיר אין זכרון נאָר ווײַל ס'האָט זיך דערמיט אָנגעהויבן אונדזער דערצייִונג מיט לאַגערן אין דעם פֿינצטערניש. אויב מיר וואָלטן דעמאָלט געטראָפֿן די אָפּשטאַרבנדיקע טעמפּעראַטורן וואָס וועלן קומען, ...

ס'איז געווען פּונקט אַ גענוגיק ווינטל, אַז מיר ווילן זיך אײַלן: אַראָפּ מיטן געשפּאַן, יעדער צו אַ רימען אויפֿן שליטן – גיך מיט דעם דילטוך – די זעקלעך דאָס אײַנצוהאַלטן – איצט גוט אויסלייגן די יאַמשן און דעם אינעווייניקסטן אונטערשלאַק פֿון דעם געצעלט – האַלט זיי, טשערי, און אַריבער מיטן אויסנווייניקסטן צודעק – שניי אויף די זוימען און אַרײַן דער קוכער מיט זײַן ליכט און אַ קעסטל שוועבעלעך ...

אַזוי האָבן מיר געטאָן: אַזוי האָבן מיר זיך צוגעוווינט דאָס צו טאָן, אַלע טאָג און אַלע נאַכט ווען די זון בלײַבט נאָך אין דער הייך אָדער ווייניקסטנס האַלט בײַם פֿאַרגיין[37], שליטלען זיך אויפֿן באַריער פֿרילינגצײַט און זומערצײַט און האַרבסטצײַט; ציִען די הענט אַרויס פֿון די קוליקלעך אין אַ נויט – שוין אַ סך צײַט שפּעטער זיך אָנצוּוואַרעמען; יענע טעג ווען מיר גרייסן זיך מיטן אויפֿזידן טיי אין ניט מער ווי צוואַנציק מינוט נאָכן אַרויס פֿון געשפּאַן, יענע טעג ווען מיט האַלטן פֿאַר צו באַזאַכט די וואָס זיי ווילן אַרבעטן אָנגעטאָן נאָך אַלץ אין די פֿוטערנע קוליקלעך.

אָבער איצט טויג דאָס גאָר ניט. "מיר דאַרפֿן גיין אַ ביסל פּאַמעלעכער," האָט ביל געזאָגט, און "מיר וועלן זיך בעסער אײַנגעוויינען אין אַרבעטן אינעם פֿינצטערניש." דעמאָלט, געדענק איך, האָב איך נאָך אַלץ געפּרוּווט טראָגן די שפּאַקולן.

מיר האָבן די נאַכט איבערגענעכטיקט אויפֿן ים־אײַז, ווײַל מיר זײַנען געהאַט געגאַנגען צו נאָענט צום שלאָס־שטיין; און נאָר אויף מאָרגן נאָך מיטאָג האָבן מיר דערגרייכט און געגעסן

אָנבײַסן בײַ הײַזקע־שפּיץ. איך רעד פֿון טאָג און נאַכט, כאָטש זיי זײַנען אַלץ איינס, און שפּעטער, ווען מיר ווערן געוווּר, אַז מיר קענען ניט ענדיקן די אַרבעט אין קיין מעת־לעת, האָבן מיר באַשלאָסן ווײַטער צו פֿירן פּונקט אַזוי ווי ס'איז ניט פֿאַראַן אַזאַ מינהג, וואָס איז טאַקע דער אמתער פֿאַל. ס'איז אונדז שוין אײַנגעפֿאַלן, אַז אין אַזאַ מצבֿ וואָלט דאָס קאָכן זײַן גאָר אַ שלעכט שטיקל אַרבעט, און אַז ס'וואָלט ניט סובֿל געווען די געוויינטלעכע אָרדענונג, וואָס לויט איר איז איינער פֿון אונדז דער קוכער אויף אַ גאַנצער וואָך. האָבן מיר אָפּגערעדט זיך צו בײַטן בײַם קאָכן טאָג פֿאַר טאָג. פֿאַרן עסנוואַרג האָבן מיר מיטגעבראַכט נאָר פּעמיקאַן מיט ביסקוויטן און פּוטער; ווי אַ געטראַנק האָבן מיר געהאַט טיי, און פֿאַרן לייגן זיך שלאָפֿן האָבן מיר געטרונקען הייס וואַסער.

שלעפּנדיק זיך אַוועק פֿון הײַזקע־שפּיץ דעם אָוונט האָבן מיר געבראַכט די שווערע משׂאָות אויף די צוויי 9-פֿוס שליטנס מיט לפֿי־ערכדיקער לײַכטקייט; ס'איז געווען דאָס ערשטע און, כאָטש מיר האָבן דעמאָלט ניט געוווּסט, דאָס איינציקע שטיקל גוט שלעפּן וואָס מיר וועלן האָבן. גוט שלעפּן בײַ שליטן־וועגסלײַט הייסט גרינג שלעפּן. מיר זײַנען אַוועק אַרום קאַפּ־אַרמיטאַזש און דערנאָך אויף מיזרח. מיר האָבן געוווּסט, אַז דער באַריער־קאַנט שטייט פֿאַר אונדז און אויך אַז די צעשפּאַלטונג פֿונעם ים־אײַז האָט געלאָזט זײַן פֿראָנט ווי אַ נידעריקע פּערפּענדיקולאַרע סקאַלע. מיר האָבן געדאַרפֿט געפֿינען דערפֿאַר אַן אָרט ווו דער שניי האָט געמאַכט אַ זאַווײַ. אָט דאָס האָבן מיר פּונקט געטראָפֿן און דערצו גאַנץ פּלוצעמדיק זייער אַ שאַרפֿן ווינט, וואָס שטראָמט, ווי זײַן שטייגער, באַרג־אַראָפּ פֿונעם קאַלטן באַריער אַראָפּ אויפֿן לפֿי־ערך וואַרעמען ים־אײַז. די טעמפּעראַטור איז געווען 47°- פֿאַרנהײַט און איך בין געווען טאַקע אַ נאַר, וואָס איך האָב אַרויסגענומען די הענט אַרויס פֿון די קוליקלעך כּדי צו שלעפּן אויפֿן שטריק אַרויפֿצוברענגען די שליטנס. איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט פֿונעם באַריער־קאַנט מיט די גאַנצע צען פֿינגער אָפּגעפֿרוירענע. זיי זײַנען ניט צו זיך געקומען ביז מיר זײַנען שוין אין געצעלט דעם אָוונט בײַם עסן, און אין אַ שעה צוויי זײַנען געווען צוויי אָדער דרײַ גרויסע פּוכירן, כּמעט איין צאָל אין דער לענג, אויף יעדן פֿינגער. אַ סך טעג האָבן די פּוכירן מיך שטאַרק געפּײַניקט.

מיר האָבן זיך געלאַגערט די נאַכט אפֿשר אַ האַלב מײַל אינעווייניק פֿונעם באַריער־קאַנט. די טעמפּעראַטור איז געווען 56°-. אונדז איז געווען אַ ביסל שלעכט, ס'האָט אונדז גוט געפּרייט אַרויסצוקריכן פֿון די ציטערנדיקע שלאָף־זעק צו מאָרגנס (29סטן יוני). מיר זײַנען געקומען ביסלעכווײַז צום געדאַנק, שפּעטער באַשטעטיקט ביז גאָר, אַז די איינציקע גוטע צײַט אין אַ מעת־לעת איז פֿרישטיק, מחמת מיט אַ מעסיק שטיקל מזל מוזן מיר ניט אַרײַנקריכן אין די שלאָף־זעק פֿון דעמאָלט אויף אַ שעה זיבעצן.

די אימה פֿון די נײַנצן טעג וואָס עס האָט געדויערט דאָס גיין פֿון קאַפּ־עוואַנס ביז צו קאַפּ־קראָזיער וואָלט מען געדאַרפֿט איבערלעבן כּדי זי צו דערשאַצן; און ווער עס וואָלט דאָס איבערגעחזרט וואָלט געווען אַ שוטה: אוממיגלעך צו באַשרײַבן. די ווײַטערע וואָכן זײַנען געווען מחיהדיק אין פֿאַרגלײַך, ניט ווײַל די צושטאַנדן זײַנען געווען בעסער – זיי זײַנען טאַקע געווען

גאָר ערגער – נאָר ווײַל מיר זײַנען פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן. איך אַליין האָב דערגרייכט צו אַזאַ אָפּקומעניש, אַז גאָרנישט אַרט מיך ניט, אַבי איך וואָלט שטאַרבן אָן ווייי. מע רעדט פֿון דער גבֿורה פֿון די גוססים – וואָס ווייסן זיי – ס'וואָלט געווען אַזוי גרינג צו שטאַרבן, אַ דאָזע מאָרפֿין, אַ פֿרײַנדלעכע שפּאַרע אינעם אײַז, און חדווהדיקער שלאָף. די צרה איז ווײַטער צו גיין...

דער חושך איז די פּראָבלעם. איך מיין, אַז טעמפּעראַטורן ווי $70°$- וואָלט ניט געווען אַזוי שלעכט אין העלן טאָג, אין פֿאַרגלײַך ניט אַזוי שלעכט, ווי מע וואָלט געקענט זען וווּהין מע גייט, ווּו מע טרעט, ווּו די שליטן־רימען געפֿינען זיך, דער קאָכער, דער פּרימוס, די שפּײַז; ווען מע וואָלט געקענט זען די אייגענע טריט נאָר וואָס אַרײַנגעטראָטן טיף אינעם ווייכן שניי, זאָל מען קענען צוריקקערן צו דעם רעשט משׂא; ווען מע וואָלט געקענט זען די צובינדונגען פֿון די שפּײַז־זעק; וואָלט געקענט זען דעם קאָמפּאַס אָן דאַרפֿן אָנרײַבן דרײַ, פֿיר פֿאַרשיידענע קעסטלעך צו געפֿינען בלויז איין טרוקן שוועבעלע; וואָלט געקענט זען דאָס זייגערל צי ס'איז שוין אָנגעקומען די מחיהדיקע רגע אַרויסצוקריכן פֿונעם שלאָפֿזאַק, אָן נישטערן אינעם שניי אַרום און אַרום; ווען עס וואָלט ניט געדויערן פֿינף מינוטן צו פֿאַרבינדן די געצעלט־טיר, און פֿינף שעה אָנצוהייבן אין דער פֿרי ...

אָבער אין די טעג איז עס קיין מאָל ניט געווען ווייניקער ווי פֿיר שעה פֿונעם מאָמענט ווען ביל האָט אָנגעזאָגט "שוין צײַט זיך אויפֿצוכאַפּן" ביז מיר האָבן זיך אײַנגעשפּאַנט. עס פֿאַרלאַנגט צוויי מענטשן אײַנצושפּאַנען דעם דריטן, קוים מיט צרות, ווײַל די קאַנווע איז פֿאַרשטאַרט געוואָרן און אונדזערע קליידער אויך פֿאַרשטאַרט אַזוי אַז אָפֿט מאָל האָבן צוויי מענטשן זיי ניט געקענט אײַנבייגן אין דער נייטיקער פֿאָרעם.

די צרה איז דער שווייס און דער אָטעם. קיין מאָל פֿריִער האָב איך ניט געוווּסט ווי פֿיל פֿונעם קערפּער־צואה קומט אַרויס דורך די הויטפּאָרעס. אין די ביטערסטע טעג, ווען מיר האָבן זיך געדאַרפֿט לאַגערן איידער מיר האָבן מאַרשירט אפֿשר פֿיר שעה, כּדי צו היילן די געפֿרוירענע פֿיס, דאַכט זיך, אַז מיר האָבן טאַקע געשוויצט. און דער גאַנצער שווייס, אַנשטאָט דורכגיין דורך די פּאָרעדיקע וואָלענע קליידער און ביסלעכווײַז זיך אויסטריקענען, איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן און זיך אָנגעקליבן. ער איז געבליבן נאָענט צום פֿלייש און געוואָרן אײַז: מיר האָבן אַרויסגעטרייסלט אַ סך שניי און אײַז אַראָפּ פֿון די הויזן יעדעס מאָל וואָס מיר בײַטן איבער דאָס שוכוואַרג, און מיר האָבן דאָס געקענט טאָן אויך מיט די לײַבלעך אָדער צווישן די לײַבלעך און די העמדער, אָבער, פֿאַרשטייט זיך, האָבן מיר זיך ניט געקענט אויסטאָן צו אָט דער מאָס. נאָר ווען מיר זײַנען אַרײַן אין די שלאָפֿזעק, אין אַ מזלדיקער שעה, זײַנען מיר גענוג וואַרעם געוואָרן במשך פֿון דער נאַכט, אַז ס'לאָזט זיך צעגיין דעם אײַז: טייל איז געבליבן אין די קליידער, טייל דורכגעגאַנגען אין די פֿעלן פֿון די שלאָפֿזעק, און ביידע זײַנען באַלד געוואָרן ווי בויגנס פּאַנצער־פּלאַטע.

וואָס שייך דעם אָטעם – בײַ טאָג האָט דאָס עפּעס ערגערס ניט אָפּגעטאָן ווי באַדעקן די אונטערשטע טיילן אונדזערע פּנימער מיט אײַז און צולייטן די באַלאַקלאַוועס[38] פֿעסט צו די קעפּ. פֿאַרפֿאַלן צו פּרווון אויסטאָן די באַלאַקלאַווע ביז דער פּרימוס האָט געברענט שוין אַ לאַנגע צײַט, און דעמאָלט האָט איר געקענט אַרומוואַרפֿן דעם אָטעם ווו און ווי אירווילט. די צרה האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַן אמת נאָר אינעם שלאָפֿזאַק, ווײַל ס'איז געווען גאָר צו קאַלט צו האַלטן אָפֿן אַ לאָך פֿאַרן אָטעמען. אַ גאַנצע נאַכט פֿרירט דער אָטעם אין די פֿעלן, און דאָס אָטעמען ווערט אַלץ גיכער און גיכער בעת די לופֿט אין די שלאָפֿזעק ווערט אַלץ ברודיקער און ברודיקער; מע האָט ניט געקענט אָנצינדן אַ שוועבעלע אין די זעק, ס'לאָזט זיך ניט ברענען!

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר זײַנען ניט פֿאַראײַזיקט געוואָרן מיט איין מאָל: עס האָט באַדאַרפֿט עטלעכע טעג אַזעלכע אַקטיוויטעטן איידער מיר זײַנען אַרײַן אין גרויסע שוועריקייטן אין דעם ענין. ערשט ווען איך בין אַרויס פֿונעם געצעלט אין איינעם אַן אינדערפֿרי, מוכן־ומזומן אײַנצופּאַקן דעם שליטן, האָב איך פֿאַרשטאַנען די מיגלעכקייטן וואָס קענען קומען. מיר האָבן געהאַט געגעסן פֿרישטיק, זיך אַרײַנגעראַנגלט אינעם שוכוואַרג אַרײַן, און זיך אײַנגעאָרדנט אינעווייניק אינעם געצעלט, וואָס איז לפֿי־ערך וואַרעם. נאָר וואָס אַרויס, האָב איך אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ זיך אַרומצוקוקן און געפֿונען, אַז איך קען אים ניט צוריקרוקן. די קליידער מײַנע זײַנען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן בעת איך בין דאָ געשטאַנען – אפֿשר פֿופֿצן סעקונדעס. פֿיר שעה האָב איך געדאַרפֿט שלעפּן מיטן קאָפּ אַרויפֿגעשטעקט, און פֿון דעמאָלט אָן האָבן מיר אַלע אַכט געלייגט זיך אַראָפּצובייגן אין אַ פּאָזיציע וואָס זי זאָל טויגן פֿאַר דעם שלעפּן איידער מיר ווערן פֿעסט פֿאַרפֿרוירן.

שוין איצט האָבן מיר געכאַפּט, אַז מיר דאַרפֿן איבערדרייען די געוויינטלעכע שליטן־רוטין און טאָן אַלצדינג פּאַמעלעך, טראָגן אויף וויפֿל ס'איז מיגלעך די פֿוטערנע קוליקלעך וואָס מע טראָגט איבער די וואָלענע, און אַלע מאָל אויפֿהערן אַבי וואָס מיר טוען, תּיכּף ווי מיר האָבן דערפֿילט, אַז עפּעס אַ טייל פֿונעם גוף פֿרירט, ביז די צירקולאַציע קומט ווידער צו זיך. פֿון איצט אָן איז אָפֿט געשען, אַז איינער פֿון אונדז לאָזט די אַנדערע גיין ווײַטער מיט דער לאַגער־אַרבעט, בעת ער טופּעט אַרום אינעם שניי, שלאָגט זיך מיט די אָרעמס, אָדער פֿאַרזאָרגט זיך מיט אַבי וואָס אַן אויפֿגעדעקטן אבֿר. אָבער דאָס אַלץ טויג ניט מיט די פֿיס – דער איינציקער אופֿן מיט זיי איז געווען זיך צו לאַגערן און טרינקען אַ ביסל הייס וואַסער איידער מיר טוען אויס דאָס שוכוואַרג. אָבער ס'איז געווען שווער צו דערקענען צי די פֿיס פֿרירן צי ניט, וואָרן אַלץ וואָס מיר האָבן געקענט וויסן אויף זיכער איז, אַז זיי האָבן מער ניט קיין חוש אין זיך. ווילסאָנס קענטשאַפֿט ווי אַ דאָקטער איז דאָ צו נוץ געקומען: אַ סך מאָל האָט ער געדאַרפֿט באַשליסן בײַ זיך פֿון אונדזערע באַשרײַבונגען פֿון די פֿיס צי זיך צו לאַגערן צי ווײַטער צו גיין נאָך אַ שעה. אַ פֿאַלשע החלטה וואָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפֿע, מחמת אויב איינער פֿון אונדז וואָלט פֿאַרקריפּלט געוואָרן וואָלטן מיר אַלע אַראָפּגעפֿאַלן אין סכּנת־נפֿשות. מסתּמא וואָלטן מיר אַלע אומגעקומען.

דעם 29סטן יוני איז די טעמפּעראַטור געווען °50- דעם גאַנצן טאָג און אַ מאָל האָט געבלאָזן אַ ווייך ווינטל, וואָס איז נוטה אָפּצופֿרירן אונדזערע פּנימער און הענט. צוליב דער וואָג פֿון די צוויי שליטנס און דעם שלעכטן אויבנאויף איז אונדזער גאַנג ניט געווען מער ווי אַ פּאַמעלעך און גאָר שווער טאָפּטשען: בײַם אָנבײַסן־אָפּשטעל זײַנען בײַ ווילסאָן געוואָרן אָפּגעפֿרוירן די גאַנצע פּיאַטע אויף איין פֿוס, און בײַ מיר די צוויי גראָבע פֿוספֿינגער. באַוערס האָט זיך קיין מאָל ניט מצער געווען מיט אָפּגעפֿרוירענע פֿיס.

די נאַכט איז געווען זייער קאַלט, די טעמפּעראַטור אַראָפּ ביז °66-, און ס'איז געווען °55- בײַם פֿרישטיק דעם 30סטן יוני. מיר האָבן ניט אײַנמאָנטירט די פּוכענע אונטערשלעק אין די שלאָפֿזעק, זיי זאָלן בלײַבן טרוקן אַזוי לאַנג ווי מיגלעך. מײַן אייגענער שלאָפֿזאַק איז געווען צו גרויס פֿאַר מיר, און בעת דער גאַנצער נסיעה איז ער געווען שווערער צו צעלאָזן ווי די צוויי אַנדערע; פֿון דער אַנדערע זײַט האָט ער קיין מאָל ניט געשפּאָלטן, ווי ס'איז געשען מיט בילס זאַק.

מיר זײַנען איצט אַרײַנגעקומען אין דער קאַלטער בוכטע וואָס ליגט צווישן דעם הײַזקע־שפּיץ־האַלבאינדזל און טעראָר־שפּיץ. מע ווייסט שוין פֿון די אַלטע *אַנטדעקונג*[39] טעג, אַז די ווינטן פֿונעם באַריער ווערן אָפּגענייגט פֿון דאַנען, גיסן זיך אַרײַן אין מקמורדאָ־דורכגאָס הינטער אונדז און אינעם ראָס־ים בײַ קאַפּ־קראָזיער אויף פֿאָרנט. צוליב דעם, וואָס עס פֿעלן דאָ שטאַרקע ווינטן, ווערט דער שניי־אויבנאויף קיין מאָל ניט אויסגעקערט, פֿאַרהאַרטעוועט, און אָפּפּאָלירט ווי אַנדערש ווו; ס'איז איצט געווען אַ מאַסע פֿון די האַרטסטע און קלענסטע שניי־קריסטאַלן, וואָס דורך זיי איז דאָס שלעפּן אין קאַלטע טעמפּעראַטורן פּונקט ווי שלעפּן דורך זאַמד. איך האָב גערעדט אַנדערש ווו פֿון באַריער־אויבנאויפֿן און ווי די גרינדזשעלעך ,ווען די קעלט איז זייער גרויס, שמעלצן ניט די קריסטאַל־שפּיצן, נאָר גייען ווײַטער מיטן קײַקלען זיי אָבער און ווידער, איינער אויפֿן צווייטן. אָט דאָס איז וואָס מיר האָבן געטראָפֿן אויף דער דאָזיקער נסיעה, און אין ווייכן שניי איז דאָס גאָר ערגער. אונדזערע פֿיס האָבן טיף געזונקען מיט יעדן טריט.

דערפֿאַר, ווען מיר האָבן געפּרוּווט אָנהייבן דעם 30סטן יוני, האָבן מיר געפֿונען, אַז מיר קענען ניט רירן פֿון אָרט די צוויי שליטנס צוזאַמען. גאָרנישט ניט צו טאָן אַחוץ שלעפּן ווײַטער מיט איין שליטן און דערנאָך צוריקקערן צו שלעפּן דעם צווייטן. אַזוי האָט מען אָפֿט געטאָן אין טאָגליכט, ווען די איינציקע סכּנות זײַנען זאַווערוכעס, וואָס זיי קענען פּלוצעמדיק אויפֿקומען און פֿאַרשטעלן די שפּורן. הײַנט אין חושך איז געווען מער קאָמפּליצירט. פֿון עלף ביז דרײַ אַ זייגער בײַ טאָג איז געווען גענוג ליכט צו דערזען די גרויסע לעכער געמאַכט פֿון די פֿיס, האָבן מיר ווײַטער געשלעפּט איין שליטן, זיך געטאָפּטשעט צוריק אין די אייגענע טריט, און נאָך אַ מאָל מיטן צווייטן. באַוערס פֿלעגט בינדן און אויפֿבינדן אונדזערע געשפּאַנען, ווען מיר בײַטן די שליטנס. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזאַ אַריבערטראָג־אַרבעט גייען מיר דרײַ מײַלן אין גאַנצן פֿאַר יעדן מײַל פֿאָרויס, און אַפֿילו מיט נאָר איין שליטן איז דאָס שלעפּן זייער שווער. בײַם אָנבײַסן

איז די טעמפּעראַטור געווען 61°-. דערנאָך איז אַוועק דאָס שטיקל אומקלאָרע בין־השמשות, האָבן מיר געטראָגן אַ נאַקעט ליכט בײַם צוריקקער נאָך דעם צווייטן שליטן. עס איז געווען די משונהדיקסטע פּראָצעסיע אויף דער וועלט, דרײַ געפֿרוירענע מענטשן אין אַ קליינער קאַלוזשע ליכט. געוויינטלעך האָבן מיר זיך געקערעוועט בײַ יופּיטער, און עד־היום קען איך אים ניט באַמערקן אָן דעם, וואָס איך דערמאָן זיך אין זײַן פֿרײַנדשאַפֿט פֿון יענע טעג.

מיר זײַנען געווען זייער שטיל, עס איז ניט געווען גרינג צו רעדן; אָבער פֿאָרן מיט שליטנס איז תּמיד אַ שטילער ענין. איך דערמאָן זיך אין אַ לאַנגן שמועס, וואָס האָט זיך איצט אָנגעהויבן וועגן קעלטן – צי איז אָט דער הײַנטיקער מצבֿ דער געוויינטלעכער צי אַ קעלט? – וואָס הייסט אַ קעלט? דער שמועס האָט געדויערט אפֿשר אַ וואָך. טו אַלצדינג פּאַוואָליע, תּמיד פּאַוואָליע, אָט דאָס איז געווען דער תּוך פֿון ווילסאָנס פֿירערשאַפֿט; און אַלע ווײַלע קומט די פֿראַגע, זאָלן מיר ווײַטער גיין? און דער ענטפֿער, יאָ. "איך מיין, אַז מיר וועלן אויסהאַלטן כּל־זמן מיר האָבן נאָך אַפּעטיטן," האָט ביל געזאָגט. אַלע מאָל געדולדיק, מיט רשות אויף זיך אַליין, באַרוט, איז ער, לויט מיר, דער איינציקער אויף דער וועלט, וואָס האָט געקענט פֿירן אָט די נסיעה.

דעם טאָג האָבן מיר געמאַכט 3¼ מײַלן, וואָס האָט געפֿאָדערט 10 מײַלן גיין. די טעמפּעראַטור איז געווען 66°- ווען מיר האָבן זיך געלאַגערט, זײַנען מיר שוין זייער שלעכט פֿאַראײַזיקט. דאָס איז די לעצטע נאַכט ווען איך בין געלעגן (איך האָב געהאַט געשריבן געשלאָפֿן) אין מײַן גרויסן רעניפֿער־שלאָפֿזאַק אָן דעם פּוכענעם אונטערשלאַק וואָס מיר אַלע דרײַ האָבן מיטגעבראַכט. מיר איז דאָס געווען זייער אַ שלעכטע נאַכט: אַ ריי ציטער־אָנפֿאַלן, וואָס איך האָב זיי גאָר ניט געקענט אָפּשטעלן, און וואָס האָבן מיר דעם גוף אין רשות גענומען אַ סך מינוטן לאַנג, ביז איך האָב געמיינט אַז ס'וועט צעברעכן דעם רוקן, אַזוי שטאַרק איז געווען די שפּאַנונג. מע רעדט פֿון קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן אָבער ווען דער קערפּער קלאַפּט אויף זיך אַליין קענט איר זאָגן אַז איר זײַט ערשט קאַלט געוואָרן. איך קען דאָס פֿאַרגלײַכן נאָר מיט אַ פֿאַל פֿון טעטאַנוס וואָס איך האָב, צום באַדויערן, אַ מאָל געזען. איינער פֿון די גראָבע פּוס־פֿינגער איז אָפּגעפֿרוירן געוואָרן, אָבער איך האָב ניט געוווּסט אויף וויפֿל צײַט. ס'איז געווען נישקשהדיק באַקוועם פֿאַר ווילסאָן אין זײַן קלענערן שלאָפֿזאַק, און באַוערס האָט שטאַרק געשנאָרכצט. די מינימאַלע טעמפּעראַטור יענע נאַכט, אָפּגעמאָסטן אונטער אַ שליטן, איז געווען 69°-; אָפּגעמאָסטן פֿון אויבן אויפֿן שליטן איז געווען 75°-. אָט איז דאָס 107 גראַד פֿון פֿראָסט.

מיר האָבן דורכגעפֿירט די זעלביקע אַריבערטראָג־אַרבעט דעם 1טן יולי, אָבער דאָס שלעפּן איז אונדז נאָך שווערער געוואָרן, האָבן מיר נאָר קוים מיט צרות געקענט רירן פֿון אָרט איין איינציקן שליטן. פֿון איצט אָן האָבן איך און ווילסאָן און, נאָך מער באַוערס, איבערגעלעבט אַ טשיקאַווע אָפּטיש־אָפּדוכטעניש, אַז מיר קערן צוריק אין די טריט צו קריגן דעם צווייטן שליטן. ווי איך האָב דערמאָנט, האָבן מיר געפֿונען דעם וועג דורכן שײַן פֿון אַ ליכט און ס'איז געווען נייטיק צוריקצוגיין אין די זעלביקע טריט. אָט די לעצטע האָבן אויסגעזען בײַ אונדזערע

אויסגעמאַטערטע מוחות ניט ווי פּאַרטיפֿונגען נאָר ווי דערהייבונגען – קויפּעלעך, וואָס איבער זיי האָבן מיר געדאַרפֿט איבערטרעטן, אויפֿהייבנדיק די פֿיס אָנגעווייטיקט און אָנשטרענגענדיק. האָבן מיר זיך אַ מאָל געכאַפּט, געזאָגט, אַז מיר זײַנען נאַראָנים, און אויף אַ ווײַלע זיך געצווונגען דורכצוגיין גראָד דורך די אָפּדוכטיקע קויפּעלעך. ס'איז אונדז אָבער ניט געדײַיִק געלונגען, און מיט דער צײַט איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז מיר דאַרפֿן אויסהאַלטן די דאָזיקע ווילדקייט, האָבן מיר ניט געקענט אַנדערש טאָן. אַוודאי האָט דאָס אונדז נאָך מער אויסגעשעפּט.

אין די טעג זײַנען די פּוכירן אויף די פֿינגער געוווען זייער ווייטיקדיק. שוין לאַנג איידער די הענט זײַנען אָפּגעפֿרוירן געוואָרן, אָדער אַפֿילו ניט מער ווי קאַלט, וואָס איז, פֿאַרשטייט זיך, דער געוויינטלעכער מצבֿ, איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן דער סערום אינעווייניק אין די גרויסע פּוכירן, וואָס באַדעקן אומעטום די פֿינגער, מיט נאָר אַ קליין שטיקל הויט צעשיידנדיק איינעם פֿון צווייטן. דאָס באַגיין זיך מיט די קאָך־כּלים אָדער די שפּײַזזעק איז געווען יסורים; דאָס אָנצינדן דעם פּרימוס איז נאָך ערגער געווען; ווען ס'איז לסוף געקומען אַ טאָג ווען איך האָב געקענט אַ שטאָך טאָן בײַ זעקס, זיבן פֿון די פּוכירן נאָך דער וועטשערע, אַרויסלאָזן דעם סערום, איז מיר גאָר בעסער געוואָרן. אַלע נאַכט דערנאָך האָב איך אַזוי געטאָן מיט די אַנדערע וואָס זײַנען צײַטיק, ביז זיי זײַנען אַלע ביסלעכווײַז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. אַ מאָל איז געווען שווער זיך אײַנהאַלטן פֿון רעווען.

איך האָב יאָ געוואָלט רעווען אַ סך מאָל אַלע שעה פֿון די טעג און נעכט, האָב איך אָבער אויסגעטראַכט אַ פֿאָרמל, וואָס איך חזר איבער כּסדר פֿאַר זיך אַליין. בפֿרט, געדענק איך, איז דאָס געקומען צו ניץ ווען, בײַם סוף מאַרש, די פֿיס אָפּגעפֿרוירן, דאָס האַרצקלאַפּן פּאַמעלעך, די לעבעדיקייט גאָר פֿאַרנידעריקט, דער קערפּער פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿון קעלט, פֿלעג איך כאַפּן דעם רידל און האַלטן אין איין אָנקויפּן שניי אויף די געצעלט־זוימען בעת דער קוכער אינעווייניק פּרוווט אָנצינדן דעם פּרימוס. "דו האָסט עס בײַם האַלדז – האַלט אויס – האַלט אויס – דו האָסט עס בײַם האַלדז"[40] איז געווען דער רעפֿרען, און איך האָב געוואָלט אַרויסציִען יעדעס קליין שטיקל מוטיקונג וואָס דאָס דערלאַנגט; אין די צײַטן פֿלעג איך דאָס איבערחזרן "האַלט אויס – האַלט אויס – האַלט אויס – האַלט אויס" און דערנאָך "דו האָסט עס בײַם האַלדז." אַ פֿאַרגעניגן זומערצײַט בײַ שליטן־נסיעות איז, אַז מע קען לאָזן דעם מוח וואַנדערן אומעטום אויף וואָכן און וואָכן. אָטס[41] פֿלעגט פּלאַנירן פּראָוויאַנט פֿאַר זײַן קליינעם יאַכט (ס'איז פֿאַראַן אַ מין געזײַערטער הערינג, וואָס ער האָט געוואָלט); איך האָב אויסגעטראַכט דאָס קאָמפּאַקטסטע זיך דרייענדיקע ביכערשענקל, וואָס זאָל האַלטן ניט קיין ביכער, נאָר פּעמיקאַן און שאָקאָלאַד און ביסקוויט און קאַקאַאָ און צוקער, מיט אַ קאָכער אויבן, שטענדיק צוגעגרייט צו שטילן דעם הונגער ווען איך בין נאָך אַ מאָל אין דער היים; אויך זײַנען מיר אַרײַן אין רעסטאָראַנען און טעאַטערס און אויף שנייהון־זומפּן, געטראַכט וועגן אַ שיין מיידל, אָדער מיידלעך, און ... אָבער איצט איז דאָס אַלץ געווען אוממיגלעך. די צושטאַנדן אַרום האָבן זיך געוואָרפֿן אויף אונדז אָן שום אויפֿהער; עס איז ניט געווען מיגלעך צו טראַכטן וועגן עפּעס

אַנדערש. גאָר ניט קיין אָפּאָטעם. דאָס בעסטע, האָב איך געפֿונען, איז געווען זיך ניט דערלאָזן טראַכטן וועגן דעם עבֿר אָדער דעם עתיד – צו לעבן נאָר צוליב דער אַרבעט אויף דער רגע, זיך צו צווינגען טראַכטן נאָר ווי דאָס צו טאָן מיט דער גרעסטער בריהשאַפֿט. לאָזט זיך אָ מאָל פֿאָרשטעלן ...

דעם טאָג (דעם 1טן יולי) האָט אונדז אויך געפּלאָגט אַ פּאַסקודנע ווינטל, וואָס בלאָזט פּונקט אין די פּנימער אַרײַן. די טעמפּעראַטור איז געווען -66°, און אין אַזאַ קעלט ווערט די ווירקונג פֿון אַפֿילו דעם לײַכטסטן ווינטל גאָר פֿאַרפֿאַלבנדיק, פֿאַרפֿרירט תּיכּף אַבי וואָס אויפֿגעדעקט שטיקל פֿלייש. אָבער מיר האָבן אַלע צוגעפּאַסט שטיקלעך ווינט־באַוואָרנט צײַג, אונטערגעשלאָגן מיט פעלץ, וואָס מיר האָבן פֿריִער געהאַט צוגעגרייט אין דער הײַזקע, איבער די באַלאַקלאַוועס פֿאַר די נעזער, איז דאָס אונדז געווען דער גרעסטער קאָמפֿאָרט. דאָס אַלץ האָט פֿאָרמירט אַנדערע ערטער, וואָס אויף זיי פֿרירט די אָטעם, און די אונטערשטע טיילן פֿון אונדזערע פּנימער זײַנען שוין באַלד באַדעקט געוואָרן מיט סאָלידע בויגנס אײַז, וואָס דאָס אַליין ווערט אַ ווײַטערדיק שיצמיטל. דאָס איז געווען דער געוויינטלעכער און ניט קיין אומבאַקוועמער מצבֿ אויף דער נסיעה; די האָר אויף די פּנימער האָבן געהאַלטן דעם אײַז אַוועק פֿון דער הויט, און פֿאַר מיר אַליין איז דאָס בעסער ווי אָן דעם אײַז, ביז איך וויל אויסטאָן די באַלאַקלאַווע כּדי צו טרינקען דעם הוש[42]. מיר האָבן געמאַכט נאָר 2¼ מײַלן, האָט דאָס געדויערט אַכט שעה.

ס'האָט געבלאָזן מיט כּוח־3[43] די נאַכט, מיט אַ טעמפּעראַטור פֿון -65.2° און אויך עטלעכע זאַווייען. טאַקע שלעכט אָבער צום גליק האָט זיך דער ווינט פֿאַרשטילט ביז צו אַ לײַכט ווינטעלע איידער מיר זײַנען צוגעגרייט צו גיין אויף צו מאָרגנס (דעם 2טן יולי). די טעמפּעראַטור איז דעמאָלט געווען -60° און געבליבן אַזוי דעם גאַנצן טאָג, געוואָרן קעלטער ערשט אין אָוונט. פֿיר אַ זייגער נאָך מיטאָג האָבן מיר באַטראַכט אַ וואַנט פֿון טומאַן זיך פֿאָרמירנדיק איבערן האַלבאינדזל אויף לינקס און באַמערקט אין דער זעלבער רגע, אַז די פֿאַרפֿרוירענע קוליקלעך האָבן זיך געלאָזט אָפּגיין אויף די הענט, און די קאָנטורן פֿון דער יבשה, וואָס באַווײַזן זיך אין דער שטערנליכט, זײַנען אומקלאָר געוואָרן. מיר האָבן געמאַכט 2½ מײַלן מיט דער געוויינטלעכער אַריבערטראָג־אַרבעט, זיך געלאַגערט 8 אַ זייגער אין אָוונט מיט אַ טעמפּעראַטור פֿון -65°. ס'איז באמת געווען אַ שרעקלעכער מאַרש, און טיילן פֿוןביידע פֿיס מײַנע זײַנען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן בײַם אָנבײַסן. נאָך וועטשערע האָב איך געשטאָכן זעקס אָדער זיבן פֿון די ערגסטע פּוכירן, איז די פֿאַרלײַכטערונג געווען אַ גרויסע.

איך האָב זיך באַגעגנט מיט מענטשן וואָס זיי זײַנען מיר קאָמיש, ווען זיי זאָגן, "אָ, מיר האָבן געהאַט טעמפּעראַטורן פֿון מינוס פֿופֿציק אין קאַנאַדע; דאָס האָט מיך ניט געאַרט," אָדער "אַ מאָל איז געווען בײַ מיר מינוס זעכציק אָדער קעלטער אין סיביר." און דעמאָלט ווערט מען געוווירר, אַז זיי האָבן געהאַט פֿײַנע טרוקענע קליידער, זיך אויסגעשלאָפֿן אין אַ גוט אויסגעלופֿטערטן בעט, און נאָר געשליאָנדערט אַרויס אויף אַ פּאָר מינוטן פֿון אַ גוט געוואַרעמטער כאַטע אָדער אַן איבערגעהיצטער באַן. און זיי קוקן צוריק דערויף ווי אויף אַן

אַוואַנטורע פֿאַר די זכרונות. נו, גוט! פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ איבערלעבונג פֿון קעלט קען מען נאָר פֿאַרגלײַכן מיטן עסן אַ וואַניל־אײַזקרעם מיט הייסן שאָקאָלאַדן סיראָפּ נאָך אַ גוטן וואַרמעס אין קלאַרידזשעס[44]. נאָר אין אונדזער איצטיקן מצבֿ האָבן מיר אָנגעהויבן צו האַלטן די מינוס פֿופֿציקע פֿאַר אַ זעלטענעם לוקסוס.

דעם אָוונט האָבן מיר דאָס ערשטע מאָל אַוועקגעוואָרפֿן דאָס נאַקעטע ליכט צוליב דער אויפֿגייענדיקער לבֿנה. מיר האָבן זיך געהאַט אַרויסגעלאָזט פֿאַר דער לבֿנה בכּיוון, אָבער ווי מיר וועלן זען האָט זי אונדז געגעבן ווייניק וואָס ליכט. פֿונדעסטוועגן זײַנען מיר איין מאָל קוים ניצול געוואָרן פֿון אַ מיתה־משונה צוליב איר.

דאָס איז געווען אַ ביסל שפּעטער, ווען מיר זײַנען געקומען אין מיטן אײַז־שפּאַרעס, מיט באַרג טעראָר[45] איבער אונדז, אומזעיִק, ערגעץ ווו אויף לינקס, און דער באַריער־דריק[46] אויף רעכטס. מיר זײַנען רעכט פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין דעם פֿינצטערניש, נאָר געוווּסט, אַז מיר גייען באַרג־אַראָפּ, דער שליטן כאַפּט אונדז שיִער ניט בײַ די פּיאַטעס. ניט קיין ליכט דעם גאַנצן טאָג, די לבֿנה גאָנץ פֿאַרוואָלקנט, האָבן מיר זי ניט געזען זינט נעכטן. פּלוצעם האָט אַ קליין שטיקל אויסגעלײַטערטער הימל געדרייפֿט, אַזוי צו זאָגן, פֿאַר איר פּנים. האָט זי אונדז באַוויזן נאָר דרײַ שפּאַנען פֿאָרויס אַ גרויסע שפּאַרע מיט נאָר אַ גלאַנצנדיקער אײַזיקער דעק, קוים דיקער ווי גלאָז. מיר אַלע וואָלטן אַראָפּגעפֿאַלן אין איר, דער שליטן דווקא אַראָפּגעקומען נאָך אונדז. דערנאָך האָב איך געמיינט, אַז ס'קען זײַן, אַז מיר וועלן דאָס דורכהאַלטן: גאָט קען ניט זײַן אַזוי אַכזריותדיק אונדז צו ראַטעווען נאָר צו פֿאַרלענגערן די יסורים.

נאָר איצט האָבן מיר זיך ניט געדאַרפֿט דאגהן וועגן שפּאַרעס, ווײַל מיר זײַנען נאָך ניט דערגאַנגען ביז דעם מהלך ווו דער באַוועגנדיקער באַריער, מיטן וואָג פֿון שוין הונדערטע מײַלן אײַז הינטער זיך, שטויסט אַנטקעגן די שיפּועים פֿון באַרג טעראָר, אַליין אפֿשר עלף טויזנט פֿוס אין דער הייך. איצט האָבן מיר אַראָפּגעטראָטן איבער די קנעכלעך אין דער מאַסע ווייכן זאַמדיקן שניי, וואָס באַדעקט אָט דעם געגנט אָן ווינט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז גאָר ניט קיין דנאָ, און מחמת דער שניי איז געווען אַזוי קאַלט ווי די לופֿט, זײַנען די פּיס מיט די גופֿים אויך געוואָרן אַלץ קעלטער און קעלטער וואָס ווײַטער מיר מאַרשירן; געוויינטלעך בײַם שליטן־שלעפּן הייבט מען אָן זיך דערוואַרעמען נאָך אַ פֿערטל שעה שלעפּן; דאָ איז געווען פֿאַרקערט. עד־היום פֿלעג איך בריקען אומוויסיק מיט די פֿינגער אויפֿן רעכטן פֿוס די פּיאַטע פֿונעם לינקן, אַ מידה וואָס איך האָב געקראָגן אויף דער דאָזיקער נסיעה, טאָן אַזוי בײַ יעדן אָפּשטעל. אָבער ניין, ניט אַלע מאָל. ווײַל ס'איז געווען איין אָפּשטעל ווען מיר האָבן זיך בלויז אַוועקגעלייגט אויף די רוקנס און געגאַפֿט אויפֿן הימל, ווו, לויט די אַנדערע, ברענט דאָס שענסטע דרום־ליכט וואָס זיי האָבן ווענס געזען. איך האָב עס ניט געקענט זען, ווײַל איך בין אַזוי קורצזעיִק און האָב ניט געקענט טראָגן די ברילן צוליב דער קעלט. דאָס דרום־ליכט איז געווען שטענדיק פֿאַר אונדז בעת מיר גייען אויף מיזרח, שענער ווי געזען אויף פֿריִערדיקע עקספּעדיציעס ווינטערצײַט אין מקמורדאַ־דורכגאָס, ווו ערעבוס האָט געקערט פֿאַרשטעלן די

גלאַנציקסטע אויסשטעלן. איצט איז ס'רובֿ הימל געווען באַדעקט מיט צעוויגטע, פֿאָכענדיקע פּירהאַנגען, וואָס קומען צונויף אין אַ גרויסן געדריי אויבן: ציטרין־געל, גרין, און אָראַנזש.

דער מינימום די נאַכט איז געווען ‎-65°‏ און במשך פֿונעם 3טן יולי איז דאָס געבליבן צווישן ‎-52°‏ און ‎-58°‏. מיר זײַנען פֿאָרויס נאָר 2½ מײַלן און איך האָב בײַ זיך שוין באַשלאָסן, שטילערהייט, אַז מיר האַלטן גאָר שמאָל צו דערגרייכן די פּענגווינען. איך בין זיכער, אַז די נעכט איז געווען גאָר שלעכט ביל, כאָטש דאָס איז נאָר אַ רושם, ניט מער, ווײַל ער האָט קיין מאָל ניט אַזוי גערעדט. אונדז איז געווען קלאָר, אַז מיר שלאָפֿן טאַקע, מחמת איינער האָט געהערט ווי אַ צווייטער כראָפּעט, און אויך פֿלעגן מיר חלומען, אויך מיט קאָשמאַרן; אָבער מיר האָבן דאָס קוים באַמערקט, און איצט האָבן מיר אָנגעהויבן כאַפּן אַ דרימל בײַ יעדן אָפּשטעל.

די שלאָפֿזעק זײַנען געוואָרן גאָר שלעכט שוין, און עס האָט איצט געדויערט אַ סך צײַט צו צעלאָזן דעם וועג אין זאַק אַרײַן בײַ נאַכט. ביל האָט אויסגעלייגט זײַן זאַק אין דער מיט, באַוועגס אויף רעכטס פֿון אים און איך אויף לינקס. אַלע מאָל איז ער צוגעשטאַנען צו מיר אַז איך זאָל אָנהייבן אַרײַנשטופּן די פּיס אינעם זאַק מײַנעם פֿאַר אים; מיר האָבן זיך גיך געקילט נאָך דער הייסער וועטשערע, איז דאָס זייער מוסר־נפֿשדיק פֿון אים. דערנאָך קומען זיבן ציטערנדיקע שעהען, בײַם אויפֿכאַפּן זיך אין דער פֿרי איז די ערשטע זאַך אָנצושטאָפּן אונדזערע פּערזענלעכע כלים אין די מײַלער פֿון די זאַק, איידער זיי קענען פֿרירן; דאָס האָט געמאַכט אַ פֿאַרשטעקל וואָס וועט האַלטן אָפֿן אַ לאָך, וואָס אין אים קענען מיר אָנהייבן אַרײַנצושטופּן אין אָוונט.

מיר האָבן זיך גוט געקאָרטשעט אין אויסטערלישע קנעפּלעך בײַם פּרוּוון אײַנרעדן די אבֿרים אין די שלאָפֿזעק אַרײַן, דעריבער געליטן געפֿערלעך פֿון קראַמפּן. מיר האָבן געוואַרט, זיך מאַסירט, אָבער ווי נאָר מיר האָבן געפּרוּווט זיך באַוועגן נאָך אַ מאָל, איז דאָס אַראָפּ און אַ כאַפּ געטאָן די פּיס ווי אַן אורוואַנט. אויך האָבן מיר, באַוועגס בפֿרט, געליטן פֿון בויכקאָרטשעס. מיר האָבן געלאָזט ברענען דעם פּרימוס איצט נאָך וועטשערע אויף אַ ווײַלע – ס'איז געווען די איינציקע זאַך וואָס גיט אונדז כּוח – און באַלד ווי דער וואָס האַלט דעם פּרימוס איז געכאַפּט מיט קאָרטשעס האָבן מיר אויף גיך גענומען פֿון אים דעם קאָכער, ביז די ספּאַזמע איז פֿאַרבײַ. ס'איז אָפֿט מאָל געווען שוידערלעך צו באַטראַכטן בירדיס קאָרטשעס; בײַ אים איז געווען גאָר ערגער ווי בײַ ביל אָדער מיר. איך האָב אָפֿט געליטן פֿון ברענעניש, ספּעציעל בײַ נאַכט אינעם זאַק; מיר פֿלעגן עסן אַ גרויסן מאָס פֿעטס, איז דאָס מסתּמא די סיבה. ווי אַ נאַר האָב איך גאָרנישט ניט געזאָגט וועגן דעם אַ לאַנגע ווײַלע. שפּעטער, ווען ביל האָט זיך דערוווּסט, האָט ער אַלץ צו רעכטס געמאַכט מיטן מעדיצינישן שיידל.

בירדי האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט אַלע אינדערפֿרי – אַזוי גערופֿן – וואָס איז אַ גיבורישער עסק. די שוועבעלעך ווערן פֿײַכט אַז מע קוקט נאָר אויף זיי. טיילווײַז, נעם איך אָן, איז דאָס ווײַל מע ברענגט זיי אַרײַן פֿון דרויסן אינעם לפֿי־ערך וואַרעמען געצעלט; טיילווײַז דורך דעם, וואָס מע שטעקט די קעסטלעך אַוועק אין די קליידער־קעשענעס. אָפֿט מאָל מוז מען פּרוּוון פֿיר

אָדער פֿינף קעסטלעך איידער אַ שוועבעלע רײַבט זיך אָן. די טעמפּעראַטור פֿון די קעסטלעך און שוועבעלעך איז געווען אפֿשר אַ הונדערט גראַד פֿראָסט, און דער קלענסטער אָנריר פֿונעם מעטאַל אויפֿן נאַקעטן פֿלייש ברענגט אַן אײַנפּריר. אויב מע טראָגט קוליקלעך, קען מען קוים קריגן אַבי וואָס אַ געפֿיל – בפֿרט ווײַל די פֿינגערשפּיצן זײַנען שוין זייער פֿאַרהאַרטעוועט. אָנצוצינדן דאָס ערשטע ליכט אין דער פֿרי איז געווען אַ ברוטאַל קאַלטער עסק, נאָך ערגער געמאַכט, אַז מע מוז זײַן זיכער, אַז ס'איז סוף־כּל־סוף געקומען די צײַט זיך אויפֿצוכאַפּן. ביל האָט פֿעסט געהאַלטן, אַז מיר דאַרפֿן בלײַבן אין די זעק זיבן שעה אַ נאַכט.

אין דער ציוויליזאַציע נעמט מען אָן אַן אַנדערן לויט יענעמס אייגענער אָפּשאַצונג, ווײַל עס זײַנען דאָ אַזוי פֿיל אופֿנים זיך צו באַהאַלטן, און אַזוי ווייניק צײַט, אפֿשר אַפֿילו זייער ווייניק פֿאַרשטאַנד. גאָר פֿאַרקערט אויף דרום. אָט די צוויי מענטשן האָבן דורכגעמאַכט די ווינטער־נסיעה און געלעבט; שפּעטער האָבן זיי דורכגעמאַכט די פּאָלוס־נסיעה און געשטאָרבן. זיי זײַנען געווען גאָלד, גאָלע, גלאַנציק, ריין. עס פֿעלן מיר די ווערטער אַרויסצוזאָגן ווי גוט איז געווען זייער חבֿרשאַפֿט.

דורך די אַלע טעג און די קומענדיקע, די ערגסטע, מיין איך, אין זייער פֿינצטערער שטרענגקייט, וואָס מע האָט אַ מאָל איבערגעלעבט און געבליבן לעבן, איז קיין איינציק בייז אָדער כּאַפּיק וואָרט ניט אַרויס פֿון זייערע מײַלער. שפּעטער, ווען מיר זײַנען זיכער, אַזוי זיכער ווי מיגלעך, אַז מיר וועלן שטאַרבן, זײַנען זיי געווען מונטערע, און ווי ווײַט איך קען דערקענען, זײַנען זייערע לידער און פֿריילעכע ווערטער גאָר ניט כּלומרשטיק. אויך זײַנען זיי קיין מאָל ניט געווען צעטומלט, כאָטש תּמיד אַזוי גיך ווי מיגלעך אין נויטפֿאַלן. עס איז אַ שאָד, וואָס אָפֿט מאָל גייען אויס אַזעלכע מענטשן פֿריִער, בעת אַנדערע, ווייניקער ווערט, בלײַבן.

עס זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע מחברים, וואָס שרײַבן וועגן פּאָלאַר־עקספּעדיציעס גלײַך ווי די גאַנצע זאַך קומט אָן גאָר גרינג. זיי זײַנען זיך סומך, דאַכט זיך מיר, אויף אַן עולם, וואָס וועט זאָגן, "אַזאַ גוטער־ברודער איז ער! מיר ווייסן שוין פֿון די גרוילן וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן, אָבער זעט נאָר די קליינִיקייטן וואָס ער מאַכט פֿון די אַלע שוועריקייטן און אָפּקומענישן." אַנדערע האָבן דאָס געמאַכט גאַנץ פֿאַרקערט. איך ווייס ניט צי ס'איז נוציק פּרוּוון מאַכן אַ גרויסן רושם אויף אַן אומוויסנדיקן לייענער צו באַשרײַבן אַ קעלט פֿון 18° - ווי פּוּפֿציק גראַד פֿראָסט. איך וויל טאָן ניט דאָס ניט יענץ. איך מאַך ניט קיין אָנשטעל, אַז דאָס איז געווען עפּעס אַנדערש פֿון אַ גרוילעכער נסיעה, נישקשה געמאַכט, אַפֿילו אײַנגענעם, צו געדענקען דורך די מעלות פֿון די צוויי באַלייטערס מײַנע, וואָס זײַנען אויף יענער וועלט. אין דער זעלבער רגע וויל איך דאָס אַלץ באַשרײַבן ווי מער אימהדיק ווי ס'איז אַזש געווען; דער לייענער דאַרף ניט האָבן קיין מורא, אַז איך טרײַב איבער.

אין משך פֿון דער נאַכט פֿון 3טן יולי איז די טעמפּעראַטור אַראָפּ ביז 65° -, נאָר אין דער פֿרי האָבן מיר אויפֿגעוואַכט (מיר האָבן זיך באמת אויפֿגעכאַפּט אָט דעם אינדערפֿרי) מיט גרויסער פֿאַרלײַכטערונג. איז די טעמפּעראַטור געווען נאָר 27° - מיט אַ ווינט פֿון אפֿשר פֿופֿצן

מײַל אַ שעה און כסדרדיק פֿאַלנדיקן שניי. ס'האָט געדויערט נאָר עטלעכע שעה און מיר האָבן געוווּסט, אַז ס'מוז בלאָזן אַ גוואַלדיקע זאַווערוכע מחוץ דעם אָנווינטיקן געגנט ווו מיר ליגן, אָבער עס האָט אונדז געגעבן צײַט צו שלאָפֿן, זיך אָפּרוען, ווערן דורך און דורך צעגאַנגען, און נאַס, און וואַרעם, אינעווייניק אין די שלאָפֿזעק. בײַ מיר על־כּל־פּנים איז די עפּעס אַ זאַווערוכע געווען גאָר פֿאַרלײַכטערונג, כאָטש מיר אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס געצײַג וועט זײַן וואָס אַ מאָל ערגער ווען די קעלט קערט זיך צוריק. גאַנץ אוממיגלעך ווײַטער צו גיין. במשך פֿון דעם טאָג איז די טעמפּעראַטור אַראָפּגעפֿאַלן ביז 44°-, אויף מאָרגן בײַ נאַכט ביז 54°-.

דער ווייכער נײַ געפֿאַלענער שניי האָט געמאַכט דעם אויבנאויף אויף מאָרגן (דעם 5טן יולי) כּמעט אוממיגלעך. מיר האָבן איבערגעטראָגן, ווי געווײנטלעך, און געשלעפּט אַכט שעה, אָבער מיר זײַנען פֿאָרויס נאָר 1½ מײַלן. די טעמפּעראַטור איז געווען צווישן 55°- און 61°-, און עס איז געווען אויף אַ ווײַלע אַ היפּש ווינטל, מיט אַ פּאַראַליזירנדיקערווירקונג. ס'איז געווען אַרום דער לבֿנה אַ גרויסער ליכטקרײַז, מיט אַ ווערטיקאַלן שטראַל און פֿאַלשע לבֿנות[47]. מיר האָבן געהאָפֿט, אַז מיר הייבן זיך אַרויף אויף דעם לאַנגן שניי־קאַפּ וואָס באַצייכנט דעם אָנהייב פֿון באַרג טעראָר. די נאַכט איז די טעמפּעראַטור געווען 75°-; בײַם פֿרישטיק, 70°-; מיטאָגצײַט, כּמעט 77°-. דער דאָזיקער טאָג לעבט נאָך אין זכּרון ווי דער טאָג ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דאָס שלאָגן רעקאָרדן טויג אויף כּפּרות. דער טערמאָמעטער, וואָס באַוערס האָט מיט אים אַ מאַך געטאָן נאָכן אָנבײַסן 5:51 נאָך מיטאָג, האָט באַוויזן 77.5°-, וואָס איז 109½ גראַד פֿראָסט, און וואָס איז, דאַכט זיך מיר, אַזוי קאַלט ווי מע וואָלט געוואָלט איבערלעבן אין פֿינצטערניש און פֿאַראײַזיקטע כּלים און קליידער. די נידעריקסטע טעמפּעראַטור רעקאָרדירט פֿון אַן *אַנטדעקונג* פֿרילינג־נסיעה פּאַרטיע איז געווען 67.7°-[א], און אין יענע צײַטן איז פֿערצן טעג געווען אַ לאַנגע צײַט פֿאַר אַ פּאַרטיע פֿרילינגצײַט צו זײַן אַוועק שליטלען, און דעמאָלט איז געווען אין העלן טאָג. אָט איז שוין געווען אונדזער צענטער טאָג אין וועג און מיר האָבן זיך געריכט אויף זעקס וואָכן.

צום גליק זײַנען מיר זיך באַגאַנגען אָן ווינט. דאָס נאַקעטע ליכט האָט פֿעסט געברענט בעת מיר טאָפּטשען זיך צוריק אין די טריט צו קריגן דעם צווייטן שליטן, אָבער ווער עס רירט אָן אַ שטיקל מעטאַל אויף אַ בראָכטייל סעקונדע מיט נאַקעטע פֿינגער ווערט אָפּגעפֿרוירן. דאָס פֿאַרפֿעסטיקן די רימענשנאָלן איבער דעם אָנגעלאָדענעם שליטן איז געווען שווער; צו טשעפּען דעם קאָכער אָדער קופֿלען אָדער לעפֿל, דעם פּרימוס אָדער נאַפּטבלעכל נאָך ערגער. ווי אַזוי באַוערס האָט געקענט אַרבעטן מיט די מעטעאָראָלאָגישע כּלים, ווייס איך ניט, נאָר די מעטעאָראָלאָגישע לאָגהעפֿט איז בשלמות געמאַכט. אָבער באַלד ווי מע אָטעמט נאָענט צו אַ בויגן פּאַפּיר איז דאָס געוואָרן גאַנץ באַדעקט מיט אַ הײַטל אײַז וואָס דורך אים וואָלט ניט דורכבײַסן אַ בלײַער. האָבן צו טאָן מיט שטריק איז תּמיד געווען קאַלט און אין אָט די זייער

---

[א] אַ טערמאָמעטער וואָס האָט באַוויזן 77°- בײַ די ווינטער־קוואַרטיר פֿון H.M.S. Alert דעם 4טן מאַרץ 1876 איז אויפֿגעהיט געוואָרן פֿון דער קיניגלעכער געאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט. איך ווייס ניט אויב מע האָט אים פֿאַרשטעלט [פֿון ווינט און נעץ, ד"ה]

נידעריקע טעמפּעראַטורן אַ מוראדיקע קאַלטע אַרבעט. צובינדן אונדזערע געשפּאַנען צו דעם שליטן, וואָס מיר האַלטן בײַם שלעפּן, אָפּבינדן בײַם סוף סטאַדיע, צובינדן די שלאָפֿזעק אין דער פֿרי, פֿאַרפֿעסטיקן דעם קאָכער אויף אײבערל פֿונעם אינסטרומענט־קאַסטן, זײַנען זײ אַלע געווען שלעכט, נאָר גאָר ערגער זײַנען געווען די קלענערע שנירלעך, וואָס זײַנען געוואָרן שפּאַגאַט פֿון אײַז. צווישן די ערגסטע איז דאָס שנירל וואָס בינדט אַרום דעם וואָכנדיקן עסזאַק, און די שנירלעך אַרום די אינעווייניקסטע זעקלעך פֿון פּעמיקאַן, טיי, און פּוטער זײַנען געווען נאָך דינער. אָבער דער אמתער טײַוול איז געווען די שנירלעך פֿון דער געצעלט־טיר: ס'איז געווען ווי דראָט, נאָר מע האָט געמוזט דאָס פֿעסט צובינדן. אויב מע האָט געדאַרפֿט אַרויסגיין פֿונעם געצעלט במשך פֿון די זיבן שעה פֿאַרבראַכט אין די שלאָפֿזעק[48], האָט מען געדאַרפֿט צובינדן אַ שנירל אַזוי שטײַף ווי אַ קאָטשערע, און דערנאָך זיך ווידער צעגיין אין זאַק אַרײַן, דער זאַק גיך געוואָרן האַרט ווי אַ ברעט. דער נאַפֿט איז געווען ספּעציעל געמאַכט מיט אַ ברענפּונקט פּאַסיק אויף נידעריקע טעמפּעראַטורן און איז געוואָרן נאָר אַ ביסל מילכיק; עס איז געווען זייער שווער ברעכן סקאָבקעס פֿונעם פּוטער.

די טעמפּעראַטור די נאַכט איז געווען ‎-75.8°‎, און איך מאַך ניט קיין אָנשטעל, אַז עס האָט מיך ניט אײַנגערעדט, אַז דאַנטע איז געווען גערעכט צו שטעלן די עיגולים אײַז נידעריקער פֿון די עיגולים פֿײַער. פֿונדעסטוועגן האָבן מיר אַ מאָל געשלאָפֿן, און תּמיד געלעגן זיבן שעה. אָבער און ווידער האָט ביל אונדז געפֿרעגט, צי מיר זאָלן זיך צוריקקערן, און יעדעס מאָל האָבן מיר געענטפֿערט אַז ניין. נאָר ס'איז ניטאָ קיין זאַך וואָס וואָלט מיר בעסער געפֿעלן: איך בין גאַנץ זיכער געווען, אַז דאָס חלומען פֿון קאַפּ־קראָזיער איז דער גרעסטער טירוף. דעם טאָג זײַנען מיר פֿאָרויס 1½ מײַלן דורך דער שטרענגסטער טירחה, מיט דער געוויינטלעכער אַריבערטראָג־אַרבעט. דאָס איז געווען גאָר אַ גוטער מאַרש – און קאַפּ־קראָזיער איז 67 מײַלן פֿון קאַפּ־עוואַנס!

ניט איין מאָל אין מײַן קורצן לעבן האָב איך מהדר געווען דעם ווערט פֿון אַ מענטש וואָס ער זעט ניט די קלאָרע שׂכלדיקע זיכערקייט: ער טוט אויף אוממיגלעכקייטן. מיר האָבן ניט גערעדט פֿון די געדאַנקען אונדזערע; מיר האָבן אַרומגערעדט די קומעדיקע שטיין־תּקופֿה, ווען מיר וועלן בויען אַ היימישע וואַרעמע כאַלופּע אויף די שיפּועים פֿון באַרג טעראָר, ברענען פּענגווין־טראָן אינעם אויוון, אײַנמאַכן קליינע קייסערלעך אין מיטן וואַרעמקייט און טרוקנקייט. מיר זײַנען געווען גאָר קלוגע מענטשן און אַוודאי געוווּסט, אַז מיר וועלן ניט געפֿינען קיין פּענגווינען, אַז ס'איז נאַרישקייט ווײַטער צו גיין. פֿונדעסטוועגן, מיט שטילער התמדה, אין פֿולקומער פֿרײַנדשאַפֿט, שיִער ניט צערטלעך, האָבן די צוויי געפֿירט ווײַטער. איך האָב פּשוט געטאָן וואָס מע הייסט.

עס איז אָנגעלייגט, אַז מע זאָל אַרבעטן, עסן, און שלאָפֿן רעגולער, ווערט דאָס אָבער צו אָפּט פֿאַרגעסן בײַם שליטלען. ערשט איצט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיר קענען ניט אַרײַנפּאַקן אַכט שעה מאַרשירן מיט זיבן שעה אין די שלאָפֿזעק אין איין מעת־לעת: די

אײַנגעשטעלטע לאַגער־אַרבעט געדויערט מער ווי נײַן שעה, אַזוי איז דער מצבֿ. האָבן מיר דערפֿאַר אויפֿגעהערט לייגן אַכט אויף דעם גאָר געדוכטן אונטערשייד צווישן נאַכט און טאָג, איז געווען ערשט האַלבער טאָג פֿרײַטיק, דעם 7טן יולי איידער מיר זײַנען אין וועג אַרײַן. די טעמפּעראַטור איז געווען -68°, מיט אַ געדיכטן ווײַסן טומאַן; געוויינטלעך האָבן מיר געהאַט נאָר דעם אומבאַשטימטסטן באַגריף ווו מיר זײַנען, האָבן מיר זיך געלאַגערט 10 אַ זייגער נאָך מיטאָג, מיט 1¾ מײַלן אויפֿן חשבון פֿונעם טאָג. אָבער אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרצן! אַנשטאָט מאַטערן זיך, האָבן אונדזערע הערצער געקלאַפּט נאַטירלעכער; ס'איז געווען גרינגער זיך צו לאַגערן, האָבן מיר געהאַט נאָך אַ ביסל חוש־המישוש אין די הענט, און די פֿיס האָבן ניט געשלאָפֿן. בירדי האָט געמאַכט מיט דעם טערמאָמעטער און ס'איז געווען נאָר -55°. "נו, אויב מיר זאָגן מענטשן, אַז בלויז 87 גראַד פֿראָסט קען זײַן אַן אומגעהײַערע פֿאַרלײַכטערונג, וואָלטן זיי אונדז פּשוט ניט גלייבן," געדענקט איך זאָגן. אפֿשר גלייבט איר ניט, אָבער ס'איז אַלץ איינס אמת; האָב איך געשריבן יענע נאַכט: "ס'איז עפּעס גאַנץ גוט נאָך אַלעמען אין דעם אויפֿטאָן עפּעס וואָס מע האָט קיין מאָל פֿריִער ניט געטאָן." עס פֿאַרבעסערט זיך, איר זעט.

די הערצער האָבן גאַלאַנט געאַרבעט. בײַם סוף מאַרש זײַנען זיי צעשלאָגן, עס איז שווער פֿאַר זיי פּאָמפּען בלוט אין די ענדגלידער. ס'רובֿ טעג פֿרירט אָפּ בײַ מיר און ווילסאָן אַ טייל פֿון די פֿיס. בײַם לאַגערן, דאַכט זיך מיר, די הערצער קלאַפּן לפֿי־ערך פּאַמעלעך און שוואַך.

גאָרנישט וואָס צו טאָן ביז מע האָט צוגעגרייט אַ הייס געטראַנק – טיי בײַם אָנבײַסן, הייס וואַסער בײַ דער וועטשערע. די מינוט מיר האָבן אָנגעהויבן טרינקען איז די פּעולה ווונדערלעך; ס'איז געווען, זאָגט ווילסאָן, ווי מע לייגט אַוועק אַ וואַרעמפֿלאַש לעבן האַרצן. דאָס האַרץ־קלאַפּעניש ווערט זייער גיך און שטאַרק און מע פֿילט ווי די וואַרעמקייט שפּרייט זיך אַרויס און אַראָפּ. דערנאָך טוט מען אויס דאָס שוכוואַרג – די וויקלשנורן (געשניטן אין צוויי און געוויקלט אַרום די הויזן אונטן), פֿינעסקאָ[49], סענעגראָז, האָר־זאָקן[50], און צוויי פּאָר וואָלענע זאָקן. דערנאָך צערטלט מען די פֿיס און פּרוּווט גלייבן, אַז מע פֿרייט זיך – אַן אײַנפֿריר טוט ניט קיין ווייַ ביז ער הייבט אָן צו צעגיין. שפּעטער קומען די פּוכירן, און נאָך שפּעטער שטיקלעך טויטע הויט.

ביל איז געווען באַזאָרגט. ס'ווײַזט זיך אויס, אַז צוויי מאָל איז סקאָט געהאַט געגאַנגען שפּאַצירן מיט אים דעם פֿריִערדיקן ווינטער, געפּרוּווט אים אײַנרעדן ער זאָל ניט גיין, און געווען מסכּים לסוף נאָר מיטן תּנאַי, אַז ער וועט אונדז אַלע צוריקברענגען בשלום: מיר זײַנען אַלע פֿאַר דער דרום־נסיעה. ביל האָט געהאַט גרויסן דרך־ארץ פֿאַר סקאָט, און שפּעטער, ווען מיר האַלטן בײַם פּרוּוון זיך צוריקקערן אַהיים איבערן באַריער, ווען מיר קריכן אויף גלײַכע ווענט, איז ער געווען להוט ניט צו פֿאַרלאָזן קיין אויסריכט הינטן בײַם קאַפּ־קראָזיער, אַפֿילו דאָס וויסנשאַפֿטלעך געצײַג, וואָס קומט אונדז גאָר ניט צו קיין ניץ, און וואָס אַ סך מער פֿון דעם בלײַבט נאָך אַלץ בײַ דער הײַזקע. "סקאָט וועט מיר קיין מאָל ניט מוחל זײַן, אויב איך וואָלט עפּעס דאָ איבערלאָזן," האָט ער געזאָגט. אַ גוטער שליטלען־פּרינציפּ, און אַ פּאַרטיע וואָס

פֿאָלגט אים ניט, אָדער איבערלאָזט אַ טייל פֿון דער לאַסט, מע זאָל דאָס שפּעטער קריגן, איז זעלטן אַ גוטע; אָבער מע קען אויך איבערכאַפּן די מאָס מיט דעם דאָזיקן פּרינציפּ.

און ביל טראָגט איצט שטאַרק דאָס אַחריות פֿאַר אונדז ביידע. ער פֿלעגט זאָגן, אַז ער בעט מחילה, אָבער ער האָט קיין מאָל ניט געחלומט ס'וואָלט זײַן אַזוי שלעכט ווי דאָס. דערפֿאַר וואָס ער האָט אונדז אײַנגעלאַדן קומען, האָט ער זיך געפֿילט שולדיק פֿאַר אונדזערע צרות. אַ פֿירער מיט אַזאַ געפֿיל פֿאַר זײַנע מענטשן קריגט גאָר בעסערע פּעולות, מיט גוטע מענטשן; מיט שלעכטע אָדער אַפֿילו נישקשהדיקע, וועלן זיי פּרוּוון אויסניצן דאָס וואָס זיי האַלטן פֿאַר ווייכקייט.

די טעמפּעראַטור בײַ נאַכט דעם 7טן יולי איז געווען 59°-.

דעם 8טן יולי האָבן מיר געפֿונען דעם ערשטן סימן, אַז אפֿשר קומען מיר שוין צום סוף פֿון דעם ווייכן, שיטיקן, פֿײַל־וואָרצלדיקן שניי. דאָס שלעפּן איז געווען שרעקלעך שווער; נאָר פֿון צײַט צו צײַט האָבן די פֿינעסקאָ דורכגעשטאָכן דורך אַ דינע סקאָרע איידער זיי זינקען טיף אַרײַן. דאָס האָט באַטײַט אַ שטיקל ווינט, און פֿון צײַט צו צײַט זײַנען די פֿיס געקומען אויף אַ האַרטן גליטשיקן שטח אונטער דעם ווייכן שניי. מיר זײַנען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ נעפּל וואָס ער גייט אונדז נאָך, און ווײַט אויבן שײַנט די לבֿנה אויף זײַן דאַך. דאָס קערעווען איז געווען אַזוי שווער ווי דאָס שלעפּן, און פֿיר שעה פֿון דער שווערסטער אַרבעט האָט געבראַכט בלויז 1¼ מײַלן אין דער פֿרי און דרײַ שעה מער נאָך מיטאָג נאָך איין מײַל – און די טעמפּעראַטור איז געווען 57°- מיט אַ ווינטל – שרעקלעך!

פֿרי אין דער פֿרי אויף מאָרגן האָט אָנגעהויבן אַ שניי, מיט אַ געדיכטן טומאַן: ווען מיר האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט קען מען גאָרנישט ניט זען אַבי ווו מע קוקט. נאָך די געוויינטלעכע פֿיר שעה אין דער פֿרי זיך צוגרייטן פֿאַרן אָפּפֿאָר האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז ס'וועט זײַן אוממיגלעך אַריבערצוטראָגן, וואָרן מיר וואָלטן קיין מאָל ניט געקענט געפֿינען דעם וועג צוריק צום צווייטן שליטן. אַ מחיה, וואָס מיר האָבן געקענט שלעפּן די צוויי שליטנס אין איינעם, און איך מיין אַז דאָס איז צוליב דער טעמפּעראַטור, וואָס האָט זיך פֿאַרהעכערט ביז 36°-.

דאָס איז געווען דער פֿערטער טאָג טומאַן פֿאַר אַ צולאָג צו דעם געוויינטלעכן פֿינצטערניש, און מיר האָבן געוווסט, אַז אַוודאי דערנענטערן מיר זיך צו דער יבשה. דאָס וואָלט געווען טעראָר־שפּיץ, און דער טומאַן איז דאָ מסתּמא צוליב דער פֿײַכטער וואַרעמער לופֿט פֿון ים וואָס הייבט זיך אויף דורך די דריק־שפּאַלטן און שפּאַרעס, וואָרן מע נעמט אָן, אַז דאָ שווימט דער באַריער אויפֿן וואַסער.

איך וואָלט אײַך וועלן נעמען אויף דעם גרויסן אײַז־באַריער אין איינעם אַ שטילן אָוונט, ווען די זון האַלט אין גיין נידעריק אין מיטן נאַכט, אײַך באַווײַזן די האַרבסט־צופֿאַרבן אויף ראָס־אינדזל. אַ לעצטער קוק אַרום איידער מע לייגט זיך אַוועק שלאָפֿן, אַ גוטער טאָג מאַרשירן געמאַכט, געננוג פֿײַנער פּעטער פּעמיקאַן געגעסן, מע זאָל זײַן צופֿרידן, דער היימישער רוח

טאַבאַק פֿונעם געצעלט, אַן אײַנגענעם געפֿיל פֿון ווייכן פּעלץ און דעם טיפֿן קומעדיקן שלאָף. און די אַלע ווייכסטע פֿאַרבן וואָס גאָט האָט געשאַפֿן ליגן אינעם שניי; בײַ ערעבוס אויף מערבֿ, ווו דער ווינט האָט קוים געקענט רירן זײַן וואָלקן רויך; און בײַ טעראָר אויף מיזרח, ניט אַזוי הויך, און מער רעגולער אין פֿאָרעם. ווי פֿרידלעך און געהויבן איז דאָס אַלץ.

אָט דאָס האָט איר געמעגט זען מיט פֿיר חדשים צוריק אויב איר וואָלט געווען אויף דעם באַריער־פּליין. גאָר נידעריק, בײַם עקסטן רעכטס, אויף מיזרח פֿון דער יבשה, איז געווען אַ שוואַרצער *שמיר* שטיין, וואָס קוקט זיך אונטער פֿון די גרויסע שניי־זאַווייען; דאָס איז דער קויפּ, און נאָענט דערצו זײַנען געווען די סקאַלעס פֿון קאַפּ־קראָזיער, דער קויפּ אויסזעענדיק זייער נידעריק און די סקאַלעס ניט צו דערזען, כאָטש זיי זײַנען אַכט הונדערט פֿיס אין דער הייך, אַ שטאָציקער תּהום וואָס פֿאַלט אַראָפּ אין ים אַרײַן.

עס איז דאָ בײַ קאַפּ־קראָזיער ווו דער קאַנט פֿונעם באַריער, וואָס שפּרייט זיך פֿיר הונדערט מײַלן ווי אַן אײַזסקאַלע ביז 200 פֿיס אין דער הייך, טרעפֿט זיך מיט דער יבשה. דער באַריער שטויסט זיך אויף אָט דער יבשה מיט אַ גיכקייט פֿון ניט ווייניקער ווי אַ מײַל אַ יאָר. אפֿשר קענט איר זיך פֿאָרשטעלן דעם כאַאָס וואָס ער קויפּט אָן. עס זײַנען דאָ דריקקאַמען וואָס אין פֿאַרגלײַך מיט זיי זײַנען די ים־כוואַליעס ווי אַ געאַקערט פֿעלד. די ערגסטע זײַנען בײַ קאַפּ־קראָזיער אַליין, אָבער זיי ציִען זיך לענג־אויס די דרומדיקע שיפּועים פֿון באַרג טעראָר, פּאַראַלעל מיט דער יבשה, און די שטערונג פֿון קאַפּ־קראָזיער קען מען זען בײַם ווינקל־לאַגער אַ פֿערציק מײַל צוריק אויפֿן באַריער, אין די שפּאַרעס וואָס מיר פֿלעגן זיי געפֿינען און די טיילמאָליקע קאַמען וואָס מיר האָבן געדאַרפֿט אַריבערגיין.

אין די טעג פֿון דער *אַנטדעקונג*־עקספּעדיציע האָט דער אָנדריק געפֿורעמט אַ קליינע בוכטע פּונקט ווו עס שטויסט זיך אָן אין קאַפּ־קראָזיער, און אויפֿן ים־אײַז פֿאַרפֿרוירן אין דער דאָזיקער בוכטע האָבן די לײַט פֿון דער *אַנטדעקונג* געפֿונען דעם איינציקן נעסט־שטח פֿון קייסער־פּענגווינען אַ מאָל דערזען. דאָס אײַז דאָ ווערט ניט אַוועקגעבלאָזן פֿון די זאַווערוכעס, וואָס ראַמען אָפּ דאָס אײַז פֿונעם ראָס־ים, און אָפֿן וואַסער אָדער אָפֿענע שפּאַרונעס זײַנען תּמיד נאָענט. אָט דאָס שטעלט צו די קייסאָרים אַן אָרט פֿאַרן לייגן אייער און אַ געלעגנהייט צו קריגן עסן. דערפֿאַר האָבן מיר געדאַרפֿט געפֿינען אַ וועג פֿאַזע דעם אָנדריק ביז צו דעם קויפּ, און דערנאָך דורכדרינגען *דורך* דעם אָנדריק ביז צו דער בוכטע פֿון די קייסאָרים. און מיר האָבן אַלץ געדאַרפֿט טאָן אינעם פֿינצטערניש.

טעראָר־שפּיץ, וואָס מיר קומען צו צו אים אין דעם טומאַן, איז קאַרג צוואַנציק מײַל פֿון דעם קויפּ, און ענדיקט זיך אין אַ לאַנגער שניי־צונג, וואָס שטויסט זיך אָן אין דעם באַריער. מע איז אָפֿט מאָל געגאַנגען דורך דאַנען אין די *אַנטדעקונג* טעג, אין העלן טאָג, און ווילסאָן האָט געוווּסט פֿון אַן ענגער סטעשקע אָן שום שפּאַרעס, וואָס גייט אַרום צווישן דעם באַרג און די דריקקאַמען פּאַראַלעל. נאָר ס'איז איין זאַך צו גיין לענג־אויס אַ קאָרידאָר בײַ טאָג, און גאַנץ אַנדערש פּרוּוון אַזוי צו טאָן בײַ נאַכט, בפֿרט ווען ס'זײַנען ניטאָ קיין ווענט צו פֿאַרריכטן דעם

גאַנג – נאָר שפּאַרעס. סײַ ווי סײַ מוז טעראָר־שפּיץ זײַן ערגעץ נאָענט צו אונדז איצט, און אומקלאָר פֿאַר אונדז איז געווען אָט דער פּאַס שניי, ניט באַריער ניט באַרג, וואָס איז דער איינציקער וועג פֿאָרויס.

מיר האָבן אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, איצט וואָס די אויגן זײַנען מער־ווייניקער אָן אַ נוץ, וויפֿל מיר קענען טאָן מיט די פֿיס און די אויערן. די פּעולה פֿון גיין אין פֿינעסקאָ איז גאָר ווי גיין אין הענטשקעס, און מע באַקומט אַזאַ חוש־המישוש וואָס מע קריגט נאָר פֿון נאַקעטע פֿיס. אַזוי האָבן מיר געקענט דערפֿילן אַלע קליינע וואַריאַציעס אין אייבערפֿלאַך, אַלע סקאָרעס, וואָס דורך זיי שלאָגן זיך דורך די פֿיס, אַלע פֿאַרהאַרטעוועטע שטחים אונטערן ווייכן שניי. און באַלד האָבן מיר אָנגעהויבן זיך פֿאַרלאָזן וואָס ווײַטער אויפֿן קלאַנג פֿון די טריט צו באַווײַזן צי מיר זײַנען אויף שפּאַרעס צי אויף האַרטער ערד. פֿון איצט אָן זײַנען מיר כּסדר געקראָכן צווישן שפּאַרעס. איך האָב זיי שטאַרק פֿײַנט אין מיטן העלן טאָג, ווען מע קען זיי גרינג אויסמײַדן, אויך דעמאָלט אַז מע פֿאַלט אַרײַן אין זיי, קען מען על־כּל־פּנים זען ווו די זײַטן זײַנען, ווו זיי פֿירן, און ווי אַזוי צו דראַפּען זיך אַרויס; ווען אײַערע באַלייטערס קענען אויסטראַכטן עפּעס אָפּצושטעלן דעם שליטן, וואָס צו אים זײַט איר נאָך אַלץ פֿאַרבונדן מיטן געשפּאַן; וואָס איז דער זיכערסטער אופֿן פֿאַרן האַלטן דעם שליטן בײַם אָפּשטעל; ווי אַזוי, אַז איר הענגט אַראָפּ פּופֿצן פֿוס אַרײַן אין אַ שפּאַלט, צו אַרבעטן פֿון אויבן כּדי צו ציִען אײַך אַרויס נאָך אַ מאָל אויף דער אייבערפֿלאַך. און דעמאָלט זײַנען געווען אונדזערע קליידער בכלל עפּעס ווי קליידער. אַפֿילו בײַ אידעאַלע צושטאַנדן פֿון גוטער ליכט, וואַרעמקייט, אָן ווינט, זײַנען שפּאַרעס רציחהדיק, צי איר שלעפּט איבער אַ גלײַכער און גלאַטער שנייִקער אייבערפֿלאַך, קיין מאָל ניט ווייסנדיק ווען איר וועט אַראָפּפֿאַלן אין אַ גרוב אָן דנאָ, צי איר יאָגט זיך נאָך דעם אַלפּינשטריק און שליטן, כּדי צו העלפֿן אַ באַלייטער וואָס איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. איצט קומען מיר אַ מאָל צו חלום די שלעכטע טעג וואָס מיר האָבן געהאַט אויף דעם בירדמאָר[51] און אין ערגעץ אַנדערש, ווען מענטשן זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן, זיך פֿאַרטשעפּעט, געהאַנגען פֿון דער פּולער לענג געשפּאַן אַ סך מאָל אין אַ שעה. בײַ דעם זעלבן שליטן מיט מיר אויף דעם בירדמאָר איז איינער אַראָפּ איין מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ, און אַ צווייטער אַכט מאָל ביזן עק געשפּאַן אין 25 מינוט. און שטענדיק האָט מען געדאגהט צי דער געשפּאַן וועט האַלטן ווען ס'קומט דער דריגע. אָבער יענע טעג זײַנען געווען ווי אַ זונטיק־שולע לאַקעטקע אין פֿאַרגלײַך מיט אונדזערע טעג פֿון בלענדעניש מיט די קייסער־פּענגווינען צווישן די שפּאַרעס פֿון קאַפּ־קראָזיער.

די צרות זײַנען שטאַרק פֿאַרגרעסערט געוואָרן צוליב דעם מצבֿ פֿון די קליידער. אויב מיר וואָלטן געווען אָנגעטאָן אין בלײַ וואָלטן מיר גרינגער געקענט באַוועגן די אָרעמס און קאַרקעס און קעפּ ווי איצט. אויב דער זעלביקער סכום אײַז האָט זיך פֿאַרשפּרייט אויף די פֿיס, מיין איך אַז מיר וואָלטן געווען נאָך אַלץ דאָרט, שטייענדיק, וואָלטן ניט געקענט זיך רירן פֿון אָרט; אָבער צום גליק זײַנען געבליבן באַוועגלעך די קראָקן פֿון די הויזן. אָנצוטאָן דעם קאַנווענעם געשפּאַן איז געווען דער אַבסורדסטער עסק. גאָר אין די ערשטע טעג פֿון דער נסיעה האָבן מיר געטראָפֿן

אָט די צרה, און אַ ביסל תּמעוואַטע באַשלאָסן ניט אויסצוטאָן די געשפּאַנען בײַם אָנבײַסן. די געשפּאַנען זײַנען זיך צעגאַנגען אינעם געצעלט און ווידער זיך פֿאַרפֿרוירן האַרט ווי ברעטער. פּונקט אַזוי זײַנען געווען די קליידער האַרט ווי ברעטער און אַרויסגעשטאַרצט פֿון די קערפּערס אין אַלע געמאָלטע פֿאַלבן און ווינקלען. צו פֿאַסן איין ברעט איבערן צווייטן האָט באַדאַרפֿט די פֿאַראייניקטע טירחות פֿון דעם טראָגער־צו־זײַן מיט זײַנע צוויי באַלייטערס, און דעם פּראָצעס האָט מען געדאַרפֿט איבערחזרן פֿאַר יעדן פֿון אונדז צוויי מאָל אַ טאָג. גאָט אַליין ווייסט ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט; אָבער עס האָט ניט געקענט זײַן ווייניקער ווי פֿינף מינוטן שלאָגן אויף יעדן.

בעת מיר דערנענטערן זיך צו טעראָר־שפּיץ אינעם טומן, האָבן מיר דערפֿילט, אַז מיר זײַנען אַרויף און אַראָפּ איבער עטלעכע אויפֿשטײַגן. פֿון צײַט צו צײַט האָבן מיר דערפֿילט האַרטן גליטשיקן שניי אונטער די פֿיס. פֿון צײַט צו צײַט האָבן די פֿיס דורכגעבראָכן דורך סקאָרעס אין דער אייבערפֿלאַך. און דעמאָלט, גאָר פּלוצעם, האָט זיך דערזען פֿאַר אונדז עפּעס אומקלאָרס, אומבאַשטימטס, ווילדס. איך געדענק, אַז איך האָב געהאַט אַ געפֿיל פֿון רוחות בעת מיר האָבן אָפּגעקניפּט די געשפּאַנען פֿון די שליטנס, צוגעבונדן זיי צוזאַמען, און אַזוי צוגעכאַפּט מיטן שטריק געגאַנגען באַרג־אַרויף אויף אָט דעם אײַז. די לבֿנה האָט באַוויזן אַ מאַקאַברישן אָפּגעריסענעם באַרגיקן קאַנט אויבן אונדז אינעם טומאַן, און בעת מיר קריכן אַרויף, האָבן מיר געפֿונען, אַז מיר זײַנען אויף אַ דריקקאַם. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט איינער אויף די אַנדערע, און מיט אַ מאָל – *טראַך* – פּונקט אונטער די פֿיס. נאָך טראַסקן, און סקריפּן און קרעכצן; וואָרן דאָס אײַז באַוועגט זיך און שפּאַלט זיך ווי גלאָז. די שפּאַלטן מיט די טראַסקן האָבן אויסגעשאָסן אומעטום אַרום און אַרום, און עטלעכע פֿון זיי האָבן זיך געצויגן הונדערטער יאַרדן. דערנאָכדעם האָבן מיר זיך צוגעוווינט צו דעם, נאָר צום ערשטן איז דער עפֿעקט זייער אויפֿשרעקנדיק. פֿון אָנהייב ביז סוף פֿון דער נסיעה האָבן מיר געהאַט אַ סך פֿאַרשיידנקייט און ניט קיין מאָנאָטאָנקייט וואָס זי איז אומפֿאַרמײַדלעך בײַם שליטלען איבער אַ מהלך־רבֿ זומערצײַט אויפֿן באַריער. בלויז די לאַנגע אָנפֿאַלן פֿון ציטערן, איינער נאָענט נאָכן צווייטן אַבי ווען מיר ליגן אין די מוראדיקע שלאָפֿזעק, שעה נאָך שעה, נאַכט נאָך נאַכט אין אַזעלכע טעמפּעראַטורן – זיי זײַנען געווען וואָס מאָנאָטאָנער. שפּעטער זײַנען מיר אָפּגעפֿרוירן געוואָרן אַפֿילו ווען מיר ליגן אין די שלאָפֿזעק. גאָר שלעכט, אַז מע פֿרירט זיך אָפּ אין דעם זאַק.

עס איז געווען נאָר אַ גלי ווו די לבֿנה איז; מיר זײַנען געשטאַנען אין אַ לבֿנה־באַלויכטענעם טומאַן, האָט דאָס געקלעקט צו באַווײַזן דעם קאַנט פֿון אַ צווייטן קאַם פֿאָרויס, און נאָך אַ דריטער אויף לינקס. מיר זײַנען געווען גאַנץ געפּלעפֿט. דער טיפֿער דונער פֿונעם אײַז האָט ווײַטער געקלונגען און עס קען זײַן, אַז דער ים־פֿלייץ האָט עפּעס צו טאָן מיט דעם, כאָטש מיר זײַנען געווען שוין אַ סך מײַלן פֿון דעם געווײנטלעכן ברעג־אײַז. מיר האָבן זיך צוריקגעקערט, זיך צוגעבונדן צו די שליטנס נאָך אַ מאָל און געשלעפּט אין וואָס מיר האָבן געהאַלטן פֿאַר דער ריכטיקער ריכטונג, תּמיד מיטן געפֿיל וואָס מע האָט אין אויפֿגעשפּאָלטענע געגנטן, אַז די ערד

וועט אפֿשר עפּענען זיך אונטער די פֿיס. אָבער מיר האָבן נאָר געפֿונען נאָך קויפּן און הויפֿנס שניי און אײַז, וואָס אין זיי האָבן מיר זיך כּמעט אָנגעשטויסן, איידער מיר האָבן זיי דערזען. עס איז געווען קלאָר, אַז מיר האָבן זיך פֿאַרבלאָנדזשעט. ס'איז געווען באַלד האַלבע נאַכט, האָב איך געשריבן "אפֿשר זײַנען דאָ דריקקאַמען צי אפֿשר איז דאָס טעראָר, מע קען ניט זאָגן – מיר דאַכט זיך אַז מיר דאַרפֿן דאָ בלײַבן ביז עס לײַטערט זיך אויס. מיר האָבן געהאַט געקערעוועט אויף צפֿון־מיזרח ווען מיר זײַנען דאָ אָנגעקומען, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אויף דרום־מערבֿ ביז מיר זײַנען אַרײַן אין אַ דאָלענע און זיך געלאַגערט."

די טעמפּעראַטור האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון -36° עלף אַ זייגער פֿ"מ ביז -27° איצט; עס איז געגאַנגען אַ שניי און מע קען גאָרנישט ניט זען. פֿון אונטערן געצעלט קומען קלאַנגען אַזוי ווי איינער אַ ריז טראַסקעט אויף אַ גרויסער ליידיקער ציסטערנע. אַלע סימנים פֿון אַ זאַווערוכע, און באמת, באַלד נאָך וועטשערע, בעת מיר שמעלצן זיך צו ביסלעך אין די זעקלעך אַרײַן, קערט דער ווינט אַוועק פֿון דרום. איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן מיר געכאַפּט אַ בליק אויף שוואַרצן שטיין, זיך דערוווּסט, אַז מיר מוזן זײַן אין די דריקקאַמען, ווו זיי קומען נאָענט אונטערן באַרג טעראָר.

ס'איז מיר אַ גרויסער חידוש, קוקנדיק אין די רעקאָרדן, צו געפֿינען אַז די זאַווערוכע האָט געדויערט דרײַ טעג, די טעמפּעראַטור און דער ווינד האָבן זיך אויפֿגעהויבן ביז +9° און כּוח־9[52] אין דער פֿרי פֿונעם צווייטן טאָג (11טן יולי). אין דער פֿרי דעם דריטן טאָג (12טן יולי) האָט געבלאָזן מיט שטורעם־כּוח (כּוח־10[53]). די טעמפּעראַטור האָט זיך אַזויערנאָך אויפֿגעהויבן מער ווי אַכציק גראַד.

עס איז ניט געווען קיין אומבאַקוועמע צײַט. נאַס און וואַרעם, האָט די אויפֿגעהויבענע טעמפּעראַטור געלאָזט, אַז דאָס גאַנצע אײַז אונדזערס איז וואַסער געוואָרן, און מיר זײַנען געלעגן פֿאַרענדיק און שיין גיסיק, טראַכטנדיק אַ מאָל ווי אַזוי וועט זײַן ווען דאָס אַלץ ווערט פֿאַרפֿרוירן נאָך אַ מאָל. אָבער מיר האָבן ניט קיין סך געטראַכט, מיין איך – מיר האָבן געשלאָפֿן. פֿון אַזאַ קוקווינקל זײַנען אָט די זאַווערוכעס געווען אַ פֿולקומע גאָטס גאָב.

מיר האָבן אויך איבערגעאַרבעט די עסן־ראַציעס. פֿון סאַמע אָנהייב זיך צוגרייטן אויף דער דאָזיקער נסיעה האָט סקאָט אונדז געבעטן מיר זאָלן פּרוּוון געוויסע עקספּערימענטן צוליב דער פּלאַטאָ־סטאַדיע פֿון דער פּאָלוס־נסיעה דעם קומעדיקן זומער. מע האָט אָנגענומען, אַז די פּלאַטאָ־סטאַדיע וועט זײַן דער רעכט האַרבער טייל פֿון דער פּאָלוס־נסיעה, און קיינעם האָט זיך דעמאָלט ניט געחלומט, אַז מע וואָלט געקענט געפֿינען שווערערע צושטאַנדן אין מיטן באַריער אין מאַרץ ווי אויף דער פּלאַטאָ, צען טויזנט פֿיס העכער, אין פֿעברואַר. קוקנדיק אויף די שטרענגע צושטאַנדן, וואָס מיר האָבן געווּסט מיר מוזן זיי אָנטרעפֿן במשך פֿון אָט דער ווינטער־נסיעה, גאָר שטרענגער אַוודאי לגבי דעם וועטער ווי אַבי וואָס וועט פֿאָרקומען אויף דער פּאָלוס־נסיעה, האָבן מיר באַשטימט צו פֿאַרפּשוטערן דעם עסן וואָס מיגלעכער. מיר האָבן מיטגעבראַכט פּעמיקאַן, ביסקוויטן, פּוטער, און טיי; און טיי איז ניט קיין עסן, נאָר אַן אײַנגענעם

מינטערעכץ, און הייס; דאָס פּעמיקאַן איז געווען אויסגעצייכנט, געקומען פֿון דער פֿירמע באָווי, קאָפּנהייגן.

די דירעקטע מעלה פֿון דעם אַלץ איז, אַז מיר האָבן ווייניק זעקלעך עסן וואָס מיר דאַרפֿן מיט זיי באַהאַנדלען אויף אַ מאָלצײַט. אויב די טעמפּעראַטור פֿון דער לופֿט שטייט בײַ 100 גראַד פֿראָסט, איז אַלצדינג וואָס שטייט אין דער לופֿטן אויך 100 גראַד פֿראָסט. מע דאַרף נאָר אויפֿבינדן די שנירלעך פֿון איין זעקל בײַ אַ טעמפּעראַטור פֿון 70°-, מיט די פּיס פֿאַרפֿרירן און די פֿינגער קוים פֿאַרהיילט נאָכדעם וואָס מע האָט געפֿונען אַ שוועבעלע מיט פֿלאַם אָנצוצינדן דאָס ליכט (מע האָט געדאַרפֿט פּרוּוון עטלעכע קעסטלעך – פֿון מעטאַל), צו דערקענען אַז דאָס איז אַ מעלה.

דער דירעקטער און אַלץ דרינגלעכערער חסרון איז, אַז מע האָט ניט קיין צוקער. צי האָט איר אַ מאָל אַ באַגער נאָך צוקער, וואָס טשעפּעט זיך צו אײַך, אַפֿילו בײַם שלאָפֿן? ס'איז אומבאַקוועם. דעם אמת געזאָגט, האָט אונדז דער באַגער נאָך זיסוואַרג קיין מאָל ניט ערנסט געאַרט אויף דער אָ נסיעה, און ס'האָט געדאַרפֿט זײַן, אַז ס'איז געווען אַ שטיקל צוקער אין די ביסקוויטן, וואָס האָט צוגעגעבן אַ זיסן טעם בײַ טיי מיטאָגצײַט אָדער בײַ דעם הייסן וואַסער פֿאַרנאַכטצײַט, ווען מע ברעקלט זיי און זאַפּט זיי אײַן אין געטראַנק אַרײַן. די ביסקוויטן האָבן ספּעציעל געמאַכט פֿאַר אונדז האָנטלי און פּאַלמער; זייער באַשטאַנד האָבן אויסגעאַרבעט ווילסאָן און דער כעמיקער פֿון דער פֿירמע, און עס איז אַ סוד. נאָר זיי זײַנען מסתּמא די אָנזעטיקנדיקסטע ביסקוויטן וואָס מע האָט ווען עס איז געבאַקן, און איך ספֿק צי מע קען זיי פֿאַרבעסערן. עס זײַנען געווען צוויי זגאַלן, גערופֿן נויטפֿאַל און אַנטאַרקטיק, אָבער איך מיין, אַז ס'איז געווען ניט קיין גרויסער חילוק צווישן זיי, אַחוץ דעם באַקן. אַ גוט געבאַקענער ביסקוויט האָט אַ גוטן טעם בײַם שליטלען אויב מע האָט גענוג עסן; אַז מען איז זייער הונגעריק, געפֿעלט גאָר שטאַרקער אַן אונטערגעבאַקענער.

דורך דעם וואָס יעדער האָט געגעסן פֿאַרשיידענע סכומען ביסקוויט, פּעמיקאַן, און פּוטער, האָבן מיר געקענט מער־ווייניקער אויספּרוּוון די פּראָפּאָרציעס פֿון פּראָטעינען, פֿעטסן, און קאַרבאָהידראַטן וואָס דער מענטשלעכער גוף באַדאַרף עסן אין אַזעלכע שטרענגע צושטאַנדן. ביל איז געווען אַ בעלן אויף פֿעטס, אָנגעהויבן מיט 8 אונצן פּוטער, 12 אונצן פּעמיקאַן, און נאָר 12 אונצן ביסקוויט אַ טאָג. באַוערס האָט מיר געזאָגט, ער וועט פּרוּוון עסן פּראָטעינען, 16 אונצן פּעמיקאַן און 16 אונצן ביסקוויט, און האָט פֿירגעלייגט, אַז איך זאָל גיין שטאַרק אויף קאַרבאָהידראַטן. דאָס איז מיר ניט געפֿעלן, וואָרן איך האָב שוין געוווּסט, אַז איך וואָלט ווען האָבן מער פֿעטס, אָבער פֿאַר נויט וואָלטן מיר איבערבײַטן די ראַציעס במשך פֿון דער נסיעה, קען ניט שאַטן פּרוּוון. האָב איך אָנגעהויבן מיט 20 אונצן ביסקוויט און 12 אונצן פּעמיקאַן אַ טאָג.

בײַ באַוערסן איז אַלץ גאַנץ גוט (ווי געוויינטלעך בײַ אים), אָבער ער האָט ניט אויפֿגעגעסן אין גאַנצן זײַן איבעריקן פּעמיקאַן. ביל האָט ניט געקענט אויפֿעסן אין גאַנצן זײַן איבעריקע

פּוטער, אָבער ער איז געווען זאַט. איך בין הונגעריק געוואָרן, געוויס אָפּגעפֿרוירן געוואָרן מער ווי די אַנדערע, און געוואָלט האָבן מער פּעטס. איך האָב אויך געקראָגן ברענעניש אונטערן האַרצן. נישמער, איידער איך האָב גענומען מער פּעטס האָב איך פֿאַרגרעסערט מײַן ביסקוויט ביז 24 אונצן, אָבער נאָך אַלץ בין איך ניט זאַט געוואָרן; איך האָב געוואָלט פּעטס. ביל און איך האָבן אָנגענומען די זעלביקע דיעטע: ער האָט מיר געגעבן 4 אונצן פּוטער, וואָס ער האָט ניט געקענט עסן און איך האָב אים געגעבן 4 אונצן ביסקוויט וואָס האָט מיך ניט געזעטיקט. האָבן מיר ביידע געהאַט 12 אונצן פּעמיקאַן, 16 אונצן ביסקוויט, און 4 אונצן פּוטער אַ טאָג, אָבער ניט אַלע מאָל האָבן מיר געקענט אויפֿעסן די פּוטער. אָט דאָס איז גאָר אַ גוטע ראַציע, און מיר האָבן געהאַט גענוג צו עסן במשך ס׳רובֿ נסיעה. אַוודאי וואָלטן מיר ניט געקענט איבערלעבן די צושטאַנדן אָן דעם.

איך וועל ניט זאָגן, אַז ס׳איז מיר געווען גאַנץ לײַכט אויפֿן האַרצן בעת מיר וואַרטן איבער די זאַווערוכע אין ערגעץ ניט ווײַט פֿון טעראָר־שפּיץ; איך ווייס ניט ווי עס איז געווען מיט די אַנדערע. דאָס גאָר משונהדיקע טראַסקערײַ וואָס טוט זיך אָפּ אונטער אונדז האָט אפֿשר געהאַט עפּעס צו טאָן מיט אָט דעם געפֿיל. אָבער מיר זײַנען געווען גוט פֿאַרבלאָנדזשעט אינעם דריק און אפֿשר וועלן מיר דאַרפֿן קריכן פֿון דער הויט זיך אויסצודרייען אין דעם פֿינצטערניש. דער ווינט האָט זיך אַרומגעדרייט און געוויכערט גאָר אַנדערש פֿון זײַן געוויינטלעכן דירעקטן שטייגער, איז דאָס געצעלט גאָר פֿאַרשאָטן געוואָרן מיט שניי און דער שליטן איז געהאַט פֿאַרשווונדן געוואָרן שוין לאַנג צוריק. די לאַגע איז ניט אין גאַנצן קיין באַקוועמע.

דינסטיק אין אָוונט און מיטוואָך האָט געבלאָזן ביז כּוח־10, די טעמפּעראַטור פֿון 7°- ביז 2°+. און עס האָט זיך דערנאָך געביטן און געוואָרן שטאַרק פּלאָשיק. ביז 3 אַ זייגער בײַ נאַכט דעם דאָנערשטיק (13טן יולי) האָט דער ווינט שיִער ניט אויפֿגעהערט בלאָזן, די טעמפּעראַטור איז אַראָפּגעפֿאַלן, און די שטערן האָבן געגלאַנצט דורך צעבראָכענע וואָלקנס. מיר זײַנען שוין באַלד בײַם פֿרישטיק, וואָס איז אַלע מאָל געווען טיי מיט פּעמיקאַן דערנאָך. מיר האָבן אײַנגעטונקען די ביסקוויטן אין ביידע. דערנאָך האָבן מיר גענומען אַרבעטן אויסצוגראָבן די שליטנס און געצעלט, אַ היפּש שטיקל אַרבעט, געדויערט עטלעכע שעה. סוף־כּל־סוף האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. אין דעם דריגעדיקן אופֿן ווי איך האָב זיך נאָך אַלץ געספּראַוועט פֿאַרצייכענען אַ פּאָר זאַצן אַלע נאַכט ווי אַ רעקאָרד. איך האָב געשריבן:

> געגאַנגען 7½ מײַל הײַנט – דאַכט זיך אַ ווונדערלעכער גאַנג – אַרויף און אַראָפּ איבער עטלעכע קאַמען פֿון טעראָר – נאָך מיטאָג פּלוצעם אָנגעקומען אין ריזיקע שפּאַרעס אויף איינעם אַ קאַם – מיר זײַנען געווען גאָר הויך אויף טעראָר – די לבֿנה האָט אונדז געראַטעוועט איידער מיר זײַנען אַרײַן – ס׳האָט געקענט אײַנשלינגען דעם שליטן מיט אַלצדינג.

צו דערגרייכן זיבן מײַל אין איין טאָג, אַ מהלך וואָס האָט אונדז פֿריִער געדויערט איין וואָך, איז געווען גאָר לײַכטער אויפֿן האַרצן. די טעמפּעראַטור איז געווען צווישן 20°- און 30°- דעם

גאַנצן טאָג, איז דאָס אויך געווען גוט. אַריבערגייענדיק איבער די כוואַליעס וואָס פֿירן אַראָפּ פֿונעם באַרג ביז די אמתע דריקקאַמען אויף רעכטס האָבן מיר געפֿונען, אַז דער ווינט, וואָס קומט אַראָפּ פֿונעם באַרג, האָט זיך געשטויסן אויבן אויף דער כוואַליע און, שטראָמענדיק אין ביידע ריכטונגען, געמאַכט אַ צפֿון־מיזרח־ווינטל אויף איין זײַט און אַ צפֿון־מערבֿ־ווינטל אויף דער צווייטער זײַט. עס האָט אויסגעזען ווי ס'איז דאָ אַ ווינט אויבן אין הימל, און די זאַווערוכע האָט זיך ניט אַוועקגענומען אַזוי ווײַט ווי מיר האָבן געוואָלט.

במשך פֿון דער צײַט ביז איצט האָבן מיר אויסגעהאַלטן נאָר דורך ברענען מער נאַפֿט ווי מע טוט געוויינטלעך בײַם קאָכן. נאָכדעם וואָס מע קאָכט אָפּ אַ מאָלצײַט, האָבן מיר געלאָזט ברענען דעם פּרימוס כּדי אָנצוּוואַרעמען דאָס געצעלט. אַזוי האָבן מיר געקענט היילן די געפֿרוירענע פֿיס און אויפֿטאָן אַבי וואָס נייטיקע קליינע פֿאַרדינסטלעך. עפֿטער זײַנען מיר נאָר געזעסן און אײַנגעדרעמלט אויף עטלעכע מינוטן, יעדער האַלט אָפּ די אַנדערע פֿון טיף אײַנשלאָפֿן. אָבער ס'איז געווען אַ שאָד דער נאַפֿט. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט 6 איין־גאַלאָן בלעכלעך (אויף אָט די זעלביקע בלעכלעך האָט סקאָט געהאַט געזאָגט מבֿינות), און פֿיר זײַנען שוין אַוועק. בײַם אָנהייב האָבן מיר געזאָגט, אַז מיר דאַרפֿן האַלטן וויניקסטנס צוויי פֿאַרן צוריקקער; איצט אָבער האָבן מיר געמינערט די אָפּשאַצונג ביז נאָר איין אָנגעפֿילט גאַלאָן־בלעכל מיט צוויי אָנגעפֿילטע פּרימוסן. די שלאָפֿזעק זײַנען געווען שרעקלעך. עס האָט מיר געדויערט, אַפֿילו אַזוי פֿרי אין דער נסיעה ווי איצט, אַ שעה שטורכען און טופּן און קראַמפּ אַלע נאַכט איידער איך האָב געקענט לאָזן אָפּגיין גענוג פֿונעם זאַק אַרײַנצוקריכן. דאָס איז אַפֿילו ניט געווען אַזוי שלעכט ווי ליגן אין זיי ווען מיר זײַנען שוין אַרײַן.

נאָר ‎-35°‎ אָבער "זייער אַ שלעכטע נאַכט" לויט מײַן טאָגביכל. מיר זײַנען באַלד אַוועק, אָבער ס'איז געווען אַ גרויליקער טאָג און מײַנע נערוון האָבן זיך געפּאָרפּלט בײַם סוף, וואָרן מיר האָבן ניט געקענט געפֿינען דעם גלײַכן ענגן וועג וואָס פֿירט צווישן די שפּאַרעס אויף ביידע זײַטן. אָבער און ווידער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיר פֿאַרבלאָנדזשען דורך דעם פּלוצעמדיקן פֿאַל פֿון דער ערד אונטער די פֿיס – מיר זײַנען אַרײַן און דעמאָלט – "זײַנען מיר צו ווײַט אויף רעכטס?" – קיינער ווייסט ניט – "נו, לאָמיר פּרווון גיין נעענטער לעבן דעם באַרג" – און אַזוי ווײַטער!

> דורך שווערן אָנשטרענג, 2¾ מײַלן הײַנט אין דער פֿרי – דערנאָך ווײַטער אין געדיכטן חושך, וואָס האָט זיך פּלוצעם אויפֿגעהויבן און מיר האָבן זיך דערטאַפּט אונטער אַ ריזיקן גרויסן באַרג פֿון אַ דריקקאַם, גאָר שוואַרץ אינעם שאָטן. מיר זײַנען ווײַטער געגאַנגען, זיך אָפּווענדן אויף לינקס, ווען ביל איז געפֿאַלן מיט דעם אָרעם אַרײַן אין אַ שפּאַרע. מיר זײַנען אַריבערגעגאַנגען איבער אָט דער שפּאַרע און נאָך אַ צווייטער, און אין אַ ווײַל אַרום אָנגעקומען ערגעץ ווו אַרויף אויף לינקס, און ביל און איך האָבן ביידע אַרײַנגעשטעקט אַ פֿוס אין אַ שפּאַרע אַרײַן. מיר האָבן זאָנדירט אַרום און אַרום און אומעטום איז

געווען הויל, האָבן מיר אַראָפּגעלאָזט דעם שליטן איבער איר און ס'איז אונדז געראָטן.[א׳]

אַ מאָל זײַנען מיר פּונקט אַרײַן אינעם דריק און עס האָט געדויערט אַ היפּש שטיקל צײַט אַרויסצוקריכן. ביל האָט פֿאַרלענגערט זײַן געשפּאַן מיטן באַרגשטריק איצט און אָפֿט מאָל שפּעטער, האָט ער געפֿונען די שפּאַרעס ווײַט פֿאַר אונדז און דעם שליטן: וויל בײַ אונדז אָבער ניט אַזוי וויל בײַ ביל. אין מיטן שפּאַרעס אין דעם פֿינצטערניש ווערט מען *טאַקע* נערוועז.

ווען מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו מאָרגנס (דעם 15טן יולי), האָבן מיר געקענט זען פֿאָרנט אויף לינקס און מער־ווייניקער איבער אונדז דעם קויפּ, וואָס איז אַ גרויס בערגל וואָס זײַנע תּהומיקע סקאַלעס לעבן ים פֿורעמען אויס קאַפּ־קראָזיער. זײַנע זײַטן גייען באַרג־אַראָפּ צו אונדז צו, און אָנשטויפּנדיק קעגן זײַנע אײַזסקאַלעס פֿאָרויס זײַנען געווען שוין מײַלן און מײַלן פֿון גרויסע דריקקאַמען, וואָס לענג־אויס זיי זײַנען מיר געקומען און וואָס זיי האָבן אונדז אײַנגעצאַמט. באַרג טעראָר הייבט זיך אויף צען טויזנט פֿיס אין דער הייך אויף לינקס, און פֿאַרבינדט זיך מיט דעם קויפּ דורך אַ גרויסן כּוסעדיקן זאַוויי ווינט־פֿאָלירטן שניי. דער שיפּוע דערפֿון פֿירט אין איין אָרט מילד אין דעם קאָרידאָר, וואָס דורך אים האָבן מיר געשליטלט, און דאָ האָבן מיר זיך פֿאַרקערעוועט און אָנגעהויבן שלעפּן די שליטנס[54] אַרויף. עס זײַנען ניט געווען קיין שפּאַרעס, נאָר דער גרויסער זאַוויי שניי, וואָס איז געווען אַזוי האַרט, אַז מיר האָבן געניצט די קראַמפּאָנס גלײַך ווי מיר וואָלטן געווען אויף אײַז, און אַזוי פּאָלירט ווי די פּאָרצעלײַענע זײַטן פֿון אַ ריזיקן כּוס, וואָס ס'איז ענלעך דערויף. אויף אַ דרײַ מײַל האָבן מיר זיך אָנגעשטרענגט באַרג־אַרויף, ביז מיר זײַנען אָנגעקומען נאָר 150 יאַרדן פֿון דעם מאָרענע־פֿאַך ווו מיר זאָלן בויען אונדזער כאַלופּע פֿון שטיינער און שניי. אָט די מאָרענע איז געלעגן איבער אונדז אויף לינקס, די צווילינגשפּיצן פֿון דעם קויפּ איבערן כּוס אויף רעכטס; און דאָ, 800 פֿיס אַרויף אויף דער באַרג־זײַט, האָבן מיר זיך לסוף געלאַגערט.

מיר זײַנען אָנגעקומען.

וואָס זאָלן מיר אָנרופֿן אונדזער כאַלופּע?[55] ווי באַלד קענען מיר אויסטריקענען די קליידער און זעק? ווי וועט אַרבעטן דער טראַן־אויוון? וועלן די פּענגווינען זײַן דאָרט? "דאַכט זיך, אַז ס'איז צו גוט צו זײַן אמת, 19 טעג אונטער וועגנס. ס'איז אַוודאי אַ זעלטענע זאַך, אַז עמעצער זאָל זײַן אַזוי נאַס; ס'איז קוים מיגלעך אַרײַנצוקריכן אין די זעק; די ווינט־קליידער זײַנען נאָר פֿאַרפֿרוירענע קעסטלעך. בירדיס אויסגעפֿונענע באַלאַקלאַווע איז ווי אײַזן – ס'איז גאָר וווּנדערלעך, ווי אונדזערע דאגות זײַנען פֿאַרשווונדן געוואָרן."[ב׳]

ס'איז געווען אָוונט, אָבער מיר זײַנען געווען אַזוי אייפֿערדיק אָנצוהויבן, אַז מיר זײַנען גלײַך אַרויף אויף דעם קאַם איבער אונדזער לאַגער, ווו די פֿעלדזן יאַווען זיך דורכן שניי. מיר האָבן דערזען, אַז ס'רובֿ זײַנען פֿעסט אין אָרט, אָבער ס'זײַנען געווען שוין אַ סך שטיינער, אַ

---

[א׳] מײַן אייגן טאָגביכל.
[ב׳] ד'ג

ביסל זשוויר, און אַוודאי וואָס איר ווילט פֿונעם אײַזיקן שניי, וואָס פֿאַלט אַוועק אונטער אונדז ביז צום געצעלט און דעם גרויסן דריק ווײַטער אַ מײַל. צווישן אונדז און דעם דריק, ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט נאָר שפּעטער, איז געשטאַנען אַ גרויסע אײַזסקאַלע. די דריקקאַמען מיט דעם גרויסן אײַז־באַריער ווײַטער זײַנען אונדז געווען צופֿוסנס; דער ברעג פֿון דעם ראָס־ים ווײַט נאָר אַ מײַל פֿיר. די קייסאָרים האָבן געדאַרפֿט זײַן אין ערגעץ ווו אַרום דעם אַקסל פֿון דעם קויפּ, וואָס האָט באַהאַלטן קאַפּ־קראָזיער גופֿא פֿון אונדזערע אויגן.

אונדזער פֿאַרקלער איז געווען צו בויען אַן איגלו[56] מיט שטיינערנע ווענט, אָנגעקויפּט מיט שניי, מיט אַ נײַן־פֿוס שליטן ווי אַ קווערבאַלקן, און אַ גרויסן בויגן ווילעסדען־קאַנווע פֿאַרן דאַך. מיר האָבן אויך מיטגעבראַכט אַ ברעט צו מאַכן אַן אייבערשוועל איבער דער טיר. דאָ מיטן אויוון, וואָס זאָל ברענען טראָן פֿון די פּענגווינען, האָבן מיר געזאָלט האָבן אַ באַקוועמע וואַרעמע שטוב, פֿון וואַנען מיר זאָלן מאַכן עקסקורסיעס אין דעם נעסט־שטח ווײַט אַ מײַל פֿיר. אפֿשר וואָלטן מיר קענען ניצן דאָס געצעלט אונטן אינעם נעסט־שטח אַליין און טאָן אונדזער וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט דאָרט אויפֿן אָרט, אַוועק פֿון אונדזער שיינער כאַלופּע אויף אַ נאַכט אָדער לענגער. אַזוי האָבן מיר אויסגעפּלאַנעוועט.

די זעלביקע נאַכט

האָבן מיר אָנגעהויבן אַרײַנגראָבן אונטער אַ גרויסן פֿעלדז אויפֿן שפּיץ קויפּ, האָפֿנדיק אַז דאָס זאָל זײַן אַ גרויסער טייל פֿון איין וואַנט פֿון דער כאַלופּע, נאָר אונטן איז געלעגן שטיין וואָס האָט אונדז אָפּגעשטעלט. דערנאָך האָבן מיר אויסגעקליבן אַ כּמעט גלײַך שטיק מאָרענע אַ פֿוס צוועלף ווײַטער און פּונקט אונטער דער פֿלאַך פֿונעם שפּיץ קויפּ, האָפֿנדיק אַז דאָ, באַשיצט פֿונעם ווינט דורכן קאַם, קענען מיר אויסמײַדן דעם גרעסטן טייל פֿון די אומגעהײַערע ווינטן, וואָס מיר האָבן געוווּסט בלאָזן אָפּט מאָל. בירדי האָט געזאַמלט שטיינער פֿון איבערן קויפּ, ניט געווען קיין שטיין וואָס איז אים צו שווער; ביל האָט אָנגעקויפּט שניי אין דרויסן בעת איך האָב געבויט דעם מויער מיט די שטיינער. די שטיינער זײַנען געווען גוט; דער שניי אָבער איז אַזוי פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן דורכן ווינט, אַז ס'איז שיִער ניט ווי אײַז; מיט דער קירקע האָט מען קוים געקענט אים אײַנקאַרבן, און דער איינציקער אופֿן איז געווען אָפּצוברעקלען גרויסע פּײַדעס בהדרגה מיטן קליינעם שופֿל. דער זשוויר האָט געקלעקט אויף אַ צאָן, נאָר געווען גוט ווען ס'געפֿינט זיך אַ ביסל. בסך־הכּל האָט אַלץ אויסגעזען זייער צוזאָגנדיק ווען מיר זײַנען שוין אַרײַן אינעם געצעלט אַ 150 יאַרד באַרג־אַראָפּ, נאָך פֿאַרענדיקן אַ העלפֿט פֿון איינער פֿון די לאַנגע מויערן.[א]

[א] ד'ג

דער אויסבליק פֿון אַכט הונדערט פֿיס אַרויף אויפֿן באַרג איז געווען פּראַכטיק, האָב איך גענומען די ברילן און אָפּגערייניקט דעם אײַז אָבער און ווידער זיך אַרומצוקוקן. אויף מיזרח: אַ גרויס פֿעלד פֿון דריקקאַמען אונטן, וואָס זעט אויס אין דער לבֿנה־שײַן אַזוי ווי ריזן האָבן געאַקערט מיט אַקערן וואָס מאַכן בראָזדעס אַ פֿוס פֿופֿציק זעכציק אין דער טיף; אָט די בראָזדעס פֿירן פּונקט ביזן באַריער־קאַנט, און ווײַטער איז דער געפֿרוירענער ראָס־ים, פֿלאַך, ווײַס, און פֿרידלעך, אַזוי ווי ס'זײַנען ניטאָ אויף דער וועלט אַזעלכע זאַכן ווי זאַווערוכעס. אויף צפֿון און צפֿון־מיזרח: דער קויפּ. הינטער אונדז: באַרג טעראָר, וואָס אויף אים שטייען מיר, און אומעטום זעט אויס ווי דער גראָער אומבאַגרענעצטער באַריער האָט אָפּגעטאָן אַ כּישוף פֿון אַ קאַלטער ריזיקייט, נעפּלדיק, מאַסיוו, אַ נעסט־שטח פֿון ווינט און זאַווײ און פֿינצטערניש. גאָט! סאַראַ אָרט!

ס'איז געווען איצט נאָר ווייניק לבֿנה־שײַן אָדער טאָגליכט, נאָר במשך פֿון די קומעדיקע צוויי מעת־לעתן האָבן מיר זיי בײדע גענוצט ביז גאָר, בלײַבן וואַך שטענדיק בײַ טאָג און בײַ נאַכט, און אָפֿט מאָל אַרבעטן ווײַטער ווען מע האָט קוים־קוים געקענט זען אַבי וואָס; גראָבן מיט דער ליכט פֿונעם הוראַגאַן־לאָמפּ. נאָך צוויי טעג האָבן מיר געענדיקט די מויערן און אָנגעקויפּט שניי ביז אַ פֿוס צוויי פֿונעם אויבן; מיר זײַנען אויסן אַרײַנצופּאַסן אָנגעצויגן דאָס דאַכטוך איידער מיר קויפּן אָן דאָס איבעריקע. די גרויסע צרה בײַם אָנקויפּן איז געווען די האַרטקייט פֿונעם שניי; ס'איז געווען אוממיגלעך שפּאַכליעווען די שפּאַלטן צווישן די פֿײַדעס, וואָס זיי זײַנען געווען גאָר ענלעך צו ברוקשטיינער. די טיר איז פֿאַרטיק, אַ דרײַעקיקע געצעלט־טיר מיט קליאַפּעס, וואָס מיר האָבן אים אַרײַנגעשטעלט אין די ווענט, צעמענטירט מיט שניי און שטיינער. דעם אויבן האָבן מיר געפֿעלבלט איבער אַ ברעט און דעם אונטן אַרײַנגעגראָבן אינעם באָדן.[א]

בירדי איז געווען זייער אַנטוישט, וואָס מיר האָבן ניט געקענט ענדיקן די גאַנצע זאַך דעם טאָג; ער איז געווען שיִער ניט אין כּעס וועגן דעם, אָבער ס'האָט געבליבן נאָך אַ סך צו טאָן און מיר זײַנען געווען אויסגעמאַטערט. מיר האָבן זיך פֿרי אויפֿגעכאַפּט צו מאָרגנס (דינסטיק, דעם 18טן), כּדי צו פּרווון פֿאַרענדיקן דעם איגלו, אָבער עס האָט צו שווער געבלאָזן. ווען מיר זײַנען אָנגעקומען אויבן האָבן מיר אַ ביסל געגראָבן נאָר עס איז געווען גאָר אוממיגלעך צוצופֿעסטיקן דעם דאַך, האָבן מיר דאָס געדאַרפֿט אָפּלייגן. דעם טאָג האָבן מיר אײַנגעזעזן, אַז עס בלאָזט פֿיל שטאַרקער בײַם אויבן שיפּוע ווי אונטן ווו עס שטייט דאָס געצעלט. ס'איז געווען ביטער קאַלט אויבן דעם אינדערפֿרי מיט אַ ווינט פֿון כּוח־4 ביז ־5 $^{57}$ און אַ טעמפּעראַטור פֿון מינוס דרײַסיק.

די פֿראַגע וועגן נאַפֿט האָט אונדז שטאַרק פֿאַרזאָרגט. מיר זײַנען איצט שוין טיף אַרײַן אין דעם פֿינפֿטן פֿון די זעקס בלעכלעך, זשאַלעווען אַזוי פֿיל ווי מיגלעך, אָפֿט מאָל עסן נאָר צוויי

[א] ד'ג

הייסע מאָלצײַטן אַ טאָג. מיר האָבן געדאַרפֿט אַראָפּקריכן בײַ די קייסער־פּענגווינען ווי עס איז און קריגן טראָן פֿאַרן אויוון, וואָס מע האָט געהאַט געמאַכט פֿאַר אונדז אין דער הײַזקע. ס'איז געווען אַ רויִקער שיינער טאָג דעם 19טן, האָבן מיר אָנגעהויבן האַלב צען מיט אַ ליידיקן שליטן, צוויי אײַזהעק, דעם באַרגשטריק, געשפּאַנען, און שינדן־מכשירים.

ווילסאָן איז פֿריִער געהאַט דורכגעגאַנגען דורך די דריקקאַמען בײַ קאַפּ־קראָזיער עטלעכע מאָל אין די *אַנטדעקונג* טעג. נאָר דעמאָלט האָבן זיי געהאַט טאָגליכט, האָבן זיי אויך געפֿונען אַ פּראַקטישן וועג הארט אונטער די סקאַלעס וואָס שטייען איצט צווישן אונדז און די קאַמען.

בעת מיר קומען צו צום דנאָ פֿון דער באַרג־שיפּוע, ווײַטער אויף צפֿון ווי פֿריִער, האָבן מיר געדאַרפֿט זײַן אָפּגעהיט וועגן שפּאַרעס, אָבער מיר האָבן באַלד געטראָפֿן דעם סקאַלע־קאַנט, געגאַנגען פֿאַזע אים ביז עס האָט זיך פֿאַרנידעריקט ביז צו דער זעלביקער הייך פֿונעם באַריער. פֿאַרנעמענדיק זיך אויף לינקס זײַנען מיר צוגעגאַנגען צו דעם ים־אײַז, וויסנדיק אַז עס זײַנען דאָ אפֿשר צוויי מײַל דריק צווישן אונדז און קאַפּ־קראָזיער גופֿא. אויף אַ האַלב־מײַל איז דער גאַנג געווען גרינג, אַרומגייענדיק אַרום גרויסע קנעפּ דריק אָבער תּמיד זיך ספּראַווענדיק בלײַבן מער־ווייניקער אויף דער פֿלאַך און נאָענט צו דער אײַז־סקאַלע, וואָס זי הייבט זיך באַלד אויף ווײַט אין דער הייך אויף לינקס. בילס געדאַנק איז געווען צו בלײַבן נאָענט אונטער דער דאָזיקער סקאַלע, לענג־אויס דער זעלביקער *אַנטדעקונג* רוטע, ווי דערמאָנט אויבן. זיי זײַנען קיין מאָל ניט געהאַט אָנגעקומען אין יענע טעג גענוג פֿרי צו געפֿינען אייער: די פּויקעלעך האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעבריט. צי מיר וועלן איצט געפֿינען קייסאָרים און אויב אַזוי, צי זיי וועלן האָבן אייער, איז בשום־אופֿן ניט געווען זיכער.

אָבער מיר זײַנען באַלד אַרײַן אין צרות, אָנטרעפֿנדיק אויף עטלעכע שפּאַרעס אַלע פּאָר יאַרדן און, אָן ספֿקות, אַריבערגייענדיק איבער צענדליקער אַנדערע וואָס מיר האָבן זיי ניט באַמערקט. כאָטש מיר גייען וואָס נעענטער בײַ די סקאַלעס, האָבן מיר זיך געפֿונען אויפֿן שפּיץ פֿונעם ערשטן דריקקאַם, צעשיידט דורך אַ טיפֿן אָפּגרונט פֿון דער אײַז־שיפּוע, וווּהין מיר ווילן גיין. נאָך דעם זײַנען מיר אַרײַן אין אַ גרויסן טאָל צווישן דעם ערשטן און צווייטן קאַמען; מיר זײַנען געקומען אין מיטן ריזיקע הויפֿנס אײַז, אַרויפֿגעשטויסן אין אַלערליי פֿאָרמען אויף אַלע זײַטן, צעשפּאַלטן אין אַלע ריכטונגען; מיר האָבן זיך אַריבערגעגליטשט איבער שניי־שיפּועים און געקראָכן פֿאַזע זאַוויי־קאַמען, פּרווון צו קומען נעענטער צו די סקאַלעס. און כסדר זײַנען מיר אָנגעקומען אין אוממיגלעכע ערטער, האָבן געדאַרפֿט צוריקקריכן. ביל האָט געפֿירט מיט אַ לענג פֿון באַרגשטריק צוגעבונדן צו דעם קנאָפּ פֿון דעם שליטן; בירדי איז געווען אין געשפּאַן, אויך צוגעבונדן צו דעם קנאָפּ, און איך אין געשפּאַן צוגעבונדן צו דעם הינטן פֿון שליטן, וואָס איז אונדז געווען זייער נוציק סײַ ווי אַ בריק סײַ ווי אַ לייטער.

אַ מאָל צוויי־דרײַ האָבן מיר געפּרוווט קריכן אַראָפּ אויף די אײַז־שיפּועים ביז צו דעם לפֿי־ערך גלײַכן וועג אונטער די סקאַלעס, נאָר ס'איז אַלע מאָל צו גרויס אַ פֿאַל. אין דער פֿינצטערלעכער ליכט איז יעדע פּראָפּאָרציע פֿאַרדרייט געוואָרן; עטלעכע ערטער, וואָס מיר

האָבן זיי טאַקע באַהויבן אַראָפּצוקריכן מיט אײַזהעק און באַרגשטריק, האָבן אויסגעזען ווי גאָרע תּהומען, און עס זײַנען תּמיד געווען שפּאַרעס אונטן טאָמער מע גליטשט זיך אַראָפּ. בײַם צוריקקער האָב איך זיך אַרײַנגעגליטשט אין אַזוינער, אַרויסגעצויגן פֿון די צוויי אַנדערע שטייענדיק אויפֿן וואַנט איבער מיר.

מיר האָבן זיך אַראָפּגעאַרבעט אַרײַן אין דער פֿאַרטיפֿונג צווישן דעם ערשטן און צווייטן גרויסע דריקקאַמען, און, איך מיין, אַרויף אויפֿן שפּיץ פֿונעם צווייטן. די קאַמען דאָ האָבן זיך אויפֿגעהויבן אַ פֿוס פֿופֿציק זעכציק. דערנאָך ווייס איך ניט וווּהין מיר זײַנען געגאַנגען. די בעסטע אָריענטירן זײַנען געווען געגנטן מיט שפּאַרעס, אָפּט מאָל דרײַ אָדער פֿיר אין עטלעכע טריט. די טעמפּעראַטורן זײַנען געווען נידערלעך (-37°). עס איז מיר געווען אוממיגלעך צו טראָגן דיברילן, איז דאָס געווען אַן אומגעהײַערע מניעה פֿאַר מיר און אַ עיכּובֿ פֿאַר דער גרופּע: ביל געפֿינט אַ שפּאַרע, ווײַזט אָן אויף איר; בירדי גייט זי אַריבער; און אָבער און ווידער פּרוּוונדיק אַריבערצוטרעטן אָדער אַריבערצוקריכן אויפֿן שליטן, שטעק איך די פֿיס פּונקט אין מיטן די שפּאַרעס אַרײַן. דעם טאָג בין איך אַרײַן וויינקסטנס זעקס מאָל; איין מאָל, ווען מיר זײַנען געווען נאָענט צו דעם ים, האָב איך זיך אַרײַנ־ און אַרויסגעקײַקלט פֿון איינער און דערנאָך אַראָפּגעפֿאַלן באַרג־אַראָפּ אויף אַ שטאָציקער שיפּוע ביז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון ביל און בירדי מיטן שטריק.

מיר האָבן ווײַטער געשטאָמפּערט ביז מיר זײַנען אָנגעקומען אין אַ גרויסן בלינדן געסל, וואָס מסתּמא פֿאָרמירט דעם עק פֿון די צוויי קאַמען, ווו זיי שטויסן זיך אָן אויף דעם ים־אײַז. אויף אַלע זײַטן האָבן זיך אויפֿגעהויבן גרויסע ווענט פֿון צעשלאָגענעם אײַז מיט שטאָציקע שניי־שיפּועים אין דער מיט, ווו מיר גליטשן זיך אַרום און ווערן פֿאַרבלאָנדזשעט אין שפּאַרעס אַרײַן. אויף לינקס הייבט זיך אויף די ריזיקע סקאַלע פֿון קאַפּ־קראָזיער, אָבער מיר האָבן זיך ניט געקענט דערוויסן צי עס זײַנען ניטאָ קיין צוויי דרײַ דריקקאַמען צווישן אונדז און אים, און כאָטש מיר האָבן געפּרוּווט גיין וויינקסטנס אויף פֿיר פֿאַרשיידענע ריכטונגען, איז ניט געווען קיין מיגלעכקייט גיין ווײַטער פֿאָרויס.

און דעמאָלט האָבן מיר דערהערט די קייסאָרים שרײַען.

דאָס געשריי איז אונדז געקומען פֿונעם ים־אײַז וואָס מיר האָבן ניט געקענט זען, נאָר דאָס האָט געמוזט זײַן ווײַט אַ כאַאָטישע פֿערטל־מײַל פֿאָרויס. עס האָט אָפּגעהילכט פֿון די סקאַלעס בעת מיר שטייען הילפֿלאָז און אָנגערייצט. מיר האָבן זיך צוגעהערט און זיך דערוווּסט, אַז ס'איז גאָרנישט וואָס צו טאָן אַחוץ קערן זיך צוריק, וואָרן דאָס קליינע שטיקל ליכט וואָס שײַנט איצט אין מיטן טאָג צעגייט זיך גיך, און פֿאַרכאַפּט צו ווערן דאָרט אין שטאָק פֿינצטערניש וואָלט געווען אַ שרעקלעכער געדאַנק. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך צוריקקערן אין די אייגענע טריט און כּמעט אויף דער רגע האָב איך זיך אַראָפּגעגליטשט און אַראָפּגעקײַקלט שיפּוע־אַראָפּ אין אַ שפּאַרע אַרײַן. בירדי און ביל האָבן זיך געהאַלטן אויף משקולת און איך האָב צוריקגעקלעטערט צו זיי. די שפּורן זײַנען געווען זייער אומקלאָר און באַלד האָבן מיר זיי פֿאַרלוירן. בירדי איז

געוועזן דער בעסטער אין נאָכשפּירן וואָס איך האָב אַ מאָל געקענט, און אַלע מאָל האָט ער זיי ווידער געפֿונען. נאָר סוף־כּל־סוף האָט ער אַפֿילו זיי אין גאַנצן פֿאַרלוירן, און מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז מיר דאַרפֿן פּשוט גיין פֿאָרויס. לעולם האָבן מיר זיי ווידער געפֿונען, און זײַנען דעמאָלט שוין אַרויס פֿון דאָס ערגסטע; נאָר ס'האָט אונדז דערפֿרייט צו זען דאָס געצעלט.

צו מאָרגנס (דאָנערשטיק, דעם 20סטן יוני) האָבן מיר גענומען אַרבעטן אויף דעם איגלו דרײַ אַ זייגער אין דער פֿרי, ס'איז אונדז געראָטן צופֿעסטיקן דעם קאַנווענעם דאַך, אויף צו להכעיס אַ ווינט וואָס האָט אונדז געטשעפּעט דעם גאַנצן טאָג. קוים האָבן מיר זיך געקענט פֿאָרשטעלן וואָס דער דאָזיקער דאַך וועט אונדז אָפּטאָן בשעת מיר פּאַקן אים אײַן מיט שנייפֿײַדעס, ציִען אים אויס איבערן צווייטן שליטן, וואָס מיר האָבן אַוועקגעלייגט אין דער קווער אין מיטן אויף די לענגערע ווענט. דער ווינט־אַרויף־עק (אויף דרום) פֿירט פּונקט ביז צום באָדן און מיר האָבן אים פֿעסט צוגעבונדן צו שטיינער איידער מיר האָבן אויפֿגעהערט אַרבעטן. אויף די אַנדערע דרײַ זײַטן האָבן מיר געהאַט אַ פֿוס צוויי צי מער לויזע קאַנווע אומעטום, און אומעטום האָבן מיר אים צוגעבונדן צו שטיינער מיט רימענס אַלע צוויי פֿיס. די טיר איז געווען די מניעה, און דערווײַל האָבן מיר געלאָזט דאָס טוך אויסגעבויגן איבער די שטיינער, ווי עפּעס אַ גאַניק. די גאַנצע זאַך איז גוט אײַנגעפּאַקט און באַדעקט געוואָרן מיט פּלאַטעס האַרטן שניי, נאָר ס'איז ניט געווען קיין ווייכער שניי, וואָס מע ניצט אים אָנצופֿילן די ריסן צווישן די פֿײַדעס. פֿונדעסטוועגן האָבן מיר שוין געמיינט, אַז ס'איז ניטאָ וואָס ס'האָט געקענט אַרויסציִען דעם דאַך פֿון דער אײַנפּאַקונג, און די ווײַטערדיקע געשעענישן האָבן באַוויזן, אַז מיר זײַנען געווען גערעכט.

עס איז געווען אַ טריבע אַרבעט דרײַ אַ זייגער אין דער פֿרי פֿאַרן פֿרישטיק, און מיר זײַנען געווען צופֿרידן צוריקצוקומען אינעם געצעלט און צו עסן, מחמת מיר האָבן אין זינען נאָך אַ מאָל פּרווון אָנצוקומען דעם טאָג בײַ די קייסאָרים. בײַם ערשטן פֿאַרטאָג זײַנען מיר נאָך אַ מאָל אַוועק קיין דעם נעסט־שטח.

נאָר איצט האָבן מיר געוווּסט אַ זאַך צוויי מכּוח דעם דאָזיקן דריק וואָס מיר האָבן ניט געהאַט געוווּסט מיט אַ מעת־לעת פֿריִער; למשל, שוין אַ סך האָט זיך געביטן זינט די *אַנטדעקונג*־טעג און מסתּמא האָט זיך דער דריק פֿאַרגרעסערט. פֿאַקטיש האָט מען שפּעטער דערוויזן דורך פֿאָטאָגראַפֿיעס, אַז די קאַמען ציִען זיך הײַנט ווײַטער אַ דרײַ־פֿערטל מײַל אין ים אַרײַן ווי מיט צען יאָר צוריק. מיר האָבן אויך געוווּסט, אַז אויב מיר גייען אַרײַן אינעם דריק בײַם איינציקן אָרט ווּ די אײַזסקאַלעס קומען אַראָפּ ביז דער הייך פֿונעם באַריער, ווי נעכטן, וואָלטן מיר ניט געקענט ניט אַרײַנדרינגען אינעם נעסט־שטח און ניט אונטערקריכן אונטער די סקאַלעס ווּ פֿריִער האָט מען געפֿונען אַ מיגלעכן וועג. ס'איז געבליבן נאָר איין זאַך צו טאָן – צו גיין אַריבער איבער דער סקאַלע. און אָט דאָס האָבן מיר בדעה געהאַט צו פּרווון טאָן.

נו, די דאָזיקע אײַזסקאַלעס זײַנען אַ צוויי הונדערט פֿוס אין דער הייך, און ס'איז מיר געווען אומבאַקוועם, בפֿרט אינעם פֿינצטערניש. נאָר ווען מיר זײַנען צוריקגעקומען נעכטן האָבן מיר

דערזען איין אָרט מיט אַן אײַנשניט אין די סקאַלעס, וואָס פֿון אים הענגט אַראָפּ אַ שניי־זאַווײ. אפֿשר וועט זײַן מיגלעך אַראָפּצוקריכן לענג־אויס דעם זאַווײ.

איז, מיט אונדז אַלע אײַנגעשפּאַנט צום שליטן, ביל אויף אַ לאַנגן שטריק אַפֿריִער און בירדי און איך קאָנטראָלירנדיק דעם שליטן פֿון הינטן, האָבן מיר אָנגעהויבן אַראָפּגיין דעם שיפּוע, וואָס ענדיקט זיך אין דער סקאַלע, וואָס, פֿאַרשטייט זיך, קענען מיר ניט זען. מיר זײַנען אַריבער איבער עטלעכע קליינע שפּאַרעס, און באַלד דערפֿילט, אַז מיר זײַנען שיִער ניט אַהין. צוויי מאָל האָבן מיר זיך אָנגערוקט ביזן קאַנט סקאַלע אָן הצלחה, און דערנאָך האָבן מיר יאָ געפֿונען די שיפּוע; און דערצו זײַנען מיר אַראָפּ אָן שום צרות און עס האָט אונדז געפֿירט פּונקט ווו מיר ווילן זײַן, צווישן די ערדסקאַלעס און דעם דריק.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער שפּאַנענדיקסטער קלעטער אין מיטן דעם דריק וואָס איר קענט זיך פֿאָרשטעלן. קודם־כּל, גאָר ווי ס'איז געווען נעכטן – שלעפּן זיך, איינער דעם צווייטן, קאַם־אַרויף, זיך גליטשן שיפּוע־אַראָפּ, זיך קוליען אין די שפּאַרעס, אַרײַן און אַרויס, און אין אַלערליי לעכער, זײַנען מיר ווײַטער געגאַנגען אונטער די סקאַלעס וואָס הייבן זיך אויף אַלץ העכער און העכער איבער אונדז בשעת מיר קומען נאָענט צו די שוואַרצע לאַווענע תּהומען וואָס פֿורעמען קאַפּ־קראָזיער גופֿא. מיר זײַנען רײַטנדיק געגאַנגען אויפֿן אויבן פֿון אַ שניי־קאַם מיט אַ גאָלמעסערדיקן קאַנט, באַלאַנסירן דעם שליטן צווישן אונדז בעת מיר באָרבלען זיך; אויף רעכטס איז געווען אַן אַראָפּהאַנג, זייער אַ טיפֿער, מיט שפּאַרעס בײַם דנאָ; אויף לינקס איז געווען אַ קלענערער אַראָפּהאַנג, אויך מיט שפּאַרעס. מיר האָבן געפּויזעט ווײַטער און לאָמיך אײַך זאָגן, ס'איז געווען אַ שפּאַנענדיקע אַרבעט אין דעם מער־ווי־האַלב־חושך. בײַם עק איז געווען אַ ריי שיפּועים פֿול מיט שפּאַרעס, און לסוף זײַנען מיר אַרונטערגעקומען האַרט אונטערן פֿעלדז אויף דער מאָרענע, און דאָ האָבן מיר געדאַרפֿט איבערלאָזן דעם שליטן.

מיר האָבן זיך צוגעבונדן מיטן שטריק און אָנגעהויבן אונטערקריכן אונטער די סקאַלעס וואָס האָבן זיך געביטן פֿון אײַז צו שטיין און זיך אויפֿגעהויבן 800 פֿיס איבער אונדז. די מהומה פֿון דריק וואָס שטײַגט אַרויף אויף זיי האָט ניט באַוויזן קיין שום טאָלק. פֿיר הונדערט מײַלן אַריבערקריכנדיק אײַז הינטער דעם דריק האָט פּשוט געוואָרפֿן און געקאָרטשעט יענע ריזיקע קאַמען ביז איובֿן אַליין וואָלטן געפֿעלט דיבורים וואָס צו באַקלאָגן זייער באַשאַפֿער. מיר האָבן זיך געגראַבלט אַריבער און אַרונטער, אָנהענגענדיק מיט די העק און אויסשנײַדנדיק טרעפּ דאָרט ווו מיר האָבן ניט געקענט געפֿינען קיין אָנהאַלט מיט די קראַמפּאָנס. און כּסדר זײַנען מיר צוגעקומען צו די קייסער־פּענגווינען, און ס'האָט זיך טאַקע אויסגעדאַכט, אַז מיר וועלן דאָס אויף אַן אמתן אויפֿטאָן דאָס מאָל, ווען מיר זײַנען אָנגעקומען אויף אַ וואַנט פֿון אײַז, וואָס אין איין בליק האָבן מיר גוט פֿאַרשטאַנען, אַז מיר קענען קיין מאָל ניט איבער אים אַריבערגיין. איינער פֿון די גרעסטע דריקקאַמען איז געוואָרפֿן געוואָרן, מיטן עק אָנגעשפּאַרט אין דער סקאַלע. ס'האָט אונדז אַ פּנים אָפּגעשטעלט, נאָר ביל האָט אַנטדעקט אַ שוואַרצע לאָך, עפּעס ווי אַ פֿוקסנלאָך, וואָס פֿאַרשווינדט אין די געדערעם פֿונעם אײַז. מיר האָבן געקוקט אויף איר: "נו,

הײַדאַ!" האָט ער געזאָגט, און אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ אַרײַן, און פֿאַרשווּנדן געוואָרן. באַוערס דאָס גלײַכן. ס'איז געווען אַ לענגלעכער וועג, נאָר גאָר מיגלעך זיך דורכצוצאַפּלען, און אָט־אָט האָב איך זיך געפֿונען אַרויסקוקן פֿון דער צווייטער זײַט אַרויס, מיט אַ טיפֿער בערג אונטן, מיט דער שטיינוואַנט אויף איין זײַט, און דעם אײַז אויף דער צווייטער. "לייגט דעם רוקן אַנטקעגן דעם אײַז און די פֿיס אַנטקעגן דעם שטיין און הייבט זיך ווײַטער," האָט ביל געזאָגט, שטייענדיק שוין אויף פֿעסטן אײַז בײַם ווײַטערדיקן עק אין אַ שניי־גרוב. מיר האָבן אײַנגעשניטן אפֿשר פֿופֿצן טרעפּלעך כּדי אַרויסצוקריכן פֿון אָט דער לאָך. שוין צעיאַכמערט און מיט גרויס פֿאַרגעניגן, איז אונדז דער וועג פֿאָרויס גרינגער געוואָרן, ביז די געשרייען פֿון די פּענגווינען האָבן אונדז דערגרייכט, און מיר זײַנען געשטאַנען, דרײַ קריסטאַליזירטע אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע, איבער די קייסאָרימס היים. זיי זײַנען געווען דאָרט, באמת, און מיר וועלן דערגיין ביז זיי, נאָר ווּ זײַנען געווען די אַלע טויזנטער וואָס וועגן זיי האָבן מיר געהאַט געהערט?

מיר זײַנען געשטאַנען אויף אַן אײַזפֿוס, וואָס איז אין דער אמתן אַ שרעטלדיק סקאַלעכל אַ פֿוס צוועלף אין דער הייך, און דאָס ים־אײַז, מיט זייער אַ סך אײַזפּײַדעס אָנגעשאָטן דערויף, איז געלעגן אונטן. דאָס סקאַלעכל איז אַראָפּגעפֿאַלן גלײַך, מיט עפּעס אַן אַריבערהאַנג און ניט קיין שניי־זאַווי. ס'קען זײַן אַזוי ווײַל דער ים איז נאָר אַנומלט פֿאַרפֿרוירן געוואָרן; וואָס די סיבה זאָל ניט זײַן האָט דאָס געמיינט, אַז מיר וועלן האָבן אַ סך צרות אַרויפֿצוקריכן אָן הילף. האָבן מיר בײַ זיך באַשלאָסן, אַז עמעצער דאַרף בלײַבן אויבן מיטן באַרגשטריק, און ס'איז געווען קלאָר, אַז אָט דער עמעצער זאָל זײַן איך, מחמת מיט מײַן נידעריקער ראיה און פֿאַרנעפּלטע ברילן, וואָס איך האָב זיי ניט געקענט טראָגן, בין איך געווען דער אומנוציקסטער אין דער פּאַרטיע בײַ דער באַלדיקער אַרבעט. אויב מיר וואָלטן געהאַט דעם שליטן, וואָלטן מיר געקענט אים ניצן ווי אַ לייטער, נאָר אַוודאי האָבן מיר אים איבערגעלאָזט בײַם אָנהייב פֿון דער מאָרענע שוין מײַלן צוריק.

מיר האָבן געזען די קייסאָרים שטיין אַלע צוזאַמען, זיך געטוליעט אין רעדלעך אונטער דער באַריער־סקאַלע ווײַט עטלעכע הונדערטע יאַרדן. דאָס פּיצל ליכט האָט זיך גיך אָפּגעטונקלט; מיר זײַנען געווען גאָר מער אויפֿגערודערט וועגן דעם צוגאַנג פֿון חשכות און דעם אויסזע פֿון ווינט אויף דרום ווי וועגן אונדזער נצחון. נאָך אומבאַשרײַבלעכער מי און מאַטערניש, האָבן מיר צוגעזען אַ ווּנדער פֿון דער נאַטירלעכער וועלט, און מיר זײַנען געווען די ערשטע און איינציקע מענטשן וואָס האָבן דאָס געטאָן; ס'איז געווען צו דער האַנט מאַטעריאַל וואָס וועט זיך אַרויסווײַזן אפֿשר פֿאַר דער העכסטער וויסנשאַפֿטלעכער וויכטיקייט; מיר האָבן געמאַכט פֿאַקטן פֿון טעאָריעס מיט יעדער אָבסערוואַציע – און מיר האָבן געהאַט דערויף בלויז אַ רגע.

די באַאומרויִקטע קייסאָרים האָבן געמאַכט אַ גוואַלדיקן ליאַרעם, טרומייטנדיק מיט זייערע טשיקאַווע מעטאַלענע קולער. בלי־ספֿק, וואָס זיי האָבן אייער, ווײַל זיי האָבן געפּרוּווט דרעפּטשען אַרום אויפֿן באָדן אָן פֿאַרלירן זיי פֿון די פֿיס. נאָר אַז מע יאָגט זיך נאָך זיי, זײַנען

גאָר אַ סך אייער אַראָפגעלאָזט געוואָרן, געבליבן ליגן אויפֿן אײַז, און עטלעכע פֿון זיי זײַנען גיך אַדאָפטירט געוואָרן פֿון אייערלאָזע קייסאָרים, וואָס זיי האָבן מסתמא געוואַרט שוין אַ לאַנגע צײַט אויף אַזאַ געלעגנהייט. אין די בידנע פֿייגל זעט מען, אַז דער מוטערישער צד פריטשמעליעט דווקא די אַנדערע אַספעקטן פֿון לעבן. אַזוי איז דער קאַמף נאָך קיום, אַז זיי קענען לעבן נאָר דורך אַ גוזמא מוטערשאַפֿט, און מע וואָלט וועלן וויסן צי אַזאַ לעבן רופֿט אַרויס גליק אָדער באַפֿרידיקונג.

די מאַנשאַפֿט פֿון דער *אַנטדעקונג* האָט געפֿונען דעם דאָזיקן נעסט־שטח פונקט דאָ ווו מיר *שטייען*[א]. זיי האָבן געמאַכט נסיעות פֿרי אין פֿרילינג נאָר ניט אָנגעקומען גענוג פֿרי צו קריגן אייער, געפֿונען נאָר עלטערן מיט פויקעלעך. זיי האָבן אַרויסגעדרונגען, אַז דער קייסער איז אַ פידרעכדיקער פֿויגל, וואָס ער מאַכט, אויף וואָס פֿאַר אַ סיבה, די נעסטן פונקט אין מיטן אַנטאַרקטישן ווינטער, אין אַ טעמפעראַטור עפעס קעלטער פֿון זיבעציק גראַד פֿראָסט[58], מיט זאַווערוכעס בלאָזן, *שטענדיק* בלאָזן, אויף זײַנע איבערגעגעבענע פלייצעס. און זיי האָבן אים געפֿונען האַלטנדיק זײַן טײַער פויקעלע באַלאַנסירט אויף זײַנע גרויסע פֿיס, קוועטשנדיק עס מוטעריש צי פֿאָטעריש (וואָרן ביידע געשלעכטער פֿאַרמעסטן זיך נאָך דער זכיה) אַנטקעגן אַ ליסע שטיקל הויט אויף דער ברוסט. און ווען ער מוז גיין סוף־כּל־סוף קריגן עפעס עסן אין די אָפֿענע שפאַרונעס דערבײַ, לייגט ער פשוט אַוועק דאָס קינד אויפֿן אײַז, און צוואַנציק קייסאָרים אָן פויקעלעך אײַלן זיך עס צו קריגן. און זיי צעקריגן זיך איבער אים, און צערײַסן אים אַזוי, אַז אָפֿט מאָל שטאַרבט עס. און אויב עס איז בכּוח, וועל עס אַרײַנקריכן אין אַבי וואָס אַן אײַזשפאַלט כּדי צו אַנטלויפֿן פֿון אַזוי פֿיל ליבהאַרציקייט, און דאָרט ווערט עס פֿאַרפֿרוירן. פונקט אַזוי האָט מען געפֿונען אַ סך צעבראָכענע און צעפֿוילטע אייער, און ס'איז קלאָר, אַז די שטאַרביקייט איז זייער גרויס. עטלעכע אָבער בלײַבן לעבן, און זומער קומט; און ווען עס קומט אָן צו בלאָזן אַ גרויסע זאַווערוכע (זיי פֿאַרשטייען גוט דעם וועטער), נעמען די עלטערן די קינדער מײַלן איבערן ים־אײַז, ביז צו דער שוועל פֿונעם אָפֿענעם ים. דאָרט זיצן זיי ביז עס קומט אַ ווינט, און דער ים־אויפֿלויף הייבט זיך אָן און צעשפרייט די קריִעס; און פֿאָרן פֿאָרן זיי אַוועק אינעם בלענדענדיקן צעבלאָזענעם *שניי* זיך צו פֿאַרבינדן מיטן פאַק־אײַז גופֿא, מיט אַ פריוואַט שיפֿל פֿאַר זיך אַליין.

מע דאַרף מסכּים זײַן, אַז אַזאַ פֿויגל איז אַן אינטערעסאַנטע חיה, און ווען מיר האָבן, מיט זיבן חדשים צוריק, גערודערט אַ שיפֿל אונטער אָט די גרויסע שוואַרצע סקאַלעס[ב] און געפֿונען אַן אומטרייסטעוודיק קייסער־פויקעלע נאָך אַלץ אין פוך, האָבן מיר קלאָר פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס דער קייסער דאַרף לייגן אין מיטן ווינטער. וואָרן, אויב אַן איי פֿון יוני בלײַבט נאָך אָן פֿעדערן אָנהייב יאַנואַר, וועט דאָס זעלביקע איי, געלייגט אין זומער, לאָזן זײַן אַרויסקום אָן שום תּכליתדיקער דעקונג דעם קומעדיקן ווינטער. אַזוי איז עס, אַז דער קייסער־פענגווין ווערט

---

[א] זעט סקאָט, *די נסיעה פֿון דער אַנטדעקונג*, ב. ii, זז. 5, 6, 490. (Scott, *The Voyage of the Discovery*, v. ii, pp. 5, 6, 490)
[ב] ער דערציילט וועגן דעם פֿריִער אינעם בוך, אויף ז. 125.

געצווונגען פֿירנעמען אַלערליי אָפּקומענישן מחמת זײַנע קינדער בלײַבן בײַ וואַקסן אַזוי פּאַמעלעך, פּונקט ווי מיר זײַנען געבונדן אין אונדזערע מענטשלעכע באַציִונגען, צוליב דער זעלביקער סיבה. ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס אַזאַ פּרימיטיווער[59] פֿויגל זאָל האָבן אַזאַ לאַנגע קינדשאַפֿט.

נאָר אַזוי אינטערעסאַנט ווי ס'מוז זײַן, די לעבנס־געשיכטע פֿון די אָ פֿייגל, זײַנען מיר ניט געגאַנגען דרײַ וואָך זיי צו זען זיצן אויף די אייער. מיר האָבן געוואָלט די עמבריאָנען, און געוואָלט זיי וואָס ייִנגער, און פֿריש און אומגעפֿרוירן, אַזוי אַז די מומחים אין דער היים זאָלן זיי קענען צעשנײַדן אין מיקראָסקאָפּישע שניטן און געווויר ווערן פֿון זיי די פֿריִערדיקע געשיכטע פֿון פֿייגל במשך פֿון די עוואָלוציאָנערע צײַטן. און דערפֿאַר האָבן ביל און בירדי גיך געזאַמלט פֿינף אייער, וואָס מיר האָבן זיי געהאָפֿט טראָגן בשלום אין די פּעלצענע קוליקלעך אין דעם איגלו אויף באַרג טעראָר, ווו מיר קענען זיי קאָנסערווירן אײַנגעלייגט אינעם אַלקאָהאָל, וואָס מיר האָבן געבראַכט אויף דעם צוועק. מיר האָבן אויך געדאַרפֿט קריגן אייל פֿאַרן טראָן־אויוון, האָבן זיי דערהרגעט און אָפּגעשונדן דרײַ פֿייגל – איין קייסער וועגט ביז 91 פֿונט.

דער ראָס־ים איז אין גאַנצן פֿאַרפֿרוירן געוואָרן, און עס זײַנען ניט געווען קיין ים־הינט ווו מע זעט. עס זײַנען געווען בלויז 100 קייסאָרים אין פֿאַרגלײַך מיט 2000 אין 1902 און 1903. ביל האָט גערעכנט, אַז יעדער פֿערטער אָדער פֿינפֿטער פֿויגל האָט אַן איי, אָבער דאָס איז געווען נאָר אַ בערכדיקע אָפּשאַצונג, ווײַל מיר האָבן ניט געוואָלט שטערן זיי אומזיסט. ס'איז אַ רעטעניש, פֿאַר וואָס עס זײַנען דאָ אַזוי ווינציק פֿייגל, נאָר ס'האָט אויסגעזען ווי דאָס אײַז האָט זיך געפֿורעמט מיט ניט לאַנג צוריק. זײַנען די געציילטע פֿייגל די ערשטע אָנגעקומענע? איז אַ פֿריִערדיקער נעסט־שטח אַוועקגעבלאָזן געוואָרן אין ים אַרײַן און איז דאָס דער אָנהייב פֿון אַ צווייטן פּרוּוו? ווערט אָט די בוכטע ים־אײַז אומזיכער?

די וואָס האָבן פֿריִער אַנטדעקט די קייסאָרים מיט זייערע פּוּיקעלעך האָבן געזען די פּענגווינען פּילעווען טויטע און פֿאַרפֿרוירענע פּוּיקעלעך אויב זיי האָבן ניט געקענט קריגן אַ לעבעדיקס. זיי האָבן אויך געפֿונען צעלייגטע אייער, וואָס זיי האָבן זיי געמוזט אויסוואַרעמען, נאָך דעם ווען זיי זײַנען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן. איצט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די אָ פֿייגל זײַנען אַזוי להוט צו זיצן אויף וואָס עס איז, אַז עטלעכע וואָס אָן אייער זיצן אויף אײַז! עטלעכע מאָל האָבן ביל און בירדי אויפֿגעהויבן אייער און געפֿונען, אַז זיי זײַנען הרודעס אײַז, פֿאַרקײַלעכט און בערך די ריכטיקע גרייס, שמוציק און האַרט. איין מאָל האָט אַ פֿויגל אָפּגעלאָזט אַן אײַז־איי בעת זיי קוקן אָן, און נאָך אַ מאָל איז אַ פֿויגל צוריקגעקומען און אַרײַנגעשטעקט אַ צווייט אײַז־איי אין זיך, אָבער תּיכּף אים אַוועקוואַרפֿן לטובֿת אַן אמת איי, ווען מע דערלאַנגט עס.

בשעת מעשׂה איז אַ גאַנצע ריי קייסאָרים אַרומגעקומען אונטער דער סקאַלע וואָס דערויף איך שטיי. די ליכט איז שוין זייער שלעכט געוואָרן, און ס'איז געווען גוט וואָס די באַלייטערס קומען גיך צוריק; מיר האָבן געדאַרפֿט טאָן אַלצדינג מיט גרויס אײַלעניש. איך האָב אַרויפֿגעשלעפּט די אייער אין זייערע קוליקלעך (וואָס מיר האָבן זיי צונויפֿגעהאָפֿטן אַרום די

העלדזער מיט רימענס פֿון לאָמפּנקנויט) און דערנאָך די פֿעלן, אָבער ס'איז מיר אין גאַנצן דורכגעפֿאַלן מיטן העלפֿן ביל. "ציט," האָט ער געריפֿן פֿון אונטן; "איך צי," האָב איך געזאָגט. "נאָר דער שנור איז גאָר לויז דאָ," האָט ער געשריגן. און ווען ער איז אָנגעקומען אויבן דורך אַרויפֿקריכן אויף באַוערסעס פּלייצעס און מיר האָבן ביידע געשלעפּט וואָס שטאַרקער, איז בירדיס עק שנור נאָך אַלץ געווען לויז אין די הענט. גלײַך ווען מיר האָבן אָנגעשטרענגט דעם שנור האָט ער זיך געשניטן אינעם אײַזקאַנט און זיך פֿאַרהאַקט – אַ געוויינטלעכע מניעה בײַם אַרבעטן צווישן שפּאַרעס. מיר האָבן געפּרוּווט פֿירן דעם שנור איבער אַן אײַזהאַק אָן דערפֿאָלג, און אַלץ האָט אָנגעהויבן ווערן ערנסט ווען בירדי, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן און דערווײַל אַרײַנגעשטעקט אַ פֿוס דורך אַ שפּאַלט אין ים אַרײַן, האָט געפֿונען אַן אָרט ווו די סקאַלע הענגט ניט אַריבער. ער האָט אײַנגעשניטן טרעפּ פֿאַר זיך אַליין, האָבן מיר געשלעפּט, און לסוף זײַנען מיר אַלע צוזאַמען אויבן – זײַן פֿוס שוין אײַנגעפּאַקט אין אַ גאַנצענער מאַסע אײַז.

מיר האָבן גענומען די פֿיס אויף די פּלייצעס אויף וויפֿל ס'איז מיגלעך צוריק: פֿינף אייער אין די פּעלצענע קוליקלעך, בירדי מיט צוויי פֿעלן צו אים צוגעבונדן און נאָכגעשלעפּט אויף הינטן, און איך אַליין מיט איינער אַזוינער. מיר זײַנען געווען צו זיך צוגעבונדן מיטן שטריק, און דאָס אַרויפֿקריכן קאָם־אַרויף און זיך דורכקוועטשן דורך די לעכער איז געווען זייער שווער. אין איין אָרט מיט אַ שטאָציקן שיפּוע פֿון רים און שניי האָב איך איבערגעלאָזט דעם אײַזהאַק אויפֿן האַלבן וועג אויבן; אין אַ צווייטן איז געווען צו טונקל צו זען אונדזערע פֿריִערדיקע אײַזהאַק־טרעפּ, און איך האָב ניט געקענט זען גאָרנישט, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט, זאָל זײַן מיט מזל. מיט אומענדיקער געדולד האָט ביל געזאָגט, "טשערי, איר *מוזט* זיך אויסלערנען ווי מע ניצט אַן אײַזהאַק." בעתן רעשט נסיעה זײַנען מײַנע ווינטקליידער געווען קרוע־בלוע.

מיר האָבן געפֿונען דעם שליטן, און ניט פֿאַר דער צײַט, און איצט זײַנען אונדז דרײַ אייער געבליבן, מער־וויניקער גאַנצע. די ביידע מײַנע האָבן געפּלאַצט אין די קוליקלעך; דאָס ערשטע האָב איך אויסגעליידיקט, דאָס צווייטע געלאָזט אין קוליקל, געהאַלטן פֿאַרן קאָכער; ס'איז ניט אַהין אָנגעקומען, נאָר בײַם צוריקקער אַהיים זײַנען מיר די קוליקלעך גיכער צעגאַנגען ווי בירדיס (ביל האָט קיינע ניט געהאַט[60]) און איך מיין, אַז דאָס פֿעטס אינעם איי האָט זיי עפּעס גוטס געטאָן. ווען מיר זײַנען אָנגעקומען אין די דאָלענעס אונטערן קאָם ווו מיר האָבן געדאַרפֿט אַריבערגיין, איז געווען צו טונקל צו טאָן אַבי וואָס אַחוץ אויסטאַפּן דעם וועג. אַזוי זײַנען מיר אַריבער איבער אַ סך שפּאַרעס, געפֿונען דעם קאָם, און איבער אים אַריבערגעקראָכן. אויף העכער האָבן מיר געקענט זען בעסער, נאָר ס'איז באַלד אוממיגלעך געוואָרן נאָכצוגיין אונדזערע אייגענע שפּורן, און מיר האָבן זיך געטאָפּטשעט פֿאָרויס און צום גליק געפֿונען דעם שיפּוע וואָס מיר זײַנען אויף אים אַראָפּגעקומען. דעם גאַנצן טאָג האָט געבלאָזן אַ פֿאַסקודנער קאַלטער ווינט מיט אַ טעמפּעראַטור צווישן °20- און °30-, וואָס מיר האָבן אים שטאַרק דערפֿילט. איצט איז געוואָרן ערגער. דער וועטער איז געדיכט געוואָרן און ס'האָט ניט אויסגעזען זייער שיין ווען מיר

האָבן אָנגעהויבן אַרויפֿגיין צו געפֿינען דאָס געצעלט. באַלד האָט געבלאָזן כּוח־4 און באַלד זײַנען מיר אין גאַנצן פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן. מיר זײַנען אָנגעקומען פּונקט אויבן פֿון דעם שטחל שטיינער וואָס באַצייכנט אונדזער איגלו און האָבן אים נאָר געפֿונען נאָך אַ סך אַרומזוכן.

איך האָב געהערט אַ מעשׂה וועגן אַן ענגלישן אָפֿיציר אין די דאַרדאַנעלעס וואָס ער איז איבערגעלאָזט געוואָרן, אַ בלינדער, אין קיינעמס־לאַנד צווישן די ענגלישע און טערקישע אַקאָפּעס. גייענדיק נאָר בײַ נאַכט אָן שום חוש אים צו באַווײַזן וועלכע זײַנען די אייגענע אַקאָפּעס זײַנע, האָבן אויף אים געשאָסן טערק און ענגלענדער גלײַך, בעת ער קריכט אויף זײַן גרויליקן וועג אַהין און אַהער. אַזוי האָט ער פֿאַרבראַכט טעג און נעכט ביז איינער אַ נאַכט, ווען ער קריכט צו צו די ענגלישע אַקאָפּעס, וואָס שיסן אויף אים ווי געוויינטלעך. "גאָט, וואָס קען איך טאָן!" האָט עמעצער אים געהערט זאָגן, איז ער געראַטעוועט געוואָרן.

אַזאַ עקסטקייט יסורים קען מען ניט מעסטן; משוגעת צי טויט קען אפֿשר העלפֿן. נאָר דאָס ווייס איך: מיר אויף דער אָ נסיעה האָבן שוין אָנגעהויבן האַלטן דעם טויט פֿאַר אַ פֿרײַנד. בעת מיר האָבן צוריקגעטאַפּט די נאַכט, אָן שלאָף, פֿאַראײַזיקט, פֿאַלנדיק פֿון די פּיס אין דעם פֿינצטערניש און דעם ווינט און דער זאַווייִ, וואָלטן אַ שפּאַרע אויסגעזען ווי אַ חבֿרישע מתּנה.

"עס דאַרף זיך פֿאַרבעסערן," האָט ביל צו מאָרגנס געזאָגט, "מיר דאַכט זיך, אַז מיר זײַנען נעכטן אָנגעקומען גאָר אויף דעם נידעריקסטן." ס'איז ניט געווען אמת, ווײַט ניט אַזוי.

ס'איז געווען אַזוי.

מיר האָבן זיך באַזעצט אין דעם איגלו דאָס ערשטע מאָל, וואָרן מיר האָבן געדאַרפֿט אײַנשפּאָרן נאַפֿט דורך ניצן דעם טראָן־אויוון, אויב מיר וועלן האָבן אַ ביסל פֿאָרן צוריקקער, און מיר האָבן ניט געוואָלט באַדעקן דאָס געצעלט מיט דעם אייליקן שוואַרצן שמוץ וואָס קומט דווקא מיטן ברענען טראָן. די זאַווערוכע האָט געבלאָזן די גאַנצע נאַכט, באַדעקט אונדז מיט זאַווייִ וואָס קומט אַרײַן דורך הונדערטער לעכצן; אין אָט דעם שטאַרק ווינט־געשאַרטן אָרט האָבן מיר ניט געקענט געפֿינען קיין ווייכן שניי אײַנצופּאַקן צווישן די פּײַדעס האַרטער שניי. בעת מיר צערעפֿטלען טראָן פֿון איינער אַ פּענגווין־פֿעל, האָט דער פֿײַנער געבלאָזענער שניי פֿאַרדעקט אַלץ וואָס מיר פֿאַרמאָגן.

כאָטש דאָס איז געווען אומבאַקוועם איז עס ניט קיין גרויסע דאגה. אַ טייל פֿון דעם בלאָזנדיקן שניי וואָס די זאַווערוכע ברענגט האָט זיך אָנגעקויפּט ווינד־אַראָפּ פֿון דער כאַלופּע און די פֿעלדזן וואָס אונטער זיי האָבן מיר זי אויסגעבויט, קענען מיר דאָס ניצן צו מאַכן די כאַלופּע וועטער־באַוואָרנטער. מיט גרויס שוועריקייט האָבן מיר אָנגעצונדן דעם טראָן־אויוון, האָט ער אַ שפּריץ געטאָן מיט אַ טראָפּן זידנדיקן אייל אין בילס אויג אַרײַן. די גאַנצע נאַכט איז ער געלעגן באַשײַמפּערלעך אין גרויס ווייטיק, גאָר ניט קענענדיק דערשטיקן די קרעכצן; שפּעטער האָט ער אונדז אויסגעזאָגט, אַז ער האָט געמיינט דאָס אויג איז גאַנץ קאַליע געמאַכט. ווי ניט איז האָבן מיר געספּראַוועט מיט קאָכן וואָס צו עסן, און דערנאָך האָט בירדי אָנגעצונדן

דעם אויוון, נאָר ס'איז געווען גאָר אָן אַ נוץ צו פּרוּוון אָנוואַרעמען דאָס שטיבל. איך בין אַרויס שנײַדן די גרינגע קאַנווע מחוץ דער טיר, כּדי אַרײַנצושטעקן דאָס דאַכטוך אונטער די שטיינער, און דערנאָך האָב איך דאָס פּעסט אָנגעפּאַקט מיט שניי, אויף וויפֿל איך האָב געקענט, און דערמיט פֿאַרשטעלט ס'רובֿ בלאָזנדיקער שניי וואָס קומט אַרײַן.

ס'איז אויסערגעוויינטלעך ווי אָפּט מלאָכים און נאַראָנים פֿירן זיך אויף דאָס זעלבע אין לעבן, און איך האָב קיין מאָל ניט געקענט באַשטימען וואָסערע מיר זײַנען געווען אויף אָט דער נסיעה. איך האָב קיין מאָל ניט געהערט קיין איינציק בייז וואָרט; בלויז איין מאָל (דעם זעלביקן טאָג ווען איך האָב ניט געקענט אַרויפֿציִען ביל סקאַלע־אַרויף פֿונעם פּענגווין־נעסט־שטח) האָב איך געהערט אַן אומגעדולדיקס, און די דאָזיקע קרעכצן זײַנען געווען נאָר עפּעס נאָענט צו באַקלאָגן זיך. ס'רובֿ מענטשן וואָלטן געוויינט. "מיר דאַכט זיך, אַז מיר זײַנען נעכטן אָנגעקומען גאָר אויף דעם נידעריקסטן" איז פֿאַר ביל שטאַרק לשון. "איך בין געווען אַ ניט־בכּוחער אַ קליינע ווײַלע," האָט ער געשריבן אין זײַן באַריכט צו סקאָט[א]. מע האָט אויסגעפּרוּווט דעם אויסהאַלט־כּוח אויף דער נסיעה אונדזערער בײַ איינציקע אומשטאַנדן, און שטענדיק האָבן די צוויי מענטשן, מיטן גאַנצן יאָך אַחריות, וואָס איך האָב אַליין ניט געהאַט, באַוויזן די אָ מעלה וואָס איז אפֿשר די איינציקע וואָס מע קען זאָגן אויף געוויס, אַז זי וועט אַרויסברענגען הצלחה: די שליטה איבער זיך.

מיר האָבן פֿאַרבראַכט דעם צווייטן טאָג – דעם 21סטן יולי – זאַמלען יעדער שטיקל ווייכן שניי וואָס מיר האָבן געקענט געפֿינען און דאָס אײַנפּאַקן אין די שפּאַלטן צווישן די האַרטע שנייפּײַדעס. ס'איז געווען קוים אַ פּיצל, אָבער מיר האָבן ניט געקענט זען קיין שפּאַלטן ווען מיר זײַנען פֿאַרטיק געווען. כּדי אַנטקעגנצווּווירקן ווי דער ווינט הייבט אויף דעם דאַך, האָבן מיר אויסגעשניטן עטלעכע גרויסע האַרטע פּלאַטשיקע שנייפּײַדעס און זיי אַוועקגעלייגט אויפֿן קאַנווענעם דאַך, עס זאָל אים האַלטן פּעסט אויפֿן שליטן וואָס פֿורעמט דעם קווערבאַלקן. מיר האָבן אויך אויפֿגעשלאָגן דאָס געצעלט אין דרויסן פֿון דער איגלו־טיר. דאָס געצעלט און דער איגלו זײַנען ביידע דערפֿאַר געווען אַן אַכט, ניין הונדערט פֿיס אַרויף אויף טעראָר; ביידע זײַנען געווען אונטער אַ שטיינערנעם אַרויסבראָך, וואָס פֿון אים פֿאַלט דער באַרג אַראָפּ שטאָציק ביז צום באַריער הינטער אונדז, פֿון וואַנען עס קומען די זאַווערוכעס. פֿאַר אונדז פֿאַלט אַראָפּ דער שיפּוע אַ מײַל אָדער ווײַטער ביז צום אײַזסקאַלעס, אַזוי ווינט־געשלאָגן אַז מיר האָבן געדאַרפֿט אָנטאָן די קראַמפּאָנס כּדי צו גיין אויף אים. דער גרעסטער טייל פֿונעם געצעלט איז געלעגן ווינט־אַראָפּ פֿון דעם איגלו, נאָר זײַן שפּיץ איז געווען העכער פֿונעם איגלו־דאַך, און אַ טייל פֿונעם געצעלט גופֿא האָט אַרויסגעשטאַרצט ווײַטער פֿונעם איגלו־וואַנט.

די נאַכט האָבן מיר אַרײַנגעבראַכט אַ סך פֿונעם געצײַג אַרײַן אינעם געצעלט און אָנגעצונדן דעם טראָן־אויוון. איך האָב קיין מאָל ניט געטרויט דעם אויוון, און אַלע רגע האָב איך זיך געריכט, אַז ער וועט אויפֿפֿלאַמען און אָפּברענען דאָס געצעלט. ברענענדיק שטאַרק האָט ער

---

[א] *סקאָטס לעצטע עקספּעדיציע*, ב.ii, ז. 28.

אונדז נישקשהדיק צעוואַרעמט, די היץ אײַנגעהאַלטן דורכן פֿאַרטאָפּלטן אונטערשלאַק פֿונעם געצעלט.

עס האָט ניט אויסגעמאַכט, אַחוץ אַ רוטין, וואָס מיר האָבן קיין מאָל ניט געקענט אויפֿהיטן, צי מיר הייבן אָן אַרײַנצושמעלצן אין די פֿאַרפֿרוירענע שלאָפֿזעק פֿיר אַ זייגער פֿאַר מיטאָג אָדער פֿיר אַ זייגער נאָך מיטאָג. איך מיין, אַז מיר האָבן זיך מסתּמא אַוועקגעלייגט שלאָפֿן נאָך מיטאָג דעם פֿרײַטיק, לאָזנדיק דעם קאָכער, די פּינעסקאָ, אַ שלל מיט שוכוואַרג, באַוערס פּערזענלעכן זעקל, און אַ סך אַנדערע זאַכן אינעם געצעלט. מיר דאַכט זיך, אַז מיר האָבן געלאָזט דאָרטן דעם טראָן־אויוון אויך, וואָרן ס'איז געווען גאָרניט כּדאַי צו פּרוּוון אָנוואַרעמען דעם איגלו. דאָס דילטוך פֿונעם געצעלט איז געווען אונטער די שלאָפֿזעק אין דעם איגלו.

"ס'מוז זיך פֿאַרבעסערן," האָט ביל געזאָגט. נאָך אַלעמען איז געווען אַ סך וואָס דערפֿאַר זאָלן מיר זאָגן אַ דאַנק. איך האַלט אַז קיינער האָט ניט געקענט אויסבויען אַ בעסערן איגלו מיט די האַרטע שנייפֿײַדעס און שטיינער וואָס זײַנען אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט; ביסלעכווײַז האָבן מיר זי פֿעסט געמאַכט, ער זאָל ניט אַרײַנלאָזן קיין ווינט. דער טראָן־אויוון האָט געאַרבעט, און מיר האָבן געהאַט ברענוואַרג פֿאַר אים; מיר האָבן אויך אָפּגעזוכט אַ וועג אַראָפּ צו די פּענגווינען און געהאַט דרײַ גאַנצע כאָטש פֿאַרפֿרוירענע אייער; די צוויי וואָס זײַנען געווען אין מײַנע קוליקלעך זײַנען צעבראָכן געוואָרן ווען איך בין אומגעפֿאַלן ווײַל איך האָב ניט געקענט טראָגן די ברילן. דערצו איז געוואָרן לענגער דאָס בין־השמשות פֿון דער זון אונטערן האָריזאָנט מיטאָגצײַט.

נאָר מיר זײַנען שוין געווען אין וועג צוויי מאָל אַזוי לאַנג ווינטערצײַט ווי די לענגסטע פֿריִערדיקע נסיעות פֿרילינגצײַט. די מענטשן אויף יענע נסיעות האָבן געהאַט טאָגליכט און מיר — פֿינצטערניש; זיי האָבן קיין מאָל ניט געהאַט אַזעלכע נידעריקע טעמפּעראַטורן, געוויינטלעך גאָרנישט אַזוי קאַלט; און זיי האָבן זיך ניט געראַנגלט אין אַזאַ שווער לאַנד. דאָס נאָענסטע צו געזונטן שלאָף וואָס מיר האָבן געהאַט אויף כּמעט אַ חודש איז אונדז געקומען בײַ די זאַווערוכעס, ווען די טעמפּעראַטור האָט דערלאָזט, אַז די וואַרעמקייט פֿון די קערפּערס צעלאָזט אין וואַסער אַרײַן אַ טייל פֿונעם אײַז אין די קליידער און שלאָפֿזעק. דער אָפּניץ אויף די מוחות איז געווען זייער גרויס. אַוודאי זײַנען מיר שוואַכער געוואָרן. אונדז איז געבליבן קוים מער ווי איין בלעכל נאַפֿט פֿאַרן צוריקקער, און מיר האָבן שוין געוווּסט פֿון די צושטאַנדן וואָס מיר דאַרפֿן איבערלעבן בײַ יענער נסיעה איבערן באַריער: אַפֿילו מיט פֿרישע מענטשן און פֿריש געצײַג איז דאָס געווען כּמעט ניט צו דערלײַדן.

איז, מיר האָבן פֿאַרבראַכט אַ האַלבע שעה אָדער מער בײַם אַרײַנקריכן אין די זעק. צירוס־וואָלקנס האָבן זיך באַוועגט פֿון צפֿון, פֿאַרשטעלט די שטערן; ס'האָט אויסגעזען אַ ביסל נעפּלדיק און געדיכט אויף דרום. נאָר ס'איז אַלע מאָל שווער צו פּסקענען וועגן דעם וועטער אין דער פֿינצטער. ס'איז געווען ווייניק ווינט און די טעמפּעראַטור אין די מינוס צוואַנציקער. אונדז איז ניט געווען קיין שטיקל אומרויִקייט. דאָס געצעלט איז גוט אײַנגעגראָבן, און אויך פֿעסט

געהאַלטן פֿון שטיינער און דעם שווערן טאַנק פֿונעם שליטן, וואָס מיר האָבן זיי געלייגט אויפֿן קאַנט צוליב גרעסערער זיכערקייט. מיר האָבן געמיינט, אַז ס'איז ניטאָ קיין כּוח אויף דער וועלט וואָס וואָלט געקענט רירן די דיקע ווענט פֿון אונדזער איגלו אָדער אַרויסציִען דעם קאַנווענעם דאַך פֿונעם מיטן אָנשיט, וואָס אין אים איז ער אײַנגעפּאַקט און צוגעבונדן.

"ס'מוז זיך פֿאַרבעסערן," האָט ביל געזאָגט.

איך ווייס ניט וויפֿל איז דער זייגער ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט. ס'איז געווען שטיל, מיט דער אַבסאָלוטער שטילקייט וואָס קען זײַן אָדער גאָר באַרויִקנדיק אָדער גאָר שרעקלעך, ווי די אומשטאַנדן פֿאָדערן. איז דעמאָלט געקומען אַ כליפּ ווינט, און ווידער אין גאַנצן שטיל. מיט צען מינוט שפּעטער האָט עס געבלאָזן עלעהיי די וועלט פֿאַרגייט זיך אין היסטעריע. די וועלט האָט זיך צעבראָכן אויף שטיקלעך; די אומבאַשרײַבלעכע רציחה און דעם בריל קען מען זיך ניט פֿאָרשטעלן.

"ביל, ביל, דאָס געצעלט איז ניטאָ," איז געווען די נאָענסטע זאַך וואָס איך געדענק – פֿון דעם וואָס באַוערס שרײַט צו אונדז אָבער און ווידער דורך דער טיר. ס'איז שטענדיק אַזוי, אַז אָט די אינדערפֿרייִקע שאָקן שלאָגן דאָס שטאַרקסטע; אונדזערע טעמפּע מוחות האָבן זיך געגעבן צו וויסן אַז אפֿשר קומט פֿאָר אַ ספּעציעל הײַענדיקער מין פּטירה. יאַזדע נאָך יאַזדע האָבן איך און בירדי געקעמפּט איבער די עטלעכע יאַרדן צווישן דעם געצעלט און דער איגלו־טיר. איך האָב קיין מאָל ניט פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי אַזוי פֿיל פֿונעם געצײַג, וואָס איז געהאַט געווען אינעם געצעלט, איז געבליבן, אַפֿילו ווינט־אַראָפּ פֿון דעם איגלו. דער אָרט ווו דאָס געצעלט איז געהאַט געשטאַנען איז אָנגעוואָרפֿן געוואָרן מיט געצײַג, און שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, האָבן מיר אַלצדינג געפֿונען אַחוץ דעם אונטערשטן טייל קאָכער און דעם אייבערל פֿונעם אויסנווייניקסטן קאָכער. אָט די צוויי שטיקער זײַנען אַוועק אויף אייביק. דאָס פֿלאָימדיקסטע פֿון אַלץ איז געווען, אַז די פֿינעסקאָ זײַנען געלעגן פּונקט ווו מיר האָבן זיי איבערגעלאָזט, וואָס האָט פּונקט באַדאַרפֿט זײַן אויפֿן באָדן אינעם טייל פֿונעם געצעלט וואָס געפֿינט זיך ווינט־אַראָפּ פֿון דעם איגלו. אויך איז דאָרט געווען בירדיס זעקל פּערזענלעך געצײַג, מיט אַ בלעכל זיסוואַרג.

בירדי האָט מיטגעבראַכט צוויי בלעכלעך זיסוואַרג. איינס האָבן מיר געגעסן צו פּראַווען אונדזער אָנקום בײַ דעם קויפּ; אָט דאָס איז געווען דאָס צווייטע, וואָס פֿון אים האָבן מיר גאָר ניט געוווּסט, און וואָס האָט געזאָלט זײַן פֿאַר בילס געבוירן־טאָג, צו מאָרגנס. מיר האָבן, אָבער, דאָס אָנגעהויבן עסן דעם שבת, און דאָס בלעכל איז פֿאַר ביל שפּעטער געקומען צו נוץ.

אויף צונויפֿקלײַבן דאָס דאָזיקע געצײַג, האָבן מיר באַקעמפֿט מיט האַרטע ווענט שוואַרצן שניי, וואָס שטראָמען אונדז פֿאַרבײַ, פּרווונדיק אונדז שלײַדערן שיפּוע־אַראָפּ. נאָך דעם ווי מע האָט אָנגעהויבן גיין אַראָפּ, איז ניטאָ וואָס האָט אים געקענט אָפּשטעלן. איך האָב געזען ווי בירדי ווערט איין מאָל אַנידערגעוואָרפֿן, נאָר ער האָט זיך צוריקגעקרעלט פּונקט צו דער צײַט. נאָך דעם ווי מיר האָבן ביל דערלאַנגט אַלץ וואָס מיר האָבן געקענט געפֿינען, זײַנען מיר ווידער

אַרײַן אין דעם איגלו, אָנגעהויבן צונויפֿזאַמלען די אַלע זאַכן, אונדזערע זייער צעפּאַטלטע מוחות בתוכם.

בלי־ספֿק, אַז מיר זײַנען געווען צווישן פֿײַער און וואַסער און ס'איז ניט אין גאַנצן אונדזער שולד. מיר האָבן געדאַרפֿט אַוועקשטעלן דעם איגלו מער־ווייניקער ווו מיר האָבן געקענט געפֿינען שטיינער אים אויסצובויען. גאָר נאַטירלעך האָבן מיר פֿאַרזאָרגט אי דאָס געצעלט אי דעם איגלו מיט אַזוי פֿיל אָפּדאַך ווי מיגלעך קעגן דעם גאַנצן כּוח ווינט. איז, דאַכט זיך איצט, זײַנען מיר געווען אין אַזאַ סכּנה ניט ווײַל זיי זײַנען אין דעם ווינט, נאָר ווײַל זיי זײַנען ניט גענוג אין דעם ווינט. דער הויפּטכּוח פֿונעם הוראַגאַן, אָפּגענייגט איבער דעם קאַם אויף הינטן, איז איבערגעפֿלויגן איבער די קעפּ און אַ פּנים געמאַכט מיט זײַן זויגונג אַ וואַקוום אונטן. דאָס געצעלט איז אָדער אַרויפֿגעזויגט געוואָרן אין דעם אַרײַן אָדער אַוועקגעבלאָזן ווײַל אַ טייל פֿון אים געפֿינט זיך אין דעם ווינט און אַ טייל ניט. דער דאַך פֿון דעם איגלו איז אַרויפֿגעריסן געוואָרן און דערנאָך אַראָפּגעלאָזט מיט גרויסע טראַסקן; דער בלאָזנדיקער שניי שיט אַרײַן, ניט ווײַל עס בלאָזט זיך אַרײַן פֿון דרויסן, נאָר ווײַל עס ווערט אַרײַנגעזויגט פֿון אינעווייניק; דער וואַנט ווינט־אַראָפּ, ניט ווינט־אַרויף, איז געווען דער ערגסטער. שוין איז אַלצדינג באַדעקט געוואָרן מיט אַ צאָל זעקס, אַכט שניי.

אין גיכן האָבן מיר זיך באַאומרויִקט וועגן דעם איגלו. אַ ווײַלע האָבן די שווערע שנייפּײַדעס וואָס מיר האָבן אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן קאַנווענעם דאַך אים געהאַלטן אויפֿן אָרט. נאָר איצט האָט זיך געדאַכט, האָט דער הוראַגאַן זיי ביסלעכווײַז אָפּגערוקט. די שפּאַנונג איז געוואָרן קוים אויסצוהאַלטן; דאָס וואַרטן אין מיטן אַזאַ טומל האָט אונדז משוגע געמאַכט. מינוטנווײַז, שעהענווײַז – די אָ שנייפּײַדעס זײַנען שוין אַראָפּגעפֿאַלן סײַ ווי סײַ, און דער דאַך האָט זיך צעשלאָגן אַרויף און אַראָפּ – ניטאָ קיין קאַנווע אויף דער וועלט וואָס קען דאָס לאַנג פֿאַרטראָגן.

מיר האָבן געהאַט אַ מאָלצײַט דעם שבת אינדערפֿרי, דעם לעצטן אויף זייער אַ לאַנגער צײַט, ווי עס האָט זיך געמאַכט. מחמת נאַפֿט איז אונדז געווען אַזוי וויכטיק, האָבן מיר געפּרוּווט ניצן דעם טראָן־אויוון, נאָר נאָך עטלעכע פּרעלימינאַרע ספּאַזמעס, איז ער צעבראָכן געוואָרן אין די הענט צוליב עפּעס אַ לייטעכץ וואָס האָט זיך געשמאָלצן; און גאָר אַ גוטע זאַך, האָב איך געמיינט, ווײַל ס'איז געווען ווײַט מער סכּנהדיק ווי נוציק. מיר האָבן געענדיקט קאָכן דעם מאָלצײַט אויפֿן פּרימוס. צוויי שטיקלעך פֿונעם קאָכער זײַנען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן דורכן ווינט, האָבן מיר אים געדאַרפֿט באַלאַנסירן אויפֿן פּרימוס אויף וויפֿל מיר קענען. מיר האָבן דעמאָלט אָפּגערעדט, ציליב דוחק אין נאַפֿט, אַז מיר וועלן אָפּלייגן עסן וואָס לענגער. לעולם האָט דאָס דער אייבערשטער באַשטימט פֿאַר אונדז.

מיר האָבן געאַרבעט מעשׂים צו פֿאַרשטעקן די ערטער וואָס דורך זיי קומט אַרײַן דער געבלאָזענער שניי, אויסשטאָפּן די לעכער מיט זאָקן, קוליקלעך, און אַנדערע קליידער. אָבער ס'האָט גאָר נישט געהאָלפֿן. דער איגלו איז געווען אַ וואַקוום וואָס פֿילט זיך אָן וואָס גיכער; און

ווען שניי קומט ניט אַרײַן, האָט אַ פֿײַנער שוואַרצער מאָרענע־שטויב אים פֿאַרביטן, פֿאַרדעקט אונדז און אַלצדינג. אַ גאַנצן מעת־לעת האָבן מיר געוואַרט ביז דער דאַך זאָל זיך אַוועקבלאָזן; ס'איז איצט געוואָרן אַזוי שלעכט, אַז מיר האָבן זיך ניט דערוועגט אָפּצובינדן די טיר.

מיט אַ סך שעהען צוריק האָט ביל אונדז געזאָגט, אַז דער בעסטער שאַנס, טאָמער ווערט דער דאַך אַוועקגעבלאָזן, וואָלט געווען, אַז מיר זאָלן זיך איבערדרייען אין די שלאָפֿזעק ביז מיר ליגן אויף די עפּענונגען, לאָזן זיך אײַנגעפֿרוירן ווערן אינעם זאַוויי.

בהדרגה איז דער מצבֿ געוואָרן מער פֿאַרצווייפֿלט. דער מהלך צווישן דער שטײַף־אַרויסגעזויגטער קאַנווע און דעם שליטן, וואָס אויף אים האָט זי געדאַרפֿט ליגן, איז גרעסער געוואָרן, וואָס דאָס האָט געמוזט זײַן צוליב דעם אויסציִען פֿון דער קאַנווע אַליין און דעם אָנוווער פֿון די שנייפֿײַדעס אויבן; עס איז ניט אַרויסגעקומען פֿון די ווענט. די קראַכן ווען זי פֿאַלט אַראָפּ און דערנאָך ווידער טראַסקעט אַרויף זײַנען הילכיקער געוואָרן. ס'איז אַרײַנגעקומען נאָך מער שניי דורך די ווענט, כאָטש די אַלע פֿרײַע קוליקלעך, זאָקן, און קלענערע קליידער האָבן מיר אָנגעפּאַקט אין די ערגסטע ערטער; די פּיזשאַמע־רעקלעך האָבן מיר אָנגעשטאָפּט צווישן דעם דאַך און די שטיינער איבער דער טיר. די שטיינער האָבן זיך אויפֿגעהויבן און געטרייסלט, ביז מיר האָבן געמיינט זיי מוזן אַראָפּפֿאַלן.

מיר האָבן גערעדט מיט געשרייען, און שוין לאַנג צוריק האָט איינער פֿון אונדז פֿאָרגעלייגט פּרוּוון צובינדן דעם באַרגשטריק איבערן דאַך פֿון דרויסן. נאָר באַוערס האָט געזאָגט, אַז ס'וועט זײַן דורכויס אוממיגלעך אין אַזאַ ווינט. "מע וואָלט ניט געקענט הייסן מאַטראָסן אויפֿן ים פּרוּוון אַזאַ זאַך," האָט ער געזאָגט. ער איז כּסדר אַרויף און אַרויס פֿון זײַן זאַק, פֿאַרשטאָפּן די לעכער, אָנשפּאַרן זיך קעגן שטיקלעך דאַך כּדי צו פּרוּוון אָפּשטעלן דעם פֿאָכען וכדומה. ער איז געווען פּראַכטיק.

און דעמאָלט איז עס אַוועק.

בירדי איז געווען לעבן דער טיר, ווו די קאַנווע, וואָס בייגט זיך איבערן אייבערבאַלקן, ניצט זיך אָפּ ערגער ווי ערגעץ אַנדערש. ביל איז שיִער ניט אַרויס פֿון זאַק דריקן אויף אַ טייל מיט עפּעס אַ לאַנגן שטעקן. איך ווייס ניט וואָס איך האָב געטאָן נאָר איך בין געווען האַלב אַרויס פֿון זאַק.

דער אויבן פֿון דער טיר האָט זיך געעפֿנט אין קליינע שניטן און די דאָזיקע גרינע ווילעסדען־קאַנווע האָט זיך צעפֿאָכעט אין הונדערטער שטיקלעך גיכער ווי איר קענט דאָס לייענען. דער ליאַרעם פֿון דעם אַלעם איז געווען אומבאַשרײַבלעך. אַפֿילו איבערן ווילדן דונער פֿון אָט דעם אומגעהײַערן ווינט אויפֿן באַרג איז געקומען דאָס קאַטעווען פֿון דער קאַנווע, בשעת זי צעשמײַסט זיך אין קליינטשיקע פֿאַסמעס. די אייבערשטע שטיינער וואָס מיר האָבן אײַנגעבויט אין די ווענט זײַנען אויף אונדז אַראָפּגעפֿאַלן, און אַ פֿלאַכטע געבלאָזענער שניי איז אַרײַן.

בירדי איז געשפּרונגען נאָך זײַן שלאָפֿזאַק און סוף־כּל־סוף אַרײַנגעקראָכן אין אים אַרײַן, צוזאַמען מיט אַ מוראדיק סך שניי. ביל דאָס גלײַכן – נאָר אים איז געווען בעסער; איך בין שוין האַלב אַרײַן אין מײַן זאַק, איז מיר געווען גוט, האָב איך אַ דריי געטאָן ביל צו העלפֿן. "קריגט זיך אַרײַן אין דעם אייגענעם," האָט ער געשריגן, און ווען איך האָב אים ווײַטער געפּרוּווט העלפֿן, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט ביז זײַן מויל איז לעבן מײַן אויער. "איך בעט אײַך, טשערי," האָט ער געזאָגט, און זײַן קול איז געווען שרעקלעך באַזאָרגט. איך ווייס, אַז ער האָט זיך געפֿילט גאָר אַחריותדיק, מורא געהאַט, אַז ער האָט אונדז געבראַכט ביז אָט דעם גרויליקן סוף.

וואָס איך האָב דערנאָך געזען איז באַוערס קאָפּ איבער בילס קערפּער. "אונדז איז גוט," האָט ער געשריגן, און מיר האָבן געענטפֿערט אויף יאָ. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר האָבן דאָס געזאָגט בלויז ווײַל מיר ווייסן שוין, אַז אונדז איז ניט גוט, איז דער אַרויסזאָג געווען אַ העלפֿיקער. דערנאָך האָבן מיר זיך איבערגעדרייט אין די זעק וואָס ווײַטער, ביז דער אונטן איז אויבן און די קליאַפּעס זײַנען מער־ווייניקער אונטן. זײַנען מיר געלעגן און געטראַכט, און אָפֿט מאָל געזונגען.

איך בין זיך משער, האָט ווילסאָן געשריבן, אַז מיר אַלע האָבן געפּרוּווט אויסטראַכטן פּלענער ווי אַזוי זיך צוריקצוקערן אָן אַ געצעלט; די איינציקע זאַך וואָס בלײַבט אונדז איז געווען דאָס דילטוך, וואָס אויף אים זײַנען מיר אַזש געלעגן. פֿאַרשטייט זיך, האָבן מיר ניט געקענט רעדן אַצינד, נאָר שפּעטער, נאָך דעם ווי די זאַווערוכע איז פֿאַרטיק, האָבן מיר אַרומגערעדט די מיגלעכקייט פֿון גראָבן אַלע נאַכט אַ לאָך אינעם שניי און אים פֿאַרדעקן מיטן דילטוך. איך מיין, אַז מיר האָבן קיין השׂגה ניט געהאַט, אַז מיר קענען טאַקע זיך צוריקקערן אין אַזעלכע טעמפּעראַטורן אינעם איצטיקן מצבֿ אײַז מיט אַזאַ "געצעלט", נאָר קיינער האָט קיין מאָל ניט געגעבן קיין רמז דערוועגן. בירדי און ביל האָבן געזונגען זייער אַ סך לידער און קלויסטערלידער; שטיקלעך פֿון זיי האָבן מיר דערגרייכט פֿון צײַט צו צײַט, און איך האָב צוגעבאָמקעט, שוואַכערהייט, מיין איך. געוויס זײַנען מיר געוואָרן גאָר פֿאַרזאַווייעוועט. "איך האָב באַשלאָסן בײַ זיך וואַרעם צו בלײַבן," האָט באַוערס געשריבן. "און אונטער מײַן דעקונג פֿון רים האָב איך געטאַפּט מיט די פֿיס און געזונגען די אַלע לידער און קלויסטערלידער וואָס איך האָב זיי געקענט, די צײַט זאָל פֿאַרבײַגיין. איך האָב געקענט ווען ניט ווען בריקען ביל און אַז ער באַוועגט זיך נאָך, האָב איך געוווּסט, אַז ער בלײַבט יאָ אַ לעבעדיקער – אַזאַ געבוירן־טאָג פֿאַר אים!" בירדי איז געווען מער פֿאַרדעקט מיט שניי ווי אונדז, נאָר פֿון צײַט צו צײַט האָבן מיר אַלע געדאַרפֿט זיך אַרויפֿבייגן אַוועקצוואַרפֿן דעם שניי פֿון די זעק. דורכן עפֿענען די קליאַפּעס פֿון די זעק האָבן מיר געקענט קריגן קליינע שטיקלעך ווייכער שניי, וואָס מיר האָבן דאָס געקוועטשט און אַרײַנגעשטעקט אין מויל אַרײַן, ס'זאָל זיך צעגיין. ווען די הענט האָבן זיך ווידער אָנגעוואַרעמט, האָבן מיר נאָך אַ ביסל געקראָגן; אַזוי האָבן מיר זיך ניט שטאַרק געדאָרשט. עטלעכע סטענגעס קאַנווע זײַנען נאָך אַלץ געבליבן אין די ווענט איבער די קעפּ, האָבן זיי געמאַכט זאַלפֿן ווי נאַגאַן־שיסערײַ שעה נאָך שעה. די קאַנווע האָט זיך ניט

אַרויסגעצויגן פֿון די ווענט, ניט קיין צאָל. דער ווינט האָט געמאַכט דעם זעלבן קלאַנג ווי אַן עקספּרעסבאַן בײַם פֿאָרן גיך־גיך דורך אַ טונעל אויב מע האָט געעפֿנט ביידע פֿענצטער.

מיר איז גרינג צו גלייבן, אַז ניט דער ניט יענער פֿון מײַנע באַלייטערס האָט זיך מיאש געווען אויף אַ רגע. זיי האָבן געדאַרפֿט זײַן דערשראָקן, אָבער זיי זײַנען קיין מאָל ניט געווען באַאומרויִקט. פֿון מײַנעט וועגן האָב איך אין גאַנצן קיין מאָל ניט געהאַט קיין אויסקוק, און ווען דער דאַך איז אַוועק האָב איך זיך געפֿילט, אַז אָט איז דער סוף. וואָס דען זאָל איך מיינען? ס'האָט אונדז געדויערט טעג אָנצוקומען אַהער אין פֿינצטערניש און קעלט וואָס קיין מענטש אויף דער וועלט האָט קיין מאָל ניט איבערגעלעבט. מיר זײַנען געווען אונטער וועגנס פֿיר וואָכן אין צושטאַנדן, וואָס אין אַזוינע איז קיינער פֿריִער ניט געבליבן מער ווי אַ געציילטע טעג, אויב אַזוי לאַנג. במשך פֿון די טעג האָבן מיר זעלטן געשלאָפֿן אַחוץ פֿון הוילער קערפּערלעכער אויסשעפּונג, ווי אַ מענטש שלאָפֿט אויף אַן עינוי; יעדער מינוט האָבן מיר געקעמפֿט נאָך די קלענסטע נייטיקייטן פֿון קיום אַליין, און שטענדיק אין פֿינצטערניש. מיר האָבן זיך געמיטלט ווײַטער גיין דורך עקסטרעמער אָפּגעהיטנקייט פֿון די פֿיס און הענט און קערפּערס, דורכן ברענען נאַפֿט, און דורך אַ סך הייסער פֿעטער שפּײַז. איצט האָבן מיר קיין געצעלט ניט געהאַט, בלויז איין בלעכל נאַפֿט געבליבן פֿון זעקס, און נאָר אַ טייל פֿונעם קאָכער. ווען ס'האָט אונדז אָפּגעגליקט און ס'איז ניט געווען צו קאַלט, האָבן מיר שיִער ניט געקענט אויסדרינגען וואַסער פֿון די קליידער, און פֿון קט זײַנען מיר אַרויס פֿון די שלאָפֿזעק, זײַנען מיר פֿאַרפֿרוירן געוואָרן אין האַרטע בויגנס פֿאַנצעראײַז. אין קאַלטע טעמפּעראַטורן, מיט די אַלע מעלות פֿון אַ געצעלט איבערן קאָפּ, האָבן מיר שוין געאַרבעט מער ווי אַ שעה רציחהדיק קעמפֿן און קאָרטש זיך אַרײַנצוקריכן אין די שלאָפֿזעק – אַזוי פֿאַרפֿרוירן זײַנען זיי געווען און אַזוי לאַנג האָט געדויערט דאָס צעגיין אַ וועג אַרײַן. ניין! אָן דעם געצעלט זײַנען מיר שוין טויטע.

און ס'האָט זיך געדאַכט אַז ס'איז ניט געווען איין שאַנס אין אַ מיליאָן, מיר וועלן ווידער זען דאָס געצעלט. מיר זײַנען געווען 900 פֿיס אַרויף אויף דער באַרגזײַט, און דער ווינט האָט געבלאָזן וואָס שטאַרקער גלײַך צו דעם ים. קודם־כּל איז געווען אַ שטאָציקער שיפּוע, אַזוי האַרט, אַז אַ קירקע וואָלט אויף אים קוים געמאַכט אַן אָפּדרוק, אַזוי גליטשיק, אַז אויב מע הייבט אָן אַראָפּגיין אין פֿינעסקאָ וואָלט ער זיך ניט געקענט אָפּשטעלן; דאָס האָט זיך געענדיקט אין אַ גרויסער אײַזסקאַלע עטלעכע הונדערטער פֿיס אין דער הייך, און דערנאָך מײַלן פֿון דריקקאַמען, צעשפּאַלטן און קאַפּויערגעפֿאַלן, וואָס אין זיי וואָלט מען גיכער זוכן אַ מאַרגעריטקע ווי אַ געצעלט; און דערנאָך דער אָפֿענער ים. גיכער פֿאַר אַלץ, אָבער, איז אַז דאָס געצעלט איז אַרויפֿגענומען געוואָרן אין דער לופֿטן און אַראָפּגעלאָזט ערגעץ ווו אין דעם ים ווײַט אויפֿן וועג קיין נײַ־זעלאַנד. קלאָר אין זיך, אַז דאָס געצעלט איז אַוועק.

פּנים־אל־פּנים מיט דעם אמתן טויט טראַכט מען ניט וועגן די ענינים וואָס פּײַניקן די זינדיקע אין די מאמרים און פֿילן אָן די הייליקע מיט חדווה. איך האָב זיך געקענט חקירהן וועגן מײַנע שאַנסן פֿון אָנקומען אין גן־עדן, אָבער דעם אמת געזאָגט האָט דאָס מיך ניט געאַרט. איך

וואָלט ניט געקענט וויינען אַפּילו זאָל איך אַ פּרוּוו טאָן. ס'האָט זיך מיר ניט געוואָלט איבערגיין איבער דאָס שלעכטס פֿון מײַן עבֿר. נאָר דער עבֿר האָט אויסגעזען עפּעס געגאַנגען אין ניוועץ. גוטע כּוונות, זאָגט מען, עפּענען דעם וועג קיין גיהנום; פֿאַרלוירענע געלעגנהייטן עפֿענען דעם וועג קיין גן־עדן.

איך האָב געוואָלט די יאָרן צוריק נאָך אַ מאָל. אַזאַ הנאה וואָלט איך געהאַט מיט זיי: סאַראַ גלאָריעדיקע הנאה! ס'איז געווען אַ שאָד. גערעכט איז געווען דער פּערסער ווען ער זאָגט, אַז ווען מיר קומען צום טויט, דערמאָנענדיק זיך אין גאָטס רחמנות, וועלן מיר גריזשען די עלנבויגנס מיט חרטה איבער די זאַכן וואָס מיר האָבן ניט געטאָן צוליב פּחד פֿאַר דעם יום־הדין.

און איך האָב געוואָלט פֿערשקעס מיט סירעפּ – שטאַרק געוואָלט. מיר האָבן זיי געהאַט געגעסן אין דער הײַזקע, זיסער און מעדנימדיקער ווי איר קענט זיך פֿאָרשטעלן. און ס'האָט אונדז געפֿעלט צוקער שוין אַ חודש. יאָ – בפֿרט דער סירעפּ.

אַזוי האָב איך זיך אומגלייביק פֿירגענומען צו שטאַרבן, בײַ זיך באַשלאָסן, אַז איך וועל ניט פּרוּוון בלײַבן וואַרעם, אַז ס'וועט אפֿשר ניט לאַנג געדויערן, האָבנדיק אין זינען, אַז איך וואָלט פּרוּוון קריגן אַ ביסל מאָרפֿין פֿונעם מעדיצין־קאַסטן טאָמער ס'ווערט זייער שלעכט. ניט אויף אַ האָר גיבוריש, און אין גאַנצן אמת! יאָ, באַקוועמער, וואַרעמער לייענער, מענטשן שרעקן זיך ניט פֿאַרן טויט; זיי שרעקן זיך פֿאַר די יסורים פֿונעם שטאַרבן.

און דעמאָלט, גאַנץ נאַטירלעך און בלי־ספֿק אַנטוישנדיק פֿאַר די וואָס האָבן געוואָלט לייענען וועגן מײַן גסיסה (ווײַל ווער וואָלט ניט געוואָלט געבן הנאה דורך זײַן טויט?), בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן. איך נעם אָן, אַז די טעמפּעראַטור איז געווען גאַנץ הויך במשך פֿון דער אָ גרויסער זאַווערוכע, און אַבי וואָס נאָענט צו נול איז בײַ אונדז געווען זייער הויך. דאָס מיט דעם שניי, וואָס בלאָזט איבער און באַדעקט אונדז, האָבן געמאַכט אַ באַקוועמען נאַסן סאָרט בעקאַסן[61]־זומפּ אין די שלאָפֿזעק, און איך בין זיכער, אַז מיר אַלע האָבן אַ סך געדרעמלט. ס'זײַנען געווען אַזוי פֿיל דאגות, אַז ס'איז ניט געווען קיין נוץ דאגהן; און מיר זײַנען געווען *ביז גאָר מיד*. מיר זײַנען געווען הונגעריק, ווײַל דער לעצטער מאָלצײַט וואָס מיר האָבן געגעסן איז געווען אַ טאָג פֿריִער אין דער פֿרי, נאָר דער הונגער איז ניט געווען זייער דרינגלעך.

און אַזוי זײַנען מיר געלעגן, נאַס און טאַקע נישקשהדיק וואַרעם, שעה נאָך שעה, בעת דער ווינט האָט גערעוועט אַרום און אַרום, רק געבלאָזן שטורעם־כּוח און שטאַרקער אין פֿלאָשן ביז צום עפּעס אומבאַשרײַבלעך. שטורעם־כּוח איז כּוח־11 און כּוח־12[62] איז דאָס שטאַרקסטע וואָס מע קען אָנלאָגן; באַוערס האָט דאָס אָנגעלאָגט ווי כּוח־11, נאָר ער האָט תּמיד מורא געהאַט פֿאַרן איבערטרײַבן, אַז ער האָט נוטה געווען אונטערצושאַצן. איך מיין, אַז ס'האָט געבלאָזן אַ גאַנצער הוראַגאַן. אַ מאָל וואַך, אַ מאָל דרעמלענדיק, איז דאָס ניט געווען קיין זייער אומבאַקוועמע צײַט אויף וויפֿל איך קען געדענקען. איך האָב געוווּסט, אַז פּאַרטיעס וואָס זײַנען געקומען קיין קאַפּ־קראָזיער פֿרילינגצײַט האָבן איבערגעלעבט זאַווערוכעס וואָס האָבן געדויערט אַכט, צען טעג. נאָר דאָס האָט אונדז ניט געאַרט ווי, מיין איך, ביל: איך בין געווען

געליימט. אומבאַשטימלעך האָב איך זיך דערמאָנט, אַז פּירי[63] איז איבערגעקומען אַ זאַווערוכע אונטערן פֿרײַען הימל; נאָר איז דאָס געווען זומערצײַט?

עס איז געווען פֿרי אין דער פֿרי שבת (דעם 22סטן יולי), ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט פֿונעם אָנוווער פֿונעם געצעלט. אין עפּעס אַ צײַט במשך פֿון דעם אינדערפֿרי האָבן מיר געגעסן דעם לעצטן מאָלצײַט. דער דאַך איז אַנטלאָפֿן מער־ווייניקער מיטאָגצײַט זונטיק און מיר האָבן ניט געגעסן אין דער צײַט ווײַל אונדז איז געבליבן אַזוי ווייניק נאַפֿט; אויך האָבן מיר זיך ניט געקענט אַרויסרוקן פֿון די זעק אַחוץ בײַ דער שטרענגסטער נייטיקייט[64]. ביז זונטיק אין אָוונט האָבן מיר ניט געגעסן שוין אַ זעקס און דרײַסיק שעה.

די שטיינער וואָס זײַנען אויף אונדז אַראָפּגעפֿאַלן ווען דער דאַך איז אַוועק האָבן קיין שאָדנס ניט אָפּגעטאָן, און כאָטש מיר האָבן ניט געקענט אַרויסקומען פֿון די זעק זיי צו באַוועגן, האָבן מיר זיך יאָ געקענט אַרײַנפּאַסן צווישן זיי אָן שוועריקייטן. ערנסטער איז געווען דער געבלאָזענער שניי וואָס הייבט זיך אָן אָנצוקויפּן אַרום און אַרום און איבער אונדז. עס האָט געהאָלפֿן אונדז וואַרעמען, פֿאַרשטייט זיך, נאָר אין דער זעלבער צײַט אין די לפֿי־ערך הויכע טעמפּעראַטורן זײַנען די זעק געוואָרן ווײַט מער אָנגעזעטיקט ווי פֿריִער. אויב מיר געפֿינען ניט דאָס געצעלט (און דער אָפּזוך וואָלט זײַן אַ נס), זײַנען אָט די זעק און דאָס דילטוך פֿונעם געצעלט, וואָס מיר ליגן אויף אים, געווען אַלץ וואָס מיר האָבן פֿאַרמאָגט פֿאַר דעם קאַמף צוריק איבערן באַריער, וואָס האָט געקענט האָבן, דאַכט זיך מיר, נאָר איין סוף.

דערווײַל האָבן מיר געדאַרפֿט וואַרטן. ס'איז געווען כמעט 70 מײַלן אַהיים און ס'האָט אונדז געדויערט כמעט גאַנצע דרײַ וואָכן אַהערצוקומען. אין די ניט אַזוי צרהדיקע מאָמענטן, האָבן מיר געפּרוּווט אויסטראַכטן אופֿנים צוריקצוגיין, נאָר איך געדענק זייער ווייניק וועגן אָט דער צײַט. זונטיק אין דער פֿרי איז פּאַמעלעך געוואָרן זונטיק נאָכמיטאָג – זונטיק בײַ נאַכט – מאָנטיק אין דער פֿרי. ביז דעמאָלט האָט די זאַווערוכע געווילדעוועט מיט רציחהדיקן צאָרן; די ווינטן פֿון גאָר דער וועלט זײַנען דאָרט געווען, און זיי זײַנען אַלע גאָר משוגע געוואָרן. מיר האָבן געהאַט איבערגעלעבט שלעכטע ווינטן בײַ קאַפּ־עוואַנס דאָס יאָר, און גאָר ערגער דעם קומעדיקן ווינטער ווען אָפֿן וואַסער שטייט פֿאַר דער טיר. אָבער איך האָב קיין מאָל ניט געהערט, ניט געפֿילט, ניט געזען אַ ווינט ווי דער. איך האָב זיך געוווּנדערט ווי אַזוי ס'האָט ניט אַוועקגעטראָגן די וועלט.

פֿרי פֿאַרטאָג מאָנטיק איז געקומען פֿון צײַט צו צײַט אַ ווונק אײַנשטיל. געוויינטלעך אין אַ גרויסער ווינטער־זאַווערוכע, נאָך עטלעכע טעג און נעכט מיט אַזאַ בהלה אין די אויערן, זײַנען די אײַנשטילן ערגער ווי דער טומל: "דאָס געפֿיל פֿון ניט־פֿילן"[א]. דאָס מאָל געדענק איך ניט דאָס באַמערקן. זיבן אָדער אַכט שעה זײַנען פֿאַרבײַ, און כאָטש עס בלאָזט נאָך אַלץ האָבן מיר

---

[א] קיטס [Keats: “the feel of not to feel it”].

זיך גרינגער געקענט הערן איינער דעם אַנדערן. שוין צוויי טעג און צוויי נעכט אָן שום מאָלצײַט.

מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוקריכן פֿון די זעק און גיין זוכן דאָס געצעלט. אַזוי האָבן מיר געטאָן, ביטער קאַלט און גאָר אויף צרות, כאָטש איך מיין, אַז קיינער האָט דאָס ניט באַוויזן. אינעם פֿינצטערניש האָבן מיר געקענט זען זייער ווייניק, און קיין שום שפּור פֿונעם געצעלט. מיר זײַנען צוריק מיטן ווינט אין פּנים, זיך פֿאַרזאָרגנדיק מיט די פּנימער און הענט, און האָבן אָפּגעמאַכט, אַז מיר דאַרפֿן פּרוּוון עפּעס קאָכן ווי ניט איז. מיר האָבן זיך געבריהט דעם משונהדיקסטן מאָלצײַט וואָס מע האָט אַ מאָל געגעסן אויף צפֿון צי אויף דרום. מיר האָבן אײַנגעשפּאַרט דאָס דילטוך אונטער די זעק, אַרײַנגעקראָכן אין די זעק, און איבערגעצויגן דאָס דילטוך איבער די קעפּ. צווישן אונדז האָבן מיר ווי ניט איז אָנגעצונדן דעם פּרימוס און מיט דער האַנט באַלאַנסירט אויף אים דעם קאָכער, אָן די צוויי אַוועקגעבלאָזענע שטיקלעך. דער פֿלאַם האָט געצאַנקט אין די צוגן. גאָר פּאַמעלעך איז דער שניי אינעם קאָכער צעגאַנגען, האָבן מיר אַרײַנגעוואָרפֿן אַ היפּשע מאַסע פּעמיקאַן, און דער ריח דערפֿון איז געווען בעסער ווי אַבי וואָס אויף דער וועלט. מיט דער צײַט האָבן מיר געהאַט אי טיי אי פּעמיקאַן, וואָס איז פֿול מיט האָר פֿון די זעק, פּענגווינען־פֿעדערן, שמוץ, און רים, נאָר מלא־טעם. דער טראָן וואָס איז געבליבן אינעם קאָכער איז פֿאַרברענט געוואָרן און האָט דער טיי געגעבן אַ פֿאַרברענטן טעם. מיר האָבן דעם מאָלצײַט קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן; איך האָב זיך מחיה געווען מיט אָט דעם מאָלצײַט אויף וויפֿל מע קען מיט אַזאַ מאָלצײַט, און דער פֿאַרברענטער טעם וועט אים שטענדיק צוריקשטעלן אין געדאַנק.

ס'איז געווען נאָך אַלץ פֿינצטער און מיר האָבן זיך ווידער אַנידערגעלייגט אין די זעק, נאָר באַלד האָט זיך באַוויזן אַ קליינער גלי ליכט, און מיר זײַנען אַרויס נאָך אַ מאָל אַ זוך צו טאָן נאָכן געצעלט. בירדי איז אַוועק איידער ביל און איך. אומבאַהאָלפֿן האָב איך אַרויסגעצויגן מיט זיך דעם גאַגאַפּוך[65] פֿונעם זאַק אויף די פֿיס, גאָר דורכגעווייקט; ס'איז געווען אוממיגלעך דאָס ווידער אַרײַנצושטעקן און איך האָב עס געלאָזט פֿרירן; ס'איז באַלד פּונקט ווי אַ שטיין געוואָרן. דער הימל אויף דרום איז געווען וואָס שוואַרצער און בייזער. ס'האָט אויסגעזען ווי די זאַווערוכע וועט בײַ אונדז ווידער אָנקומען אין אַ רגע.

איך בין נאָך ביל נאָכגעגאַנגען שיפּוע־אַראָפּ. מיר האָבן גאָרנישט ניט געקענט געפֿינען. נאָר בײַם זוכן האָבן מיר דערהערט אַ געשריי אין ערגעץ אונטן און אויף רעכטס. מיר זײַנען געקומען אויף אַ שיפּוע, אַראָפּגעפֿאַלן, און אָנגעהויבן זיך אַראָפּצוגליטשן, גאָר ניט אָפּצושטעלן, און האָבן זיך אָנגעשטויסן אין בירדי מיט דעם געצעלט, דער אויסנווייניקסטער שיכט נאָך אַלץ אויף די יאַמש־שטעקנס. מע האָט בײַ אונדז צוגענומען דאָס לעבן און אים צוריקגעגעבן.

מיר זײַנען געווען אַזוי דאַנקבאַר, אַז מיר האָבן ניט געזאָגט קיין איינציק וואָרט.

ס'האָט געמוזט זײַן, אַז דאָס געצעלט ווערט געכאַפּט אין דער לופֿטן, זיך פֿאַרמאַכט בעת עס פֿליט אַרויף. די יאַמש־שטעקנס, מיט דעם אינעווייניקסטן שיכט צוגעבונדן צו זיי, האָבן זיך

פֿאַרוויקלט אין דער אויסנווייניקסטער דעקונג, און דאָס אַלץ האָט זיך אויפֿגעהויבן ווי אַ פֿאַרמאַכטער שירעם. דאָס איז געווען אונדזער גאולה. אויב ס'האָט זיך געעפֿנט אין דער לופֿטן, וואָלט עס דווקא צעשטערט געוואָרן. ווי ס'איז געווען, מיט די מאַסע צוגעפֿרוירן אײַז אויף אים, האָט עס געדאַרפֿט וואָגן כמעט 100 פֿונטן. ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ווײַט עפּעס אַ האַלבע מײַל, צופֿוסנס פֿון אַ שטאָציקן שיפּוע; און ס'איז אַראָפּ אין אַ דאָלענע, נאָך אַלץ פֿאַרמאַכט. דער הויפּט־כּוח פֿונעם ווינט האָט איבער אים געבלאָזן, און אָט איז עס געווען, מיט די יאַמש־שטעקנס און פֿאַרפֿעסטיקונגען פֿאַרקרימט און אָנגעשטרענגט, מיט צעבראָכענע עקן בײַ צוויי שטעקנס, נאָר מיט ניט־געריסענעם זײַדנס.

אויב דאָס געצעלט זאָל ווידער אַנטלויפֿן, וועלן מיר מיט אים מיטגיין. מיר זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען צוריק שיפּוע־אַרויף מיט אים, טראָגנדיק עס פֿײַערלעך און מיט אָפּשײַ, ווי מיט אַן אַנטיק, ווי מיט עפּעס ניט אין גאַנצן פֿון דער אָ וועלט. און מיר האָבן עס אַרײַנגעגראָבן ווי קיין געצעלט פֿריִער איז ניט אַרײַנגעגראָבן געוואָרן; ניט לעבן דעם איגלו, נאָר אויפֿן אַלטן אָרט ווײַטער אַראָפּ, וווּ מיר זײַנען געהאַט צו ערשט אָנגעקומען. און בעת ביל האָט דאָס געטאָן, זײַנען איך מיט בירדי צוריק אין דעם איגלו, גראָבן, קראַצן, און אַוועקשאַרן די זאַוויי אינעווייניק ביז מיר האָבן געפֿונען כמעט דאָס גאַנצע געצײַג. ס'איז געווען אַ וווּנדער, וואָס מיר האָבן אַזוי ווייניק פֿאַרלוירן ווען דער דאַך איז אַוועק. ס'רובֿ געצײַג האָבן מיר געהאַט געהאַנגען אויפֿן שליטן וואָס איז אַ טייל פֿונעם דאַך, אָדער אָנגעפּאַקט אין די לעכער פֿון דער כאַלופּע כּדי צו פּרווון מאַכן זי שניי־באַוואָרנט, און די אַלע זאַכן האָבן געדאַרפֿט אַרײַנגעבלאָזן געוואָרן אויפֿן גרונט פֿון דער כאַלופּע דורכן ווינט פֿון דרום און דעם צוריק־געדריי פֿון צפֿון. דערנאָך זײַנען זיי אַלע פֿאַרשאָטן געוואָרן מיט שניי. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַ געציילטע קוליקלעך און זאָקן זײַנען אַוועקגעבלאָזן געוואָרן און פֿאַרלוירן, נאָר די איינציקע וויכטיקע זאַך איז געווען בילס פעלצענע קוליקלעך, וואָס מע האָט זיי אָנגעשטאָפּט אין אַ לאָך צווישן די שטיינער פֿון דער כאַלופּע. מיר האָבן אָנגעלאָדן דעם שליטן און אים אַראָפּגעשטופּט שיפּוע־אַראָפּ. איך ווייס ניט ווי בירדי האָט זיך געפֿילט, אָבער איך האָב זיך געפֿילט אַזוי שוואַך, אַז דאָס איז געווען די מאַטערדיקסטע אַרבעט. ס'האָט אויסגעזען, אַז די זאַווערוכע קומט פּונקט אויף אונדז.

מיר האָבן געגעסן נאָך אַ מאָלצײַט, און מיר האָבן אים באַדאַרפֿט; און בעת דער גוטער הוש לויפֿט אַראָפּ אין די פֿיס און הענט און אַרויף אין די באַקן און אויערן און מוחות, האָבן מיר אַרומגערעדט וואָס ווײַטער צו טאָן. בירדי איז געווען אַ בעלן נאָך אַ פּרוּוו צו טאָן בײַ די קייסער־פּענגווינען. טײַערער בירדי! ער וואָלט קיין מאָל ניט צוגעגעבן, אַז ער איז צעשלאָגן געוואָרן – איך ווייס ניט צי ער איז טאַקע ווען עס איז אַזוי געווען! "איך מיין, אַז ער (ווילסאָן) האָט זיך געפֿילט, אַז ער האָט אונדז געבראַכט אין אַ שלעכטן ווינקל און באַשטימט בײַ זיך צוריקצוקערן גראָד אַהיים, כאָטש איך בין גרייט אויף אַ צווייטן פּרוּוו בײַם נעסט־שטח. פֿונדעסטוועגן האָב איך זיך געשטעלט אונטער זײַן באַפֿעל פֿרײַוויליק פֿאַר דער דאָזיקער נסיעה,

און דערפֿאַר האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַהיים אויף מאָרגן."[א] באמת האָט ניט געקענט זײַן קיין שום שׂכלדיקער ספֿק: מיר מוזן צוריקקערן, און מיר זײַנען שוין געווען זייער מסופּק, צי מיר וועלן קענען אַ מאָל אַרײַנקריכן אין די שלאָפֿזעק אין זייער נידעריקע טעמפּעראַטורן, אַזוי גרויליק זײַנען זיי געוואָרן.

איך ווייס ניט ווען דאָס איז געשען, נאָר איך געדענק דאָס אַראָפּגיין דעם שיפּוע אַראָפּ – איך ווייס ניט פֿאַר וואָס, אפֿשר אַ פּרווו צו טאָן געפֿינען דעם גרונט פֿונעם קאָכער – און טראַכטן, אַז ס'איז פֿאַראַן גאָרנישט אויף דער גאָרער וועלט וואָס אַ מענטש אין אַזאַ מצבֿ וואָלט ניט אָפּגעגעבן אויף אַ גוטן וואַרעמען שלאָף. ער וואָלט אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן; ער וואָלט אָפּגעגעבן – וויפֿל? – יאָרן פֿון זײַן לעבן. איינס, צוויי, ווייניקסטנס – אפֿשר פֿינף? יאָ – איך וואָלט אָפּגעגעבן פֿינף. איך געדענק די סאַסטרוגי[66], דעם אויסבליק אויף דעם קויפּ, דעם אומקלאָרן נעפּלדיקן שוואַרצן שמיר פֿונעם ים העט ווײַט אונטן; די קליינע שטיקלעך גרינע קאַנווע וואָס פֿלאַטערן אינעם ווינט אויף דער שניי־אייבערפֿלאַך; דאָס קאַלטע לײַדן פֿון דאָס אַלץ; און די שוואַכקייט וואָס בײַסט מיר אין האַרצן.

עטלעכע טעג האָט בירדי מיר צוגערעדט, איך זאָל ניצן זײַן גאַגאַפּוך־אונטערשלאַק – זײַן שיינער טרוקענער זאַק פֿונעם פֿײַנסטן פּוך – וואָס ער האָט דאָס קיין מאָל ניט אַרײַנגערוקט אין זײַן אייגענעם פּעלצזעק. איך האָב זיך געהאַט אָפּגעזאָגט דערפֿון; איך וואָלט זיך געפֿילט ווי אַ בעסטיע דאָס צוצונעמען.

מיר האָבן אײַנגעפּאַקט דעם טאַנק, זיך אָנגעגרייט פֿאַרן צוריקקער אין דער פֿרי און זיך געלייגט שלאָפֿן, גאָר אויסגעמאַטערט. ס'איז געווען נאָר 12°- די נאַכט, נאָר דער גראָבער פֿינגער פֿונעם לינקן פֿוס איז מיר אָפּגעפֿרוירן געוואָרן אינעם זאַק, וואָס איך האָב אים געפּרוּווט ניצן אָן דעם גאַגאַפּוכענעם אונטערשלאַק, און דער זאַק איז מיר תּמיד געווען צו גרויס. ס'האָט געדאַרפֿט געדויערן עטלעכע שעה אים צוריקצוברענגען, דורכן שלאָגן איין פֿוס אינעם צווייטן. ווען מיר האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, אַזוי באַלד ווי מיגלעך, ווי יעדע נאַכט, וואָרן די זעק זײַנען כּמעט אוממיגלעך, האָט געבלאָזן גאַנץ שטאַרק און אויסגעזען ווי זאַווערוכעוודיק. מיר האָבן געהאַט אַ סך צו טאָן, אַ שעה צוויי־דרײַ אַרבעט, אײַנפּאַקן די שליטנס און מאַכן אַ מאַגאַזין מיט אַלץ וואָס מיר האָבן ניט געוואָלט מיטנעמען, אין אַ ווינקל פֿון דעם איגלו. מיר האָבן איבערגעלאָזט דעם צווייטן שליטן און אַ צעטל צוגעבונדן צום הענטל פֿון דער קירקע.

> מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג שיפּוע־אַראָפּ אין אַ ווינט וואָס פֿאַרשטאַרקט זיך כּסדר און 15°-. מײַן טועכץ איז געווען צו באַלאַנסירן דעם שליטן פֿון הינטן; איך בין אַזוי פֿולשטענדיק אויסגעמאַטערט געווען, אַז איך האָב געמיינט, איך וואָלט ניט געקענט שלעפּן ווירקעוודיק. בירדי איז געווען ווײַט דער קראַפֿטיקסטער צווישן אונדז. צוליב דעם אָנשטרענג און דעם פֿעלן

---

[א] באַוּערס

פֿון שלאָף בין איך געפֿאַלן פֿון די פֿיס, און ביל האָט אויסגעזען זייער שלעכט. אונטן האָבן מיר זיך געדרייט מיטן פּנים צו דער באַריער און מיטן רוקן צו די פּענגווינען, נאָר נאָך אפֿשר אַ מײַל האָט עס אויסגעזען אַזוי דראָענדיק אויף דרום, אַז מיר האָבן זיך געלאַגערט אין אַ שטאַרקן ווינט, די הענט פֿרירנדיק איינע נאָך דער אַנדערער. מיר האָבן גאָרנישט ניט געהאַט אַחוץ די האַרטסטע ווינט־געקערטע סאַסטרוגי, און ס'איז געווען אַ לאַנגער צימעס; ס'איז דאָרט געווען נאָר דאָס קלענסטע שטיקל זאַווי, און מיר האָבן מורא געהאַט, אַז די אײַזיקע שנייפֿײַדעס וועלן אָנרײַבן דאָס געצעלט. בירדי האָט צוגעבונדן דאָס פֿולע ביסקוויטן־בלעכל צו דער טיר, ער זאָל ניט פֿאָכען, און אויך גענומען דאָס וואָס ער רופֿט דעם געצעלט־אַראָפּציִער[67] פֿונעם מיצל און אים צוגעבונדן צו זיך אַרום דעם זאַק: אויב דאָס געצעלט גייט אַוועק, גייט ער מיט.

איך האָב זיך געפֿילט נאָענט צו אײַנבראָך, און איך האָב אָנגענומען בירדיס גאַגאַפֿוך. דאָס איז געווען גאָר מוסר־נפֿשדיק פֿון אים, מער ווי איך קען באַשרײַבן. איך האָב זיך גאָר געפֿילט ווי אַ בעסטיע, וואָס איך האָב דאָס גענומען, אָבער איך בין געוואָרן אָן אַ נוץ סײַדן איך קען שלאָפֿן אַ ביסל, וואָס מײַן גרויסער זאַק דערלאָזט ניט. ביל און בירדי האָבן געהאַלטן אין איין זאָגן, אַז איך זאָל ווייניקער טאָן, אַז איך טו מער ווי מײַן חלק פֿון דער אַרבעט; נאָר מיר דאַכט זיך, אַז איך בין געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. בירדי איז געבליבן גאָר אַ גבֿר; ער האָט געשלאָפֿן ס'רובֿ נאַכט; פֿאַר אים איז די צרה געווען אַרײַנצוקריכן אין זײַן זאַק אָן אײַנשלאָפֿן. ער האָט געפֿירט די וועטער־לאָגהעפֿט אומפֿאַרמאַטערלעך, נאָר עטלעכע נעכט איז דאָס דורכגעפֿאַלן צײַטנווײַז, ווײַל ער האָט ניט געקענט בלײַבן וואַך. ער פֿלעגט אײַנשלאָפֿן מיט זײַן שיסל אין דער האַנט, געלאָזט דאָס אַראָפּפֿאַלן און אַ מאָל האָט ער געהאַלטן דעם פּרימוס.

בילס זאַק איז וווערט פֿאַרפֿאַלן; ס'איז געווען באמת צו קליין פֿאַרן גאַגאַפֿוך און צעשפּאַלט זיך אומעטום: גרויסע לאַנגע לעכער. ער האָט קיין מאָל ניט וויסיק געשלאָפֿן שוין נעכט; ער האָט טאַקע אַ ביסל געשלאָפֿן, ווײַל מיר האָבן אים געהערט. אַחוץ דער דאָזיקער נאַכט און דער קומעדיקער, ווען בירדיס גאַגאַפֿוך איז נאָך אַלץ היפּש טרוקן, האָב איך קיין מאָל ניט וויסיק געשלאָפֿן; אַחוץ דעם, וואָס איך פֿלעג זיך אויפֿכאַפּן פֿינף אָדער זעקס נעכט אין אַ ריי מיטן זעלביקן קאָשמאַר – מיר ווערן גאַנץ פֿאַרזאַווייעוועט און ביל און בירדי שטעקן אַרײַן דאָס געצײַג אין מײַן זאַק, אויפֿשנײַדן אים כּדי דאָס צו

טאָן, אָדער עפּעס אַזוינס – איך האָב ניט געוווּסט, צי איך האָב געשלאָפֿן צי ניט[א].

"מיר זײַנען קוים אָנגעקומען בײַם גרוב," האָט באַוערס געשריבן,

ווען ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ צאָרנדיקער ווינט און מיר האָבן זיך געמוזט לאַגערן. די גאַנצע נאַכט האָט דאָס געצעלט זיך געשלאָגן מיט אַ קלאַנג ווי ביקס־שיסערײַ, צוליב די צוויי פֿלאָקנס וואָס זיי זײַנען צעבראָכן געוואָרן בײַם עק און פֿאַסן מער ניט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ס'וועט זיך אין גאַנצן צעשטיקלען און איך האָב עס געפּרוּווט צובינדן וואָס פֿעסטער, צופֿעסטיקן דעם שפּיץ צו אַ שנור אַרום מײַן אייגענעם שלאָפֿזאַק. דער ווינט האָט זיך אײַנגעשטילט נאָך אָנדערטהאַלבן טעג, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, גייענדיק אַ מײַל פֿינף־זעקס איידער מיר זײַנען געקומען אין מיטן שפּאַלטן.[ב]

מיר האָבן זיך געטאָפּטשעט פֿאָרויס דעם גאַנצן טאָג (דעם 26סטן יולי) אין שרעקלעכער ליכט, פֿאַרבלאָנדזשעט צווישן דריק און אויף די שיפּועים פֿון טעראָר. די טעמפּעראַטור איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון °21- ביז °45-.

עטלעכע מאָל זײַנען מיר אַרײַנגעטראָטן אין פֿויל־געדעקטע שפּאַלטן בײַ גלאַטן ווינט־געקערטן אײַז. פֿונדעסטוועגן האָבן מיר זיך ווײַטער געצויגן, טאַפּנדיק דעם וועג דורכן האַלטן תּמיד אַוועק פֿון די האַרטע אײַז־שיפּועים און בלײַבן אויפֿן געסקאָרעוועטן טיפֿן שניי, וואָס כאַראַקטעריזירט די טאָלן צווישן די דריקקאַמען, וואָס אין זיי, האָב איך געמיינט, זײַנען מיר נאָך אַ מאָל פֿאַרפּלאָנטערט אין דעם פֿינצטערניש. מיר האָבן ניט געהאַט קיין ליכט, קיין אָריענטירן אונדז צו פֿירן, אַחוץ נעפּלדיקע און אומקלאָרע סילועטן פֿון די שיפּועים פֿאָרויס, וואָס בײַטן זיך כּסדר, און וואָס זיי זײַנען און ווי ווײַט אַוועק זיי זײַנען קען מען ניט פֿאַסקענען. מיר האָבן קיין מאָל ניט געוווּסט צי מיר קומען נאָענט צו אַ שטאָציקן שיפּוע צי אַ לאַנגן שיפּוע פֿון טעראָר, מײַלן ווײַט אַוועק, און מיט דער צײַט זײַנען מיר ווײַטער געגאַנגען מיט די אויערן, און מיט דעם געפֿיל פֿונעם שניי אונטער די פֿיס, וואָרן אי דער קלאַנג אי דער צוריר דערקלערן קלאָר וועגן דער סכּנה פֿון שפּאַלטן אָדער אַ גוטן וועג. מיר זײַנען ווײַטער געגאַנגען אַזוי אינעם פֿינצטערניש, האָפֿנדיק, אַז ווייניקסטנס גייען מיר אין דער ריכטיקער ריכטונג.[ג]

דעמאָלט האָבן מיר זיך געלאַגערט, נאָך אַרײַנקומען אין מיטן אַ סך שפּאַרעס, גאָר פֿאַרבלאָנדזשעט. ביל האָט געזאָגט, "יעדן פֿאַל מיין איך, אַז מיר זײַנען ווײַט אַוועק פֿון דעם

---

[א] מײַן אייגן טאָגביכל

[ב] באַוערס

[ג] ווילסאָן אין *סקאָטס לעצטע עקספּעדיציע*, ב. ii, ז. 58.

דריק.״ נאָר עס זײַנען געקומען די גאַנצע נאַכט דריקקנאַלן, גלײַך ווי עמעצער גיט אַ כמאַל אויף אַ ליידיקן צובער.

ס'איז געווען בירדיס בילדהיטל[68] וואָס ברענגט צרות צו מאָרגנס. ״וואָס האַלט איר פֿון אָט *דעם* פֿאַר אַ היטל, סער?״ האָב איך אים געהערט זאָגן צו סקאָט אַ פּאָר טעג איידער מיר גייען אָפּ, האַלטנדיק עס אין דער האַנט ווי לוציל שטעלט אויס די נײַסטע מאָדע. סקאָט האָט דאָס באַטראַכט שטילערהייט אַ ווײַלע; ״איכ'ל אײַך ענטפֿערן ווען איר קומט צוריק, בירדי,״ האָט ער געזאָגט. ס'איז געווען אַ קאָמפּליצירטער ענין מיט אַלערליי נאָזהיטערס און קנעפּלעך און שטריקלעך; ער האָט געמיינט, אַז ער וואָלט געקענט דאָס אַלץ אַראַנזשירן צוליב דעם ווינט ווי מע אַראַנזשירט די זעגלען אויף אַ שיף. מיר פֿלעגן פֿאַרברענגען אַ לאַנגע צײַט מיט אונדזערע געניי־עטויִען פֿאַר דער אָ נסיעה און פֿאַר אַנדערע, ווײַל יעדער האָט זײַן אייגענעם שטייגער, ווי אַזוי איבערצומאַכן די קליידער דאָס בעסטע. בײַם סוף האָבן עטלעכע אויסגעזען ציכטיק, ווי ביל; אַנדערע בײַטלדיק, ווי סקאָט אָדער דער מאַטראָס עוואַנס; אַנדערע האַרט און טויגעוודיק, ווי אָטס און באַוערס; אַ געציילטע אפֿשר מער גראָב ווי טויגעוודיק, וועל איך קיינעם ניט זידלען. סײַ ווי סײַ איז בירדיס היטל אומפֿאַסיק געוואָרן באַלד ווי ס'איז פֿאַרדעקט מיט אײַז.

ווען ס'האָט זיך אַ ביסל געטאָגט אין דער פֿרי האָבן מיר דערזען, אַז מיר זײַנען אַ ביסל אויף צפֿון פֿון די צוויי שטיקלעך מאָרענע אויף טעראָר. כאָטש מיר האָבן דאָס ניט געוווּסט, זײַנען מיר אויפֿן אָרט ווו דער דריק שטויסט זיך אָן אין טעראָר, האָבן מיר שווער געקענט זען, אַז מיר זײַנען פּונקט אַנטקעגן עפּעס. מיר האָבן אָנגעהויבן פּרוּוון אַרויסקומען, נאָר באַלד האָט זיך אַ ריזיקער קאַם אויפֿגעהויבן ווי אַ גרויס בערגל אויף רעכטס, פֿאַרשטעלנדיק די מאָרענע און אַ העלפֿט פֿון טעראָר. ביל האָט געזאָגט, אַז די איינציקע עצה איז צו גיין ווײַטער פֿאָרויס, האָפֿנדיק אַז ס'וועט זיך אַראָפּלאָזן; שטענדיק איז אָבער געווען אַ שלעכט געפֿיל, אַז אפֿשר וועלן קומען אַבי וויפֿל קאַמען צווישן אונדז און דעם באַרג. נאָך אַ ווײַלע האָבן מיר געפּרוּווט אַריבערגיין דעם דאָזיקן קאַם, נאָר מיר האָבן זיך געמוזט צוריקקערן צוליב שפּאַרעס, איך מיט ביל ביידע שטעקנדיק אַרײַן אַ פֿוס. מיר זײַנען ווײַטער געגאַנגען אַ מינוט צוואַנציק און געפֿונען אַ נידעריקן אָרט, זיך געדרייט אים אַרויפֿצוקריכן באַלכסון, און דערגרייכט דעם שפּיץ. פּונקט נאָך דעם שפּיץ איז בירדי גלײַך אַראָפּגעפֿאַלן אין אַ שפּאַרע אַרײַן, וואָס איז בערך ברייט גענוג אים אַראָפּצושלינגען. ער איז געווען דאָרט ווו מע זעט ניט און ניט צו דערגרייכן פֿונעם אויבנאויף, הענגענדיק אין זײַן געשפּאַן. ביל איז געגאַנגען נאָך זײַן געשפּאַן און איך צו דעם פֿאָדערבאָרט פֿונעם שליטן; ביל האָט מיר געזאָגט איך זאָל קריגן דעם אַלפּינשטריק און בירדי האָט אונדז פֿון אונטן געזאָגן וואָס מיר

זאָלן טאָן. מיר האָבן אים גאָר ניט געקענט אַרויסציִען ווי ער שטייט און גייט, ווײַל די שפּאַרע־זײַטן זײַנען געווען ווייך און ער האָט ניט געקענט זיך העלפֿן.[א]

"מײַן קאַסקע איז אַזוי פֿאַראײַזיקט געוואָרן," האָט באַוערס געשריבן,

אַז מײַן קאָפּ איז געווען אַרומגעצאַמט אין אַ האַרטער פּײַדע אײַז און איך האָב ניט געקענט אַראָפּקוקן אָן אײַנבייגן דעם גאַנצן קערפּער. דעריבער האָט ביל זיך ספּאָטיקעט מיט איין פֿוס אין אַ שפּאַרע, בין איך אויך אַרײַן מיט ביידע פֿיס [פּונקט ווען איך האָב געשריגן אַ וואָרענונג[ב]], די בריק איז אײַנגעפֿאַלן און אַראָפּ בין איך. צום גליק זײַנען די געשפּאַנען בכיוון געמאַכט, זיי זאָלן קענען אויסהאַלטן אַזאַ זאַך, און דאָרט בין איך געהאַנגען מיטן תּהום אונטן און די אײַז־געסקאָרעוועטע זײַטן בײַ יעדער האַנט, אַזוי שמאָל, אַז ס'וואָלט געווען גאָר גרינג זי אַריבערצוטרעטן אויב איך האָב נאָר געקענט זען. ביל האָט געזאָגט, "וואָס ווילט איר?" איך האָב געבעטן פֿאַרן אַלפּינשטריק מיט אַ באָלין־קנופּ[69] פֿאַר מײַן פֿוס. אַרויפֿציִען די באָלין־קנופּ און מײַן געשפּאַן אַ מאָל איבער אַ מאָל האָבן זיי מיר אַרויסגעשלעפּט.[ג]

דערווײַל האָב איך פֿון אויבן זיך אַוועקגעלייגט איבער דער שפּאַרע און דערלאַנגט בירדי די באָלין־קנופּ; ער האָט אין איר אַרײַנגעשטעקט דעם פֿוס; דערנאָך האָט ער דעם פֿוס אויפֿגעהויבן, מאַכנדיק לויז דעם שטריק; איך האָב געהאַלטן דעם שטריק בעת ער האָט זיך אויפֿגעהויבן בײַם צווייטן פֿוס, אַזוי אַרום זאָל ביל האָבן עפּעס לויז בײַם געשפּאַן; ביל האָט דעמאָלט געהאַלטן דאָס געשפּאַן, דערלאָזנדיק בירדי אויפֿצוהייבן דעם פֿוס און מיר געבן ווידער עפּעס לויז. מיר האָבן אים אַרויסגעשלעפּט צאָל נאָך צאָל, בעת די פֿינגער זײַנען אָפּגעפֿרוירן געוואָרן, ווײַל די טעמפּעראַטור איז געווען 46°-. שפּעטער האָבן מיר אָפֿט גענוצט דעם אופֿן ראַטעווען עמעצן פֿון אַ שפּאַרע, און ס'איז געווען אַ ווונדערלעך שטיקל חריפֿות, ווי דער וואָס האָט דאָס אויסגעטראַכט, אויפֿן מאָמענט, ווי ווײַט איך ווייס, איז געווען אַ פֿאַרפֿרוירענער מענטש, אַליין אַרײַן אין אַ שפּאַרע[70].

פֿאָרנט האָבן מיר געקענט זען נאָך אַ קאַם, און מיר האָבן ניט געוווּסט וויפֿל ליגן נאָך הינטער אים. ס'האָט אויסגעזען גאָר שלעכט. ביל איז געגאַנגען ווײַט פֿאָרויס צוגעבונדן צום אַלפּינשטריק און מיר זײַנען רעכט אַרויס פֿון דער דאָזיקער צרה. דער אופֿן, מיטן פֿאָרגייער אויף אַ לאַנגן שטריק אַפֿריִער, האָבן מיר מסכּים געווען, איז זייער נוציק. פֿון דעם מאָמענט אָן איז אַלץ בעסער געוואָרן און אונדז איז אַלצדינג געגאַנגען גלאַט ביזן סוף. נאָכדעם וואָס מיר זײַנען אָנגעקומען אויפֿן ים־אײַז איז די גאַנצע איבערלעבונג שוין פֿאַרטיק אין

---

[א] מײַן אייגן טאָגביכל
[ב] ווילסאָן
[ג] באַוערס

עטלעכע טעג אַרום, הײַזקע־שפּיץ האָט זיך תּמיד אָנגעזען, און ס'איז געווען טאָגליכט. מיר האָט אַלע מאָל געפּילט ווי די גאַנצע ריי געשעענישן האָט זיך גורם געווען דורך אַ ריי אויסערגעוויינטלעכע צופֿאַלן, און נאָך אַ געוויסער סטאַדיע האָבן מיר גאָר ניט געקענט קאָנטראָלירן ווי עס וועט זיך פֿירן. אונטער וועגנס קיין קאַפּ־קראָזיער, ווען די לבֿנה האָט זיך פּלוצעם באַוויזן פֿון הינטער די וואָלקנס און אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז אַ גרויסע שפּאַרע וואָס וואָלט אונדז מיטן שליטן גרינג אַראָפּגעשלונגען, האָב איך זיך געפּילט, אַז נאָך אַזאַ גאולה וועלן מיר ניט אונטערגיין. נאָכדעם וואָס מיר האָבן פֿאַרלוירן דאָס געצעלט און ס'איז געווען אַ סבֿרא, אַז מיר וועלן עס קיין מאָל ניט געפֿינען, בעת מיר ליגן אין די זעק איבערוואַרטנדיק די זאַווערוכע, האָב איך אײַנגעזען, אַז מיר זײַנען פּנים־אל־פּנים מיט אַ לאַנגן קאַמף אַקעגן די קעלט, וואָס מיר וואָלטן דערפֿון ניט געקענט אַרויסקומען מיטן לעבן. איך קען ניט באַשרײַבן ווי אומבאַהאָלפֿן איך האָב געהאַלטן מיר קענען זיך ראַטעווען, און ווי אַזוי מיר זײַנען אַרויס פֿון אַזאַ ריי גאָר שרעקלעכע געשעענישן. ווען מיר האָבן אָנגעהויבן גיין צוריק, האָב איך זיך געפּילט, אַז ס'וועט בעסער ווערן און דעם טאָג האָב איך געהאַט אַ בולטע השגה, אַז מיר וועלן דורכגיין נאָך איין שלעכטע פּרוּוונג און דערנאָך וועלן מיר קענען האָפֿן, אַז ס'וועט ווערן בעסער.

דורכן גיין לענג־אויס דער דאָלענע זײַנען מיר אַרויס פֿון די דריקקאַמען, געגאַנגען ווײַטער דעם גאַנצן טאָג אַרויף און אַראָפּ און ניט געטראָפֿן קיין שפּאַרעס. באמת מער ניט קיין שפּאַרעס און מער ניט קיין דריק. איך מיין, אַז ס'איז געווען אָט דעם טאָג ווען אַ וווּנדערלעכער גלי ציט זיך איבערן באַריער ראַנד פֿון קאַפּ־קראָזיער; אונטן איז דאָס געווען דער שלאָגיקסטער פּאָמס וואָס מע קען זיך פֿאָרשטעלן, צעשטאַפּלענדיק זיך אַרויף דורך די אַלע שאַטירונגען פֿון רויט, ביז אַ בלאַסן גרין, און ווײַטער ביז צום טיפֿן בלאָען הימל. ס'איז געווען גאָר דער בולטסטער רויט וואָס איך האָב ווענס געזען אינעם הימל.[א׳]

ס'איז געווען 49°- די נאַכט און מיר זײַנען פֿרי אונטער וועגנס אין אַ קעלט פֿון 47°-. מיטאָגצײַט האָט זיך טעראָר־שפּיץ העכער אויפֿגעהויבן פֿאַר אונדז, ערעבוס גיך געוואָרן מער פֿאַר די אויגן, און מיר האָבן געהאַט דעם ערשטן העל ליכטיקן טאָג, כאָטש די זון וועט זיך באַווײַזן איבערן האָריזאָנט ערשט אין אַ חודש אַרום. איך קען ניט באַשרײַבן ווי אָט די ליכט האָט אונדז צוגענומען אַ שטיין פֿון האַרצן. מיר זײַנען פֿאַרבײַ דעם שפּיץ מחוץ פֿון אונדזער פֿריִערדיקן מאַרשרוט, און האָבן געזען דאָרט ווו מיר זײַנען געווען שלעכט פֿאַרשנייט דרײַ טעג אויף דער נסיעה אַרויס.

[א׳] מײַן אייגן טאָגביכל.

דער מינימום איז געווען 66°- די אַנדערע נאַכט און מיר זײַנען צוריקגעקומען אין דעם ווינטלאָזן ווינקל פֿונעם באַריער, מיט זײַן ווייכן שניי, נידעריקע טעמפּעראַטורן, נעפּלען און טומאַנען, און אָנהאַלטיקע אָפּזעצונגען פֿון די אינעווייניקסטע סקאָרעס. שבת און זונטיק, דעם 29סטן און 30סטן, האָבן מיר זיך געטאָפּטשעט ווײַטער איבער דער וויסטעניש, גאַנץ פּאַראַיזיקט ווי געווייינטלעך, נאָר דער שלאָס שטיין[71] איז אַלץ גרעסער געוואָרן. פֿון צײַט צו צײַט האָט אונדז געדאַכט, אַז ס'קומט אַ טומאַן אָדער ווינט, נאָר ס'האָט זיך אַלע מאָל אויסגעלײַטערט. מיר זײַנען שוואַך געוואָרן, ווי שוואַך האָבן מיר געקענט פֿאַרשטיין נאָר איצט, אָבער מיר האָבן געמאַכט גוטע מאַרשן, כאָטש פּאַמעלעכע – טעג ווען מיר זײַנען געגאַנגען 4½, 7¼, 6¾, 6½, 7½ מײַלן. בײַ דער נסיעה אַרויס האָבן מיר אַריבערגעטראָגן, געגאַנגען פֿאָרויס אפֿשר 1½ מײַל אַ טאָג אין דעם אָרט. דער אויבנאויף וואָס פֿאַר אים האָבן מיר געהאַט געציטערט איז ניט געווען אַזוי זאַמדיק צי ווייך ווי פֿריִער, און די אָפּזעצונגען נאָך בולטער. זיי קומען אַרויס ווען אַ סקאָרע פֿאַלט אַראָפּ אונטער די פֿיס. געוויינטלעך נעמט דאָס אַרײַן אַ שטח פֿון אַ יאַרד צוואַנציק אַרום, און דער אויבנאויף פֿאַלט אַראָפּ דורך אַ לופֿט־אָפּשטאַנד פֿון עפּעס אַ צאָל צוויי־דרײַ, מיט אַ ווייכן זיפֿץ, וואָס דאָס אַלץ רופֿט אַרויס ערשט דעם געדאַנק, אַז ס'זײַנען דאָ שפּאַרעס אַרום. אין דעם געגנט וווּ מיר גייען איצט זײַנען זיי געווען גאָר בולטער ווי אַנדערש וווּ, און אין איינעם אַ טאָג, בעת ביל איז געווען אינעם געצעלט אָנצינדנדיק דעם פּרימוס, האָב איך אַרײַנגעשטעקט דעם פֿוס אין אַ לאָך וואָס איך האָב געהאַט אויסגעגראָבן. דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע אָפּזעצונג: שליטן, געצעלט, און מיר אַלע זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן אפֿשר אַ פֿוס, און דער קלאַנג דערפֿון האָט געשאַלט אויף מײַלן און מײַלן; מיר האָבן אים אויסגעהערט ביז מיר זײַנען צו קאַלט געוואָרן. ס'האָט געמוזט געדויערן גאַנצע דרײַ מינוט.

אין די הפֿסקות פֿון מאַרש האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין דעם געשפּאַן, די שטריקן פֿון זיי לייגנדיק לויז אינעם שיטיקן שניי. מיר זײַנען געשטאַנען, סאָפּענדיק מיט די רוקנס אָנגעשפּאַרט אין דער באַרגיקער מאַסע פֿאַרפֿרוירן געצײַג וואָס איז אונדזער לאַסט. ס'איז ניט געווען קיין ווינט, ווייניקסטנס ניט מער ווי דאָס קלענסטע ווינטעלע; דער אָטעם האָט געקנאַקלט בעת ער פֿרירט. ס'איז ניט געווען קיין אומנייטיקער שמועס; איך ווייס ניט ווי אַזוי די צונגען זײַנען קיין מאָל ניט פֿאַרפֿרוירן געוואָרן, נאָר אַלע מײַנע ציין, וואָס זייערע נערוון זײַנען שוין לאַנג דערהרגעט געוואָרן, האָבן זיך שטאַרק צעשפּאַלטן. מיר זײַנען געגאַנגען אפֿשר דרײַ שעה זינט עסן אָנבײַסן.

"וואָס טוט זיך מיט די פֿיס, טשערי?" מאַכט ביל.

"זייער קאַלט."

"נו, גוט; בײַ מיר אויך אַזוי." מיר האָבן זיך ניט מטריח געווען צו פֿרעגן בײַ בירדי: ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין אָפּגעפֿרוירענעם פֿוס פֿון אָנהייב ביזן סוף.

שפּעטער מיט אַ האַלבער שעה, בעת מיר מאַרשירן, שטעלט ביל די זעלביקע פֿראַגע. איך זאָג אים, אַז דער גאַנצער חוש איז אַוועק; ביל האָט נאָך אַלץ אַ ביסל געפֿיל אין איין פֿוס אָבער

דער צווייטער איז פֿאַרלוירן. האָט ער באַשטימט מיר זאָלן זיך שוין לאַגערן; נאָך אַ גרויליקע נאַכט קומט. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשפּאַנען, בעת ביל, איידער ער טוט עפּעס אַנדערש, טוט אויס די פּעלצענע קוליקלעך פֿון די הענט, זאָרגעוודיק אויספֿורעמענדיק די ווייכע טיילן בעת זיי פֿרירן (געוויינטלעך זײַנען די קוליקלעך ניט צעגאַנגען אויף די הענט), און לייגט זיי אַוועק אויפֿן שניי פֿאַר אים – צוויי שוואַרצע פֿינטלעך. זײַנע געהעריקע פּעלצענע קוליקלעך זײַנען פֿאַרלוירן געגאַנגען ווען דער איגלו־דאַך איז אַוועק; אָט די פּאָר זײַנען געווען די דעליקאַטע הינט־הויט־אונטערשלעק וואָס מיר האָבן געבראַכט דערצו, שיינע זאַכן, אַז מע קוקט זיי אָן, דערטאַפּט זיי ווען זיי זײַנען נײַע, אויסגעצייכנט ווען טרוקן פֿאַרן דרייען די שרויפֿן פֿון אַ טעאָדאָליט[72], נאָר צו דעליקאַט פֿאַר רימענס און פּאַסן. פּונקט איצט ווייס איך ניט וואָס ער וואָלט געקענט טאָן אָן זיי.

אַרבעטנדיק מיט די וואָלענע האַלב־קוליקלעך און קוליקלעך שטענדיק אויף די הענט און איבער זיי די פּעלצענע קוליקלעך ווען ס'איז מיגלעך, האָבן מיר ביסלעכווײַז אויפֿגעמאַכט די שנאָלן און פֿאַרשפּרייט דאָס גרינע קאַנווענע דילטוך אויפֿן שניי. אָט דאָס האָט מען צוגעפּאַסט פֿאַרן ניצן ווי אַ זעגל, נאָר מיר האָבן קיין מאָל ניט געקענט אויפֿשטעלן אַ זעגל אויף אָט דער נסיעה. די לאָפּעטע און די יאַמש־שטעקנס, מיטן אונטערשלאַק, דאָס אַליין אונטערגעשלאָגן מיט אײַז, צוגעבונדן צו זיי, האָט מען אײַנגעפּאַקט אויבן אויף דער לאַסט און מיר האָבן זיי איצט אַוועקגעלייגט אויפֿן שניי ביז מע האָט זיי באַדאַרפֿט. דערנאָך איז דאָס טועכץ געווען אויפֿצוהייבן די דרײַ שלאָפֿזעק און זיי אַוועקצולייגן אויפֿן דילטוך, איינס נאָכן צווייטן; זיי האָבן עס באַדעקט, פּוישנדיק זיך איבער די זײַטן – די עקשנותדיקע טרונעס זײַנען אונדז געגאַנגען אין לעבן. ... איינער פֿון אונדז וואָלט איצט געדאַרפֿט גיין אין אַ זײַט אָנצוּוואַרעמען די פֿינגער. די קאָכער האָט מען אויפֿגעבונדן פֿונעם אייבערל פֿונעם אינסטרומענט־קאַסטן; עטלעכע טיילן פֿון איר האָבן מיר אַוועקגעלייגט אויף די זעק מיטן פּרימוס, דאָס בלעכל שפּירט, שוועבעלעך, אאַז"וו; אַנדערע טיילן האָבן מיר געלאָזט, מע זאָל זיי שפּעטער אָנשיטן מיט שניי. האַלטנדיק אַ שטעקן אין יעדער האַנט האָבן מיר דרײַ פֿאַרשפּרייט די יאַמשן איבער דער גאַנצער זאַך. "גוט? אַראָפּ!" מאַכט ביל; האָבן מיר זיי צערטלעך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן ווייכן שניי, זיי זאָלן ניט צו טיף אײַנזינקען. דאָס אײַז אינעווייניק אויפֿן אונטערשלאַק פֿונעם געצעלט איז מערסטנס געפֿורעמט געוואָרן דורך דער פּאַרע פֿונעם קאָכער. דאָס האָבן מיר פֿריִער ניט געקענט אָפּשלאָגן אָדער אָפּשפּענדלען, און איצט, דעם אמת געזאָגט, האָט דאָס אונדז גאָר ניט געאַרט. דאָס קליינע לופֿטערל אינעם שפּיץ, וואָס זאָל אַרויסלאָזן די אָ פּאַרע, האָבן מיר צוגעבונדן כּדי אײַנצוהאַלטן וואָס מער היץ. דערנאָך אַריבער מיטן דרויסנדיקן צודעק און פֿאַר איינעם פֿון אונדז הייבט זיך אָן די דריטע ערגסטע אַרבעט אין אַ טאָג. די ערגסטע אַרבעט איז געווען דאָס אַרײַנקריכן אין די זעק; די צווייטע אָדער זעלביקע ערגסטע איז געווען ליגן אין זיי זעקס שעה (מיר האָבן דאָס פֿאַרמינערט ביז זעקס); דאָס דאָזיקע דריטע ערגסטע איז געווען ראַנגלען זיך מיטן אָנצינדן דעם פּרימוס און קאָכן אַ מאָלצײַט.

ווי קוכער אויף אַ טאָג האָט מען געגומען דאָס צעבראָכענע מעטאַלענע געגעם, אַלץ וואָס בלײַבט פֿונעם לײַכטער, און קוים מיט צרות אַרײַנגעקראָכן דורך דעם קריינדל וואָס פֿורעמט די טיר. דאָס אַרומגעצאַמטע אָרט אינעווייניק אינעם געצעלט האָט געפֿילט קעלטער ווי אין דער דרויסנדיקער לופֿט; מע האָט געפּרוּווט מיט דרײַ, פֿיר שוועבעלע־קעסטלעך און קיין שוועבעלע וויל זיך ניט אָנרײַבן; כּמעט פֿאַרצווייפֿלט, האָט מען געבעטן, זיי זאָלן דערלאַנגען אַ נײַ קעסטל פֿונעם שליטן, און פֿון דעם געפֿונען אַ שוועבעלע וואָס צינדט זיך אָן ווײַל ס'איז נאָך ניט געווען אין דער וואַרעם, אַזוי צו זאָגן, אינעם געצעלט. דאָס ליכט האָט געהאַנגען אויף אַ דראָט פֿונעם שפּיץ געצעלט. ס'וועט זײַן נודנע צו דערציילן וואָס פֿאַר אַן אַרבעט איז געווען דאָס אָנצינדן דעם פּרימוס, און אויפֿבינדן די רימענס פֿון דעם עסן־זאַק פֿאַר דער וואָך. מסתּמא האָבן די אַנדערע צוויי מענטשן שוין אײַנגעגראָבן דאָס געצעלט, רעכט אַוועקגעשטעלט דאָס וואָס בלײַבט אין דרויסן, אָנגעפֿילט און דערלאַנגט אַרײַן דעם קאָכער, אַוועקגעלייגט דעם טערמאָמעטער אונטערן שליטן, און אַזוי ווײַטער. דערצו זײַנען אַלע מאָל געווען אַ פּאָר פֿאַרדינסטלעך וואָס מע האָט געדאַרפֿט טאָן, נאָר איר מעגט זיך פֿאַרלאָזן, אַז זיי זײַנען אַרײַן וואָס גיכער, ווען זיי האָבן דערהערט דאָס צישען פֿונעם פּרימוס און דערזען דעם גלי פֿונעם ליכט אינעווייניק. בירדי האָט געמאַכט אַ דנאָ פֿאַרן קאָכער פֿון אַ ליידיקן ביסקוויט־בלעכל צו פֿאַרנעמען דעם אָרט פֿונעם טייל וואָס איז אַוועקגעבלאָזן געוואָרן. איז דאָס געווען אין אַלגעמיין געראָטן, נאָר מע האָט עס געדאַרפֿט האַלטן פֿעסט – אויף בילס שלאָפֿזאַק, ווײַל די פּלאַטשיקע פֿאַרפֿרוירענע זעק האָבן באַדעקט דעם גאַנצן דיל. דאָס קאָכן איז איצט געוואָרן אַ לענגערער ענין. איינער האָט אויסגעזעצט דעם ביסקוויט און דער קוכער האָט אַוועקגעשטעלט די ראַציע פּעמיקאַן אינעם אינעווייניקסטן קאָכער, וואָס איז שוין האַלב פֿול מיט וואַסער. אַז מע האָט אַ געלעגנהייט האָט מען אויסגעטאָן דאָס טאָג־ און אָנגעטאָן דאָס נאַכט־שוכוואַרג – פֿעלענע זאָקן פֿון קעמלהאָר, און פּעלצענע שטיוול. אין דער פֿינצטערלעכער ליכט האָבן מיר בודק געווען די פֿיס נאָך אָפּגעפֿרוירנקייט.

איך מיין, אַז ס'האָט געדויערט ניט ווייניקער ווי אַ שעה, איידער מיר האָבן געהאַט אַ הייסן מאָלצײַט אין מויל אַרײַן: פּעמיקאַן און דערנאָך הייס וואַסער וואָס אין אים האָבן מיר אײַנגעזאַפּט די ביסקוויטן. אָנבײַסן איז געווען טיי און ביסקוויטן; פֿרישטיק – פּעמיקאַן, ביסקוויטן, און טיי. מיר האָבן זיך ניט געקענט אויסמיטלען מיט מער עסן־זעק – דרײַ זײַנען געווען שוין שלעכט גענוג, און די אַלע רימענס זײַנען געווען ווי דראָטן. דער רימען פֿון דער געצעלט־טיר אָבער איז געווען דאָס ערגסטע, און מע האָט אים געמוזט פֿעסט פֿאַרבינדן, בפֿרט ווען ס'בלאָזט. אין די פֿריִערע טעג האָבן מיר זיך באַמיט אָפּצובערשטן דאָס געפֿריר פֿונעם געצעלט איידער מיר האָבן אים אײַנגעפּאַקט, נאָר שוין לאַנג האָט דאָס אונדז גאָר ניט געאַרט.

דער הוש איז אָנגעקומען אין די פֿיס; מיר האָבן באַהאַנדלט די אײַנפֿרירס; און מיר זײַנען אַלץ וואַרעמער, וואָס מיר האָבן אָנגעטאָן דאָס טרוקענע שוכוואַרג פֿאַרן עסן. דערנאָך האָבן מיר אָנגעהויבן אַרײַנקריכן אין די זעק.

בירדיס זאַק האָט אים געפּאַסט גאָר פֿײַן, כאָטש אפֿשר וואָלט עס געווען אַ ביסל ענג מיט דעם גאַגאַפּוך אינעווייניק. ער האָט געמוזט האָבן אַ גרעסערן צופֿיר פֿון היץ ווי אַנדערע מענטשן, וואָרן ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין אמתע צרות מיט די פֿיס בעת אונדזערע זײַנען געווען כּסדר אָפּגעפֿרוירן; ער האָט געשלאָפֿן, איך האָב מורא צו זאָגן וויפֿל, לענגער פֿון אונדז, אַפֿילו אין די לעצטע טעג; ס'איז געווען אַ פֿאַרגעניגן, ליגנדיק וואַך כּמעט אַ גאַנצע נאַכט, צו הערן זײַנע כראָפּען. ער האָט אויסגעקערט זײַן זאַק אָפּט מאָל במשך פֿון דער נסיעה, פֿון פּעלץ צו פֿעל און פֿון פֿעל צו פּעלץ, און אַזוי אַרום איז ער פּטור געוואָרן פֿון אַ סך נעץ, וואָס איז אַרויסגעקומען ווי שניי אָדער טאַקע ווי קנעפּ אײַז. ווען מיר האָבן אויסגעקערט די זעק, איז דער איינציקער אופֿן געווען דאָס צו טאָן תּיכּף אַז מיר זײַנען אַרויס, און אַפֿילו דעמאָלט האָט מען געדאַרפֿט זײַן גיך, איידער דער זאַק ווערט פֿאַרפֿרוירן. פֿאַרלאָזן דאָס געצעלט בײַ נאַכט[73] איז געווען גאָר אַ פֿאַרמעסט אַרײַנצוקריכן צוריק אינעם זאַק איידער ער ווערט פֿאַרהאַרטעוועט. פֿאַרשטייט זיך איז דאָס געווען בײַ די קעלטסטע טעמפּעראַטורן.

מע האָט ניט געקענט אונטערצינדן די זעק און מיר האָבן געפּרוּווט אַרײַנשטעקן דעם פּרימוס אין זיי כּדי זיי צו צעלאָזן, נאָר ס'איז אונדז ניט געראָטן. פֿריִער, ווען ס'איז געווען זייער קאַלט, האָבן מיר אָנגעצונדן דעם פּרימוס אין דער פֿרי בעת מיר זײַנען נאָך אַלץ געלעגן אין די זעק; און אָוונט האָבן מיר אים געלאָזט ברענען ביז מיר האָבן ערשט אויפֿגעריסן די זעק־מײַלער. נאָר בײַם צוריקקער האָבן מיר ניט געהאַט גענוג נאַפֿט פֿאַר אַזאַ שווילטאָג, ביז די לעצטע פּאָר טעג.

איך גלייב ניט, אַז אַבי ווער, ווי קראַנק ער זאָל ניט זײַן, האָט געהאַט אַן ערגערע צײַט ווי מיר האָבן איבערגעלעבט אין די זעק, ציטערנדיק מיט קעלט ביז די רוקנס האָבן זיך שיִער ניט צעבראָכן. איינע פֿון די צוגעגעבענע צרות בײַם צוריקקער איז געווען דער פֿאַרנעצטער מצבֿ פֿון די הענט אין די זעק בײַ נאַכט. מיר האָבן געדאַרפֿט טראָגן די קוליקלעך און האַלב־קוליקלעך, וואָס זײַנען געווען וואָס נאַסער: ווען מיר האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿרי זײַנען זיי געווען ווי אַ וועשינס הענט – ווײַסע, צעקנייטשטע, פֿאַרנעצטע. גאָר ניט קיין געזונטער אָנהייב צו דעם טאָגס אַרבעט. מיר האָבן שטאַרק געוואָלט האָבן עטלעכע זעקלעך סענעגראָז פֿאַר די הענט ווי אויך פֿאַר די פֿיס; איין מעלה פֿון דעם מין זאַק איז דאָס וואָס מע קען פֿון אים אַרויסטרייסלען די פֿײַכטקייט; נאָר מיר האָבן בלויז געהאַט גענוג פֿאַר די נעבעכדיקע פֿיס.

די שוידערס פֿון דעם צוריקקער זײַנען צעשוווּמען אין זכּרון און איך ווייס, אַז דעמאָלט זײַנען זיי צעשוווּמען געווען צום לײַב. איך מיין, אַז דאָס איז חל אויף אונדז אַלע, וואָרן מיר זײַנען געווען גאָר אָפּגעשוואַכט און פֿאַרהאַרטעוועט. דעם טאָג, ווען מיר זײַנען אַראָפּגעקומען בײַ די פּענגווינען, איז מיר געווען אַלץ איינס צי איך בין אַראָפּ אין אַ שפּאַרע צי ניט. מיר האָבן שוין איבערגעלעבט גאָר אַ סך זינט דעמאָלט. איך ווייס, אַז מיר האָבן געשלאָפֿן בײַם מאַרשירן, ווײַל ס'האָט מיך אויפֿגעוועקט ווען איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף בירדי, און בירדי האָט זיך אויפֿגעוועקט ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף מיר. איך מיין, אַז ביל, קערעווענדיק פֿאָרויס,

האָט זיך וואַך געהאַלטן. איך ווייס, אַז מיר זײַנען אַנטשלאָפֿן געוואָרן וואַרטנדיק אינעם לפֿי־ערכדיקן וואַרעמען געצעלט מיטן אָנגעצונדענעם פּרימוס – מיט די שיסלען אָדער פּרימוס אין די הענט. איך ווייס, אַז די שלאָפֿזעק זײַנען געווען אַזוי פֿול מיט אײַז, אַז ס'האָט אונדז ניט געאַרט אויב מיר האָבן פֿאַרגאָסן וואַסער אָדער הוש אויף זיי ווו זיי ליגן אויפֿן דילטוך בעת מיר קאָכן אויף זיי מיטן צעמזיקטן קאָכער. זיי זײַנען געווען אַזוי שלעכט, אַז מיר האָבן זיי קיין מאָל ניט אויפֿגעוויקלט אינעם געוויינטלעכן אופֿן ווען מיר זײַנען אַרויס אין דער פֿרי: מיר האָבן געעפֿנט זייערע מײַלער וואָס ווײַטער איידער זיי זײַנען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן, און זיי אויפֿגעהויבן מער־ווייניקער פּלאַטשיק אויפֿן שליטן. מיר אַלע דרײַ האָבן געהאָלפֿן אויפֿהייבן יעדן זאַק, וואָס האָט אויסגעזען גאַנץ ענלעך אויף אַ צעקוועטשטער טרונע און מסתּמא איז געווען אַ סך האַרטער. איך ווייס, אַז אויב ס'איז געווען נאָר ‎-40°‏ ווען מיר האָבן זיך געלאַגערט אויף אַ נאַכט האָבן מיר גאָר ערנסט געהאַלטן, אַז מיר וועלן האָבן אַ וואַרעמע, און ווען מיר האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿרי, אויב די טעמפּעראַטור איז געווען אין די מינוס זעכציקער, האָבן מיר זיך ניט נאָכגעפֿרעגט וועגן דעם. דער מאַרש אויף אַ טאָג איז געווען חדווהדיק אין פֿאַרגלײַך מיטן אָפּרו בײַ נאַכט, און ביידע זײַנען געווען שרעקלעך. אונדז איז געווען אַזוי שלעכט ווי עס האָט געקענט זײַן און נאָך אַלץ גיין ווײַטער; אָבער איך האָב קיין מאָל ניט געהערט קיין איינציק באַקלאָגנדיק וואָרט, און אויך ניט, מיין איך, קיין איינציקע קללה, און איך האָב געזען מסירת־נפֿש אויסהאַלטן יעדע פּראָבע.

שטענדיק האָבן מיר זיך דערנענטערט צו דער היים און האָבן געמאַכט גוטע מאַרשן. וועלן מיר דורכהאַלטן; ס'איז געווען בלויז אַן ענין פֿון ציִען זיך ווײַטער נאָך עטלעכע טעג: זעקס, פֿינף, פֿיר, ..., אפֿשר איצט דרײַ, אויב מיר זײַנען ניט פֿאַרשנייט. די הויפּט־הײַזקע איז געשטאַנען הינטער דעם באַרגרוקן ווו דער טומאַן פֿורעמט זיך און ווערט אַוועקגעבלאָזן אַ מאָל איבער אַ מאָל, און דאָרט שטייט שלאָס שטיין; אפֿשר וועלן מיר קענען דערזען אָבסערוואַציע־בערגל צו מאָרגנס, און הינטער אים שטייט די אַנטדעקונג־הײַזקע, גוט פֿאַרזאָרגט און באַקוועם; זיי וואָלטן שוין צוגעשיקט טרוקענע שלאָפֿזעק פֿון קאַפּ־עוואַנס כּדי אונדז צו געבן שלום־עליכם דאָרט. מיר האָבן זיך גערעכנט, אַז די צרות זײַנען שוין פֿאַרטיק בײַם באַריער־קאַנט, און זיכער איז ער ניט ווײַט אַוועק. "דו האָסט עס בײַם האַלדז, האַלט אויס, דו האָסט עס בײַם האַלדז" – עס לויפֿט כּסדר אינעם מוח.

און מיר האָבן *טאַקע* אויסגעהאַלטן. ווי גוט זײַנען די זכרונות פֿון אָט די טעג. מיט וויצן וועגן בירדיס בילדהיטל; מיט לידער וואָס מיר האָבן געדענקט פֿונעם גראַמאַפֿאָן; מיט גיכע ווערטער פֿון מיטגעפֿיל וועגן אָפּגעפֿרוירענע פֿיס; מיט ברייטהאַרציקע שמייכלען פֿאַר שוואַכע וויצן; מיט דערמאָנונגען פֿון די גליקלעכע בעטן וואָס קומען. מיר האָבן ניט פֿאַרגעסן דעם "זײַט אַזוי גוט" און "אַ שיינעם דאַנק", וואָס זיי זײַנען אַזוי וויכטיק אין אַזעלכע צושטאַנדן, און די אַלע קליינע פֿאַרבינדונגען מיט לײַטישער ציוויליזאַציע וואָס מיר האָבן מיט זיי געקענט ווײַטער

פֿירן. איך וועל שווערן, אַז ס'איז נאָך אַלץ געווען אַ חסד בײַ אונדז ווען מיר האָבן זיך שאַטײַעט אַרײַן. און מיר האָבן זיך באַהערשט – אַפֿילו מיט גאָט.

ס'איז געווען *מיגלעך*, אַז מיר וועלן אָנקומען בײַ הײַזקע־שפּיץ דעם אָוונט; מיר האָבן איצט מער נאַפֿט געברענט: אָט דאָס איין־גאַלאָן בלעכל האָט אונדז גוט געקלעקט. און געברענט מער ליכט אויך; אַ מאָל האָבן מיר מורא געהאַט, אַז זיי וועלן אויסגיין. דער דאָזיקער אינדערפֿרי איז אונדז געווען אַ גיהנום: 57°- אין אונדזער איצטיקן מצבֿ. אָבער ס'איז געווען שטיל, און דער באַריער־קאַנט האָט שוין ניט געקענט זײַן ווײַט.

דער אויבנאויף איז האַרטער געוואָרן; עס זײַנען געווען אַ פּאָר ווינט־געבלאָזענע בראָזדעס; די סקאָרע האָט זיך צו אונדז אויפֿגעהויבן. דאָס שלעפּן דעם שליטן איז גרינגער געוואָרן; מיר האָבן אַלע מאָל געהאַט אַ חשד, אַז דער באַריער גייט דאָ ערגעץ באַרג־אַראָפּ. איצט איז דער האַרטער שניי געווען אויפֿן אויבנאויף, באַווײַזנדיק זיך ווי גרויסע קאָפּויערגעשטעלטע באַסיינען, וואָס אויף זיי האָבן מיר זיך אויסגעגליטשט, און די פֿיס זײַנען וואַרעמער געוואָרן, ווײַל זיי זײַנען ניט אַראָפּ אין ווייכן שניי. פּלוצעם האָבן מיר דערזען אַ ליכטיקן גלאַנץ אינעם פֿינצטערניש אין דער קווער פֿון אונדזער גאַנג. ס'איז געווען דער באַריער־קאַנט: איצט איז אונדז גוט געווען.

מיר האָבן אָפּגעפֿירט דעם שליטן פֿון אַ זאַווי אויף דעם ים־אײַז, מיט דעם זעלביקן קאַלטן שטראָם פֿון אַראָפּגיסנדיקער לופֿט, וואָס האָט געהאַט קאַליע געמאַכט די הענט מיט פֿינף וואָכן צוריק; מיר האָבן זיך אַרויסגערוקט פֿון דעם, זיך געלאַגערט און געגעסן; די טעמפּעראַטור האָט זיך שוין אויפֿגעהויבן ביז 43°-. כמעט האָבן מיר געקענט שפּירן ווי ס'ווערט וואַרעמער בשעת מיר גייען אַרום קאַפּ־אַרמיטאַזש די לעצטע דרײַ מײַלן. מיר האָבן באַהויבן שלעפּן דעם שליטן אויפֿן אײַזפֿוס, און אַוועקגעגראָבן דעם זאַווי פֿון טיר. די אַלטע הײַזקע האָט אונדז געפֿילט נישקשהדיק וואַרעם.

ביל האָט זיך איבערגעצויגן, אַז מיר זאָלן ניט אַרײַנגיין אין דער וואַרעמער הײַזקע בײַ קאַפּ־עוואַנס ווען מיר קומען דאָרט אָן – מאָרגן בײַ נאַכט! מיר זאָלן זיך צוװאַרעמען ביסלעכווײַז, בלײַבן אין דרויסן אין אַ געצעלט, צי אינעם צובוי אויף אַ טאָג צוויי. נאָר איך בין זיכער, אַז מיר האָבן ניט בדעה געהאַט אַזוי צו טאָן. פּונקט איצט האָט אונדז הײַזקע־שפּיץ ניט געגעבן קיין פֿאָראורטל לטובֿת אַזאַ אָפּהאַלטונג. ס'איז געבליבן פּונקט ווי ס'איז געווען ווען מיר זײַנען אָפּגעגאַנגען; קיינער האָט אונדז דאָרט גאָרנישט ניט צוגעשטעלט– ניט קיין שלאָפֿזעק, ניט קיין צוקער; נאָר ס'איז יאָ געווען אַ סך נאַפֿט. אינעווייניק אין דער הײַזקע האָבן מיר אויפֿגעשלאָגן אַ טרוקן געצעלט וואָס איז דאָ געווען שוין זינט די טעג פֿון דער מאַגאַזין־נסיעה, אָנגעצונדן אין דעם צוויי פּרימוסן, געזעסן דרעמלענדיק אויף די זעק, און געטרונקען קאַקאַאָ אָן צוקער, אַזוי געדיכט, אַז צו מאָרגנס זײַנען מיר גאָר איבערגעזעטיקט דערמיט. מיר זײַנען געווען זייער גליקלעך, אַנטשלאָפֿן צווישן יעדן שלונג, און נאָך עטלעכע שעה האָבן מיר אַרומגערעדט פּלענער, אַז מיר וועלן כּלל ניט אַרײַנקריכן אין די זעק. נאָר עמעצער וואָלט געדאַרפֿט אָפּהיטן

דעם פּרימוס, ס'זאָל ווײַטער ברענען אויסצומײַדן אָפּגעפֿרוירנקייט, און מיר האָבן זיך ניט געקענט געטרויען צו בלײַבן וואַך. ביל און איך האָבן געפּרוּווט זינגען אַ דועט. לסוף האָבן מיר זיך אַרײַנגעוויקלט אין די זעק. מיר האָבן זיי פֿאַרטראָגן בלויז אַ שעה דרײַ און זײַנען מיט דאַנק אויפֿגעשטאַנען דרײַ אַ זייגער אין דער פֿרי, געווען גרייט זיך אײַנצופּאַקן ווען מיר האָבן דערהערט דעם ווינט אָנהייבן צו בלאָזן. ס'איז ניט גוט געווען, זײַנען מיר געזעסן אינעם געצעלט און ווײַטער געדרעמלט. דער ווינט איז שטיל געוואָרן האַלב צען, זײַנען מיר אין וועג אַרײַן עלף אַ זייגער. מיר זײַנען אַרויס אין, ס'האָט אונדז געדאַכט, אַ שׂרפֿה ליכט. ס'איז ערשט געווען איבער אַ יאָר ווען איך בין געקומען צו פֿאַרשטיין, אַז אַ גרויסער טייל פֿון אַזאַ בין־השמשות, וואָס קומט פֿאָר בײַם סוף ווינטער, איז פֿאַרשטעלט געוואָרן פֿון אונדז דורך די בערג, וואָס אונטער זיי זײַנען מיר דורכגעפֿאָרן. איצט, מיט גאָרנישט צווישן אונדז און דעם צפֿון־האָריזאָנט, וואָס הינטער אים ליגט די זון, האָבן מיר געקענט זען ווי ניט פֿריִער שוין חדשים לאַנג, און די מיניעדיקע וואָלקנס דעם טאָג זײַנען געווען גאָר שיין.

מיר האָבן פּשוט געשלעפּט מיט אַלע כּוחות און האָבן אויפֿגעטאָן כּמעט צוויי מײַל אַ שעה: צוויי מײַלן אויף אַ שלעכטלעכן זאַלץ־אויבנאויף, דערנאָך גרויסע כוואַליעס האַרטע סאַסטרוגי און גוט גיין. מיר האָבן געשלאָפֿן אין מיטן גיין. מיר זײַנען געקומען אַכט מײַל ביז 4 אַ זייגער נ"מ און שוין פֿאַרבײַ גלעטשער־צונג. דאָרט האָבן מיר געגעסן אָנבײַסן.

בײַם זאַמלען די אַלע כּלים אײַנצופּאַקן דאָס לעצטע מאָל האָט ביל שטיל געזאָגט, "איך וויל אײַך דאַנקען פֿאַר אַלץ וואָס איר האָט געטאָן. איך האָב ניט געקענט געפֿינען צוויי בעסערע באַלייטערס – און דערצו וועל איך קיין מאָל ניט געפֿינען אַזוינע."

איך שטאָלציר מיט דעם.

די אַנטאַרקטישע אויספֿאָרשונג איז זעלטן אַזוי שלעכט ווי מע שטעלט זיך פֿאָר, זעלטן אַזוי שלעכט ווי זי קלינגט. נאָר די אָ נסיעה איז געווען מחוץ לשון: ס'זײַנען ניטאָ קיין ווערטער צו באַשרײַבן די אימה.

מיר האָבן זיך געטאָפּטשעט נאָך עטלעכע שעה און ס'איז געוואָרן זייער פֿינצטער, האָבן מיר אַרומגערעדט ווו ס'געפֿינט זיך קאַפּ־עוואַנס. מיר זײַנען אים סוף־כּל־סוף פֿאַרבײַ; ס'האָט געדאַרפֿט זײַן צען, עלף אַ זייגער, און ס'איז געווען מיגלעך, אַז עמעצער וועט אונדז דערזען בשעת מיר שלעפּן צו צו דער הײַזקע. "צעשפּרייט זיך גוט," האָט ביל געזאָגט, "זיי זאָלן קענען זען, אַז מיר זײַנען נאָך אַלץ דרײַ." נאָר מיר האָבן געשלעפּט לענג־אויס דעם קאַפּ, איבער דער ים־פֿלייץ־שפּאַרע, אַרויף אויפֿן ברעג ביז דער סאַמע טיר פֿון דער הײַזקע אָן שום קלאַנג. ניט קיין געפּילדער פֿון דער שטאַל, ניט קיין בילן פֿון די הינט אויפֿן זאַווייען איבער אונדז. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און דאָרט געשטאַנען, פּרוּװנדיק זיך אויסשפּאַנען, זיך אַליין און איינער דעם צווייטן, פֿון די פֿאַרפֿרוירענע געשפּאַנען – די געוויינטלעכע לאַנגע אַרבעט. האָט זיך די טיר געעפֿנט – "גאָט מײַנער! אָט איז די קראָזיער פּאַרטיע!" האָט אַ קול געזאָגט, און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

אַזוי האָט זיך געענדיקט די ערגסטע נסיעה אויף דער וועלט.

---

און איצט וועט דער לייענער פֿרעגן, וואָס איז געשען מיט די דרײַ פּענגווינאייער, וואָס צוליב זיי האָבן די דרײַ מענטשן זיך ריזיקירט דרײַ הונדערט מאָל אַ טאָג און דרײַ מענטשלעכע קערפּערס זיך אָנגעשטרענגט ביז צום ווײַטסטן עק מענטשלעכן אויסהאַלט־כּוח.

לאָמיר איבערלאָזן דעם אַנטאַרקטיק אויף אַ רגע און זיך פֿאָרשטעלן אינעם יאָר 1913 אין דעם נאַטור־וויסנשאַפֿט־מוזיי אין דרום־קענסינגטאָן. איך האָב געהאַט געשריבן צו זאָגן, אַז איך וועל דעמאָלט צושטעלן די אייער. דאָ זײַנען געווען איך אַליין, טש.-ג., דער איינציקער לעבן־געבליבענער פֿון די דרײַ, און דער ערשט־ אָדער שוועל־ממונה פֿון די הייליקע אייער. איך האָב ניט אָנגעשריבן קיין וואָרט בײַ וואָרט באַריכט פֿון זײַן ברוך־הבא, נאָר דער טעם לאָזט זיך אַרויס אַזוי:

ערשט־ממונה: ווער זײַט איר? וואָס ווילט איר? וואָס דען, איז דאָס אַן אייערקראָם? ווי קומט איר אַרײַנצומישן מיט אונדזערע אייער? איר ווילט איך זאָל אײַנרופֿן אַ פּאָליציאַנט? איר זוכט דאָס קראָקאָדיל־איי? וואָס ווייס איך פֿון אייער? בעסער זאָלט איר רעדן מיר ה' בראַון; ער איז דער, וואָס פּאָקאָסטירט די אייער.

איך נעם זיך צו ה' בראַון, וואָס פֿירט מיך אַרײַן פֿאַר דעם הויפּט־ממונה, אַ מענטש פֿון וויסנשאַפֿטלעכן אַספּעקט, מיט צוויי טבֿעס: די ערשטע, צוגעלאָזן איידל מיט דעם כּל־ולך (וויניקסטנס אַ ראָטשילד צווישן נאַטור־וויסנשאַפֿטלערס, רעכן איך), וואָס מיט אים שמועסט ער, און די צווייטע, אויסערגעוויינטלעך דערווידערדיק, אַפֿילו פֿאַר אַ וויסנשאַפֿטלעכן קנאַקער, מיט מיר.

איך מאַך זיך באַקאַנט מיט חנעוודיקן עניוות ווי דער ברענגער פֿון די פּענגווינאייער, און דערלאַנג זיי. דער הויפּט־ממונה נעמט זיי צו אָן שום וואָרט דאַנקען, און דרייט זיך צו צו דעם קנאַקער זיי אַרומצורעדן. איך וואַרט. די טעמפּעראַטור פֿון מײַן בלוט ווערט העכער. זייער שמועס גייט ווײַטער גאָר אַ לאַנגע צײַט, דאַכט זיך מיר. פּלוצעם דערזעט מיך דער הויפּט־ממונה און זעט אויס ווי ס'פֿאַרדריסט אים וואָס איך בין נאָך אַלץ דאָ.

הויפּט־ממונה: איר דאַרפֿט ניט וואַרטן.

גיבורישער אויספֿאָרשער: איך וואָלט וועלן האָבן אַ קוויט פֿאַר די אייער, זײַט אַזוי גוט.

הויפּט־ממונה: ס'איז ניט נייטיק; אַלץ איז גוט. איר דאַרפֿט ניט וואַרטן.

גיבורישער אויספֿאָרשער: איך וואָלט וועלן האָבן אַ קוויט.

נאָר שוין דעמאָלט לייגט קאָפּ דער הויפּט־ממונה צו אין גאַנצן צו דעם יאַ־טעבע־דאַם. פֿילנדיק אומבאַקוועם בײַם אונטערהערן זייער שמועס, גייט דער גיבורישער אויספֿאָרשער העפֿלעך פֿון שטוב אַרויס, און באַזעצט זיך אויף אַ בענקל אינעם אומעטיקן קאָרידאָר

אויסנווייניק, ווו ער פֿאַרברענגט די צײַט מיט רעפּעטירן אין מוח ווי ער וועט אײַנזאָגן דעם הויפּט־ממונה ווען דער קנאַקער געזעגנט זיך. נאָר דער דאָזיקער קנאַקער באַווײַזט קיין סימן ניט, אַז ער וועט זיך רירן פֿון אָרט, און די אויספֿאָרשערס געדאַנקען און כּוונות ווערן אַלץ פֿינצטערער. בעת דער טאָג פֿאַרגייט קוקן אויף אים מסופּק מינערדיקע באַאַמטע, אַרײַן־ און אַרויסגייענדיק צו דעם גדול, און פֿרעגן זיך נאָך אויף זײַן עסק. דער ענטפֿער איז אַלע מאָל דער זעלבער: "איך וואַרט אויף אַ קוויט פֿאַר אַ פּאָר פּענגווינאַייער." לסוף ווערט קלאָר פֿון דעם אויספֿאָרשערס מינע, אַז ער וואַרט באמת אויף קיין קוויט ניט, נאָר אָפּצוטאָן אַ מאָרד. משמעות מעלדט מען אַזוי דעם באַשערטן קרבן; סײַ ווי סײַ קומט סוף־כּל־סוף דער קוויט און דער אויספֿאָרשער גייט אַרויס מיט דעם, פֿילנדיק זיך ווי ער האָט זיך אויפֿגעפֿירט ווי אַן איידעלער מענטש, אָבער גאָר אומצופֿרידן מיט אָט דער שוואַכער טרייסט, אַז שעהען לאַנג איז ער ממשיך זײַנע אויסגעטראַכטע רעפּעטיציעס פֿון דעם וואָס ער האָט געוואָלט טאָן דעם ממונה (מערסטנס מיט די שטיוול) כּדי אים צו לערנען תּרבות.

[דאָ היפּן מיר איבער די שפּעטערדיקע געשיכטע און דעם וויסנשאַפֿטלעכן באַריכט וועגן די פּענגווינען.]

# קאַפּיטל אַכט
# פֿרילינג

[אַ טייל פֿונעם נאָענסטן קאַפּיטל, זייער צוריקקער.]

אינעווייניק איז געווען אַ מהומה. ס'רובֿ מענטשן האָט זיך שוין אַוועקגעלייגט שלאָפֿן, און איך האָב אַ צעשוווּמענע דערמאָנונג פֿון מענטשן אין פּיזשאַמע און כאַלאַטן וואָס זיי האָבן מיך געכאַפּט און געפּרוּווט אויסטאָן די פֿײַדעס פֿאַנצער וואָס זײַנען מײַנע קליידער. סוף־כּל־סוף האָבן זיי אָפּגעשניטן די קליידער און זיי אַוועקגעוואָרפֿן אין אַ קאַנטיקער קופּע צופֿוסנס פֿון מײַן געלעגער. צו מאָרגנס זײַנען זיי אַ דורכגעווייקטע מאַסע פֿון 24 פֿונטן. ברויט און אײַנגעמאַכטס און קאַקאַאָ; אַ פֿאַרפֿלייצונג מיט פֿראַגעס; "איר ווייסט, אַז דאָס איז די שווערסטע נסיעה וואָס מע האָט ווענס דורכגעפֿירט" פֿון סקאָטן; אַ צעבראָכענער דיסק פֿון דזשאָרדזש ראָבי[74] אויפֿן גראַמאַפֿאָן, וואָס פֿון דעם האָבן מיר זיך צעלאַכט ביז אין אונדזער שוואַכן מצבֿ איז אונדז געווען שווער אויפֿצוהערן. בלי־ספֿק, אַז איך האָב ניט אויסגעהאַלטן די נסיעה אַזוי גוט ווי ווילסאָן; מײַן מויל איז אָפֿן געפֿאַלן בײַם אַרײַנקום, האָבן זיי מיר דערציילט. דערנאָך אַרײַן אין מײַן וואַרעמען קאָלדרע־זאַק, און איך האָב זיך געהאַלטן וואַך פּונקט גענוג לאַנג צו טראַכטן, אַז גן־עדן מוז זײַן עפּעס ווי דאָס.

מיר האָבן געשלאָפֿן צען טויזנט טויזנט יאָר, אויפֿגעוואַכט צו געפֿינען אַלעמען עסן פֿרישטיק, און פֿאַרבראַכט אַ מחיהדיקן טאָג פּוסט־און־פּאַס, האַלב שלאָפֿנדיק און אין גאַנצן גליקלעך, זיך צוהערנדיק צו די נײַעס און ענטפֿערנדיק אויף פֿראַגעס.

> מע קוקט אויף אונדז ווי באַשעפֿענישן פֿון אַ פֿרעמדער וועלט. דעם נאָכמיטאָג האָב איך זיך געגאָלט נאָכדעם וואָס איך האָב אײַנגעווייקט דאָס פּנים אין אַ הייסן שוואָם, און דערנאָך זיך געבאָדן. לאַשלי האָט מיך שוין אָפּגעשוירן. ביל זעט אויס גאָר דאַר, און מיר האָבן אַלע זייער פֿאַרוויינטע אויגן צוליב דחק אין שלאָפֿן. איך האָב ניט קיין סך אַפּעטיט, דאָס מויל איז גאָר טרוקן און דער האַלדז ווייטיקדיק מיט אַ צרהדיקן טרוקענעם הוסט, וואָס האָט מיר ווײ געטאָן די גאַנצע נסיעה. מײַן טעם־חוש איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. מיר זײַנען גאָר צעבאַלעוועט געוואָרן, נאָר אונדזערע בעטן זײַנען דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן.[א]

נאָר דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט:

> נאָך אַ זייער גליקלעכער טאָג פּוסט־און־פּאַס. נאָכדעם וואָס איך בין אַנטשלאָפֿן געוואָרן אַ מאָל צוויי־דרײַ, האָב איך זיך אַוועקגעלייגט אין בעט, געלייענט קים[75], און געשלאָפֿן. צוויי שעה נאָך אַ מאָלצײַט האָבן מיר געוואָלט

[א] מײַן אייגן טאָגביכל.

אַ צווייטן און נאָך אַ קאָלאָסאַלער וועטשערע נעכטן אין אָוונט האָבן מיר געהאַט אַ צווייטן מאָלצײַט איידער מיר זײַנען אַרײַן אין בעט. דער טעם־חוש איז צוריק, נאָר אַלע אונדזערע פֿינגער זײַנען אוממיגלעך – זיי קערן זײַן געציילטע שטיקלעך בלײַ אַחוץ דעם געפֿיל פֿון שפּילקעס אין זיי ווי אויך אין די פֿיס. די פֿוס־פֿינגער מײַנע זײַנען גאָר געשוואָלן און עטלעכע פֿוסנעגל פֿאַלן אָפּ. די לינקע פּיאַטע הינטן איז איין גרויסער צעפּלאַצטער פּוכיר. דאָס גיין גלײַך אַרויס פֿונעם וואַרעמען בעט אין אַ שטאַרקן ווינט אין דרויסן האָט מיך כמעט אַנידערגעוואָרפֿן. האָב איך זיך געפֿילט גאָר פֿאַרשמאַכט, און זיך דערמוטיקט מיטן געדאַנק, אַז ס'איז נאָר די נערוון; אָבער ס'איז נאָך אַ מאָל געשען און איך האָב זיך געדאַרפֿט צוריקקערן אין דער הײַזקע וואָס גיכער. בירדי קאָכט זיך מיט פּלענער איבערצוחזרן די נסיעה איבער אַ יאָר. ביל זאָגט, אַז ס'איז צו ריזיקאַליש אינעם פֿינצטערניש, און וויל דאָס ניט באַטראַכטן, כאָטש ער מיינט, אַז אין אויגוסט וואָלט דאָס אפֿשר געווען מיגלעך.[א]

און נאָך אַ מאָל אין אַ טאָג צוויי אַרום:

איך בין אַרײַנגעקומען באַדעקט מיט אַ רויטן אויסשיט וואָס איז גאַנץ קיצלדיק. די קנעכלעך און די קני זײַנען אַ ביסל פּוישיק, נאָר די פֿיס זײַנען ניט אַזוי ווייטיקדיק ווי בײַ ביל און בירדי. עס בײַסן מיך אַ ביסל די הענט. מיר קערן זײַן שוואַך און אויסגעמאַטערט, כאָטש איך מיין, אַז בירדי איז דער שטאַרקסטער צווישן אונדז. דאַכט זיך, אַז ער קומט צו זיך גאָר גיך. ביל איז נאָך אַלץ זייער אָפּגעטראָגן און רעכט אויסגעדאַרט. אַלעמענס גוטהאַרציקייט וואָלט צעבאַלעוועט אַ מלאך.[ב]

איך האָב אָנגעשריבן אָט די פּערזענלעכע איבערלעבונגען פֿונעם טאָגביכל ווײַל זיי זײַנען דער איינציקער דעמאָלטיקער רעקאָרד וואָס איך פֿאַרמאָג. סקאָטס אייגן טאָגביכל פֿון דער צײַט האַלט דעם אָ אַרויסזאָג:

די קראָזיער־פּאַרטיע איז צוריקגעקומען נעכטן בײַ נאַכט, נאָכן אויסהאַלטן אויף פֿינף וואָכן די שווערסטע צושטאַנדן אַ מאָל רעקאָרדירט. זיי האָבן אויסגעזען מער אויסצעוועטערט ווי איך האָב אַ מאָל געזען. די פּנימער זײַנען פֿאַרשנאַרט און צערונצלט, די אויגן טעמפּ, די הענט פֿאַרווײַסט און צעקנייטשט פֿון זײַן כסדר פֿײַכט און קאַלט, אָבער מיט זייער ווייניק שנאַרן פֿון אָפּגעפֿרוירנקייט. ... הײַנט, נאָך אַ נאַכט אָפּרו, זײַנען אונדזערע פֿאָרערס גאָר אַנדערש אין אויסזע און שׂכל.[ג]

---

[א] ד"ג

[ב] ד"ג

[ג] *סקאָטס לעצטע עקספּעדיציע*, ב. 1, ז. 249.

# פֿון זײַן טאָגביכל

[דאָס אונטן איז אַן אויסצוג פֿון אַפּסלי טשערי־גאַראַרדס פּערזענלעכן טאָגביכל וואָס אין דעם באַשרײַבט ער דעם לעצטן טאָג מאַרשירן אַהיים.]

*[דינסטיק, דעם 1טן אויגוסט, 1911]*

מיר האָבן פּשוט געשלעפּט מיט אַלע כּוחות און זײַנען געגאַנגען כּמעט צוויי מײַל אַ שעה; צוויי מײַלן אויף אַ שלעכטלעכער אייבערפֿלאַך מיט זאַלץ, דערנאָך גרויסע כוואַליענדיקע האַרטע סאַסטרוגי, מיט גוטן גיין. עטלעכע מאָל בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן אין מיטן מאַרשירן. מיר זײַנען געגאַנגען אַכט מײַלן ביז פֿיר אַ זייגער נ"מ און זײַנען שוין פֿאַרבײַ גלעטשער־צונג. דערנאָך אַ האַלבע מײַל מיט שלעכטן דריק־אײַז, וואָס עס ציט זיך פֿון גלעטשער־צונג ביז געצעלט־אינדזל, און דערנאָך גאָר ערגער גיין לעבן אומגרייכלעך[־אינדזל], ווו מיר האָבן זיך געטראָפֿן מיט אַ שטאַרקן ווינט פֿון צפֿון. ביז איצט איז דאָס לבֿנה־ליכט געווען גוט, נאָר איצט איז דאָס ליכט ערגער געוואָרן און מיר זײַנען געווען גאָר אויסגעמאַטערט. סוף־כּל־סוף זײַנען מיר אַרום דעם קאַפּ, ביסלעכווײַז זיך צוגעשלעפּט פּונקט פֿאַר דער טיר, אָן שום שטערונג. בעת מיר האָבן זיך אויסגעשפּאַנט, אַלע מאָל אַ היפּש ביסל מי אין אונדזער פֿאַרפֿרוירענעם מצבֿ, איז הופּער אַרויסגעקומען, פּלוצעם זיך אָנגערופֿן "גאָט מײַנער!" און זיך צוריקגעאײַלט, און דערנאָך איז געווען אַ שדים־טאַנץ.

ס'איז געווען האַלב צען נ"מ, און גאָר אַ סך פֿון דער חבֿרה זײַנען אַרויס פֿון בעט. יעדער האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף עפּעס אַ שטיק פֿון אונדז און אונדז אויסגעטאָן; אויף צו מאָרגנס האָט די קליידער מײַנע געוווגן 24 פֿונטן. בעת זיי האָבן זיך צוגעהערט צו אונדזער מעשׂה אָדער שטיקלעך פֿון איר, זײַנען זיי אַלץ מער פֿאַרחידושט געוואָרן. מע האָט אונדז אַוועקגעזעצט עסן קאַקאָאָ און ברויט מיט פּוטער און אײַנגעמאַכטס; מער האָבן מיר ניט געוואָלט. איך האָב געהערט סקאָט זיך אָנרופֿן, "נאָר, הערט זיך אײַן, איר ווייסט, אַז אָט דאָס איז געווען די שווערסטע נסיעה וואָס איז אַ מאָל אויפֿגעטאָן." שפּעטער האָבן זיי אונדז דערציילט, אַז די פּנימער אונדזערע האָבן אויסגעזען עלעהיי מיר פּאָכען מיט דער נשמה, איז אָט דער אויסזע אין גאַנצן פֿאַרשווונדן געוואָרן אויף צו מאָרגנס. פּאָנטינג האָט באַמערקט, אַז ער האָט דערזען דעם זעלבן אויסזע אויף די פּנימער פֿון עטלעכע רוסישע פּלעניקעס בײַ מוקדען[76]. איך בין בלויז אײַנגעפֿאַלן אין די טרוקענע, וואַרעמע קאָלדרעס. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז דער נאָענסטער צוגאַנג צו חדווה מחוץ גן־עדן.[א׳]

[א׳] *סקאָטס לעצטע עקספּעדיציע*, ב. II, זז. 48-49

## פֿריִער:




פֿיגור 1 די ערגסטע נסיעה אויף דער וועלט

די פֿיגורן זײַנען [פֿון לינקס] לייטענאַנט באַוערס, דאָקטאָר ווילסאָן, און טשערי־גאַראַרד, וואָס האָבן אויפֿגעטאָן וואָס איז געווען, בלי־ספֿק, די מערקווערדיקסטע און האַרבסטע נסיעה אַ מאָל געמאַכט אין די פּאָלאַר־געגנטן.

"אָט דאָס ווינטערפֿאָרן איז אַ נײַע און דרייסטע אונטערנעמונג, אָבער די געהעריקע מענטשן זײַנען אַוועק אַ פּרוּוו צו טאָן."
— קאַפּיטאַן סקאָט, *סקאָטס לעצטע עקספּעדיציע*




פֿיגור 2 קאַרטע פֿון דער ווינטער־נסיעה




פֿיגור 3 קייסער־פּענגווינען (אַקוואַרעל פֿון ווילסאָן)




Sketch of the location of the stone hut at Cape Crozier S.P.R.I. MS. 505/1




Profile and plan of stone hut at Cape Crozier S.P.R.I. MS. 505/1

Sketch of the construction of the stone hut at Cape Crozier S.P.R.I. MS. 505/1




פֿיגור 4 די כאַלופּע בײַ קאַפּ־קראָזיער (אָנגעוואָרפֿן פֿון ווילסאָן)




פֿיגור 5 ווילסאָנס אָנוואַרף־קאַרטע פֿון דער נסיעה (דרום אויבן)

# ביַים סוף:




פֿיגור 6 צוריק פֿונעם קאַנט

"מיר האָבן זיי געדאַרפֿט אויסגראָבן פֿאָרזיכטיק, און ווען זיי זײַנען סוף־כּל־סוף אַנטפּלעקט געוואָרן, האָבן די פּנימער געטראָגן בולטע באַווײַזן פֿון די שרעקלעכע מאַטערנישן וואָס זיי האָבן אויסגעהאַלטן. זייער מראה האָט מיך גענויעט גאַנצע טעג."

"... וואָס זײַנען זיי,
אַזוי פֿאַרדאַרט און אַזוי ווילד אין דער הלבשה,
אַז זיי זייען ניט אויס ווי אײַנוווינערס פֿון דער וועלט,
נאָר זײַנען זיי פֿאָרט אויף איר? ..."

— שאַקספּיר, באַנקואָ, *מאַקבעט*, אַ.I, ס.iii, ש.39-42

"נאָר די אָ נסיעה איז געווען מחוץ לשון: ס'זײַנען ניטאָ קיין ווערטער צו באַשרײַבן די אימה."

— אַפּסלי טשערי־גאַראַרד, *די ערגסטע נסיעה אויף דער וועלט*

# פּראָלאָג

[פֿון *סקאָטס לעצטע עקספּעדיציע*, ב.1, ז.230.]

*דינסטיק, דעם 27סטן יוני [1911]* — די קראָזיער־פּאַרטיע איז אַוועק היינט אין דער פֿרי, אַן אויפֿגעלייגטע – די שווערע משׂא צעטיילט אויף צוויי 9-פֿוס שליטנס. פּאָנטינג האָט זיי פֿאָטאָגראַפֿירט מיטן בליצער און אַ פּרווו געטאָן מאַכן אַ פֿילם ניצנדיק אַ בליצליכט. נאָר ווען מע צינדט אָן דאָס ליכט, האָט מען געקענט קלאָר זען, אַז ס'איז ניט העל גענוג, אַז ס'וועט ניט טויגן, און דערפֿאַר איז ניט געווען קיין חידוש, אַז דער פֿילם איז דורכגעפֿאַלן. די דריי פּאָרערס האָבן אויסגעפֿונען, אַז דאָס שלעפּן גייט גאַנץ גרינג אויפֿן ים־אײַז, בעת מיר איבעריקע שטייען אויף אַ זײַט פֿאַרן פּרווו. איך האָב מורא דערפֿאַר, וואָס ס'וועט זײַן גאָר שווערער פֿאַר זיי אויפֿן באַריער, אָבער ס'איז ניטאָ קיין סיבה אָפּצולייגן דעם אָפּפֿאָר, און אָט זײַנען זיי אין וועג אַרײַן.

מיט דער הילף־פּאַרטיע בין איך אַרומגעגאַנגען אַרום דעם קאַפּ. [...]

גראַן[77] איז נאָר וואָס געקומען צו נאַרטלען; [...] גיט איבער וועגן אַ שלעכט שטיקל אייבערפֿלאַך צווישן געצעלט־אינדזל און גלעטשער־צונג. גוט וואָס די פּאַרטיע האָט געהאַט הילף דאָס אַריבערצוגיין.

אַזעלכע ווינטערפֿאָרן איז אַ נײַע און דרייסטע אונטערנעמונג, אָבער די געהעריקע מענטשן זײַנען אַוועק אַ פּרווו צו טאָן. אין אַ מזלדיקער שעה.

# עפּילאָג

[פֿון *סקאָטס לעצטע עקספּעדיציע*, ב.1, ז.249-254.]

## באַריכט פֿון דער ווינטער־נסיעה

*מיטוואָך, דעם 2טן אויגוסט[1911]* — די קראָזיער־פּאַרטיע איז צוריקגעקומען נעכטן בײַ נאַכט נאָכן אויסהאַלטן אויף פֿינף וואָכן די שווערסטע צושטאַנדן אַ מאָל רעקאָדירט. זיי האָבן אויסגעזען מער אויסצעוועטערט ווי איך האָב אַ מאָל געזען. די פּנימער זײַנען געווען פֿאַרשנאַרט און צערונצלט, די אויגן טעמפּ, די הענט פֿאַרווײַסט און צעקנייטשט מיט כּסדרדיקער אויסגעשטעלטקייט אין פֿײַכטקייט און קעלט, אָבער מיט זייער ווייניק שנאַרן פֿון אָפּגעפֿרוירנקייט, און דער דאָזיקער שלאַק איז אויף זיי קיין מאָל ניט שטאַרק אָנגעפֿאַלן. דער גרעסערער טייל פֿון זייערע צרות זײַנען אויפֿגעקומען, גאַנץ קלאָר אין זיך, צוליב לויטערער דוחק אין שלאָף, און הײַנט, נאָך אַ גאַנצער נאַכט אָפּרו, זײַנען אונדזערע פֿאָרערס גאָר אַנדערש אין אויסזע און שׂכל.

די מעשׂה פֿון גאָר אַ ווונדערלעכער אויספֿירונג מוזן די העלדן אַליין דערציילן. וואָס גייט מיך איצט אָן איז צו געבן דאָ נאָר די ראָשי־פּרקים פֿון דער נסיעה און צו באַמערקן בפֿרט די ווירקונגען פֿונעם אָנשטרענג, וואָס זיי האָבן אָנגעזעצט אויף זיך אַליין, און די אָנלערנונגען, וואָס זייערע איבערלעבונגען לאָזן הערן פֿאַר אונדזער קומעדיקער הדרכה.

ווילסאָן איז זייער דאַר, נאָר הײַנט אין דער פֿרי איז ער גאָר צו זיך געקומען, אַ שאַרפֿער און אַ פֿלינקער – באַוערס איז הײַנט שוין ווי געוויינטלעך. טשערי־גאַראַרד האָט עפּעס אַ אויפֿגעפּוישטן פּנים און זעט אויס נאָך אַלץ פֿאַרמאַטערט. ס'איז קלאָר, אַז ער האָט געליטן דער ערגסטער – אָבער ווילסאָן זאָגט מיר אָן, אַז זײַן געמיט האָט זיך קיין מאָל ניט געוואַקלט. באַוערס האָט בסך־הכּל דאָס אַלץ איבערגעלעבט דער בעסטער, און מיר דאַכט זיך, אַז ער איז דער שטאַרקסטער פֿאָרער וואָס האָט זיך אַ מאָל אונטערגענומען צו אַ פּאָלאַר־נסיעה, און דערצו איינער פֿון די אומדערשראָקנסטע; מער פֿון אָנווונק ווי פֿון אַרויסזאָגונג האָב איך געדרונגען זײַן ווערט צו דער פּאַרטיע, זײַן אומפֿאַרמאַטערלעכע ענערגיע און חידושדיקער גוף־געבוי, וואָס מאַכט עס אים מיגלעך צו אַרבעטן ווײַטער בײַ צושטאַנדן וואָס זיי וואָלטן אַנדערע פּאַראַליזירט. קיין מאָל ניט געווען אַזאַ פֿאַרהאַרטעוועטער, טויִקער, אומפֿאַרמאַטערלעכער קליינער מענטש.

אויף וויפֿל מע קען דרינגען איז די מעשׂה פֿון אָט דער נסיעה בקיצור אַזוי: די פּאַרטיע האָט דערגרייכט דעם באַריער צוויי טעג נאָכן אָפּפֿאָר פֿון קאַפּ־עוואַנס, נאָך אַלץ שלעפּנדיק די גאַנצע משׂא פֿון צו 250 פֿונטן אַ מענטש; די שניי־איבערפֿלאַך האָט זיך דעמאָלט אין גאַנצן געביטן און געוואָרן נאָך ערגער און ערגער בעת זיי זײַנען געגאַנגען פֿאָרויס. איין טאָג האָבן זיי געקעמפּט ווי פֿריִער, געגאַנגען פֿיר מײַלן, נאָר פֿון דעמאָלט אָן האָבן זיי געדאַרפֿט אַריבערטראָגן, און ס'האָט זיי געפֿילט, אַז די העלפֿט־משׂא איז שווערער ווי דאָס שלעפּן די גאַנצע משׂא אויפֿן ים־אײַז. דערווײַל איז די טעמפּעראַטור אַראָפּגעפֿאַלן, און איצט אויף אַ וואָך און לענגער איז

דער טערמאָמעטער געווען נידעריקער פֿון 60°-. איין נאַכט האָט דער מינימום באַוויזן 71°-, און מיט איין נאַכט שפּעטער 77°-, 109° פֿראָסט. כאָטש אין אַזאַ שרעקלעכער קעלט איז די לופֿט לפֿי־ערך שטיל, האָבן זיך געדרייט פֿון צײַט צו צײַט קליינע בלאָזעלעך ווינט איבער דער שנייִיקער פֿלאַך מיט אַ פֿאַרפֿאַלבנדיקער פּעולה. קיין ציוויליזירטער יש האָט קיין מאָל פֿריִער ניט געטראָפֿן אַזעלכע צושטאַנדן מיט ניט מער ווי אַ געצעלט פֿון שיטערער קאַנווע פֿאַרן אָפּדאַך. מיר האָבן הײַנט געקוקט אין די אַקטן און געפֿונען, אַז אַמונדסען[78] האָט יאָ געטראָפֿן אַזעלכע טעמפּעראַטורן אין חודש מאַרץ אויף אַ נסיעה קיין דעם צפֿון־מאַגנעטיש־פּאָלוס, און פֿאַרשריבן אַ מינימום פֿון 79°-; נאָר ער איז געפֿאָרן מיט אינויִטן, וואָס זיי האָבן פֿאַר אים אויסגעבויט אַ שנייהויז אַלע נאַכט; ער האָט געהאַט אַ סך טאָגליכט; די פֿאַרשריבענע טעמפּעראַטורן זײַנען מסתּמא ניט פֿאַרשטעלט געווען פֿון באַשטראַלונג; און לסוף האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים און ווידער אָנגעקומען אין שיף נאָך פֿינף טעג אַוועק. אונדזער פּאַרטיע איז געגאַנגען און געבליבן אַוועק *פֿינף וואָכן*.

עס האָט געדויערט כּמעט גאַנצע צוויי וואָכן אַריבערצוגיין דעם קעלטסטן ראַיאָן, און דערנאָך, אַרומגייענדיק אַרום קאַפּ־מקיי, זײַנען זיי אָנגעקומען אינעם ווינט־געבלאָזענעם געגנט. די זאַווערוכעס זײַנען געקומען איינע נאָך דער צווייטער, דער הימל כּסדר פֿאַרוואָלקנט, און זיי האָבן זיך ווײַטער געטאָפּטשעט אין אַ ליכט וואָס איז שיִער ניט אַ שטאָק פֿינצטערניש; אַ מאָל האָבן זיי זיך געפֿונען הויך אויף די שיפּועים פֿון טעראָר אויף לינקס, און אַ מאָל אַרײַנגעפֿאַלן אין די דריקקאַמען אויף רעכטס אין מיטן שפּאַרעס און אַ גערודער צעבראָכן אײַז. אָנגעקומען אין די פֿאָרבערג בײַ קאַפּ־קראָזיער, זײַנען זיי אַרויפֿגעגאַנגען 800 פֿיס, דערנאָך אַריבערגעטראָגן דאָס האָב־און־גוטס איבער אַ מאָרען־קאַם, און זיך גענומען בויען אַ כאַטעלע. עס האָט געדויערט דרײַ טעג אויסצובויען די שטיינערנע ווענט און פֿאַרענדיקן דעם דאַך מיט דער קאַנווע געבראַכט דערפֿאַר. ערשט דעמאָלט האָבן זיי געקענט סוף־כּל־סוף זיך פֿאַרנעמען מיטן תּכלית פֿון דער נסיעה.

דער קנאַפּער בין־השמשות מיטאָגצײַט איז געווען אַזוי קורץ, אַז זיי האָבן געדאַרפֿט אָנהייבן אין דער פֿינצטער, זײַן אָפּגעהיט, זיי זאָלן ניט פֿאַרלירן דעם וועג צוריק אָן ליכט. דעם ערשטן טאָג וואָס זיי זײַנען געגאַנגען אין אַזעלכע צושטאַנדן האָט געדויערט צוויי שעה דערגרייכן די דריקקאַמען, און כּמעט אַ גלײַכע צײַט זיי אַריבערצוקריכן, צוגעבונדן מיטן שטריק. סוף־כּל־סוף זײַנען זיי אָנגעקומען אין אַן אָרט נעסט־שטח ווו עס לאָזט זיך הערן די פֿייגל קוויטשען, נאָר פֿון וואַנען האָבן זיי ניט געקענט געפֿינען אַ וועג אַראָפּ. די קנאַפּע ליכט איז שוואַכער געוואָרן, זײַנען זיי צוריק אין לאַגער. לאָזנדיק זיך נאָך אַ מאָל אין גאַנג אויף מאָרגן, האָבן זיי זיך געשלענגלט דורך די שרעקלעכע אײַז־שטערונגען אונטער די הויכע באַסאַלטענע סקאַלעס; ערטערווײַז איז דער פֿעלדז איבערגעהאַנגען און אין איין אָרט האָבן זיי געמוזט דורכקריכן דורך אַ קליינעם קאַנאַל אויסגעהוילט דורכן אײַז. סוף־כּל־סוף זײַנען זיי אָנגעקומען אויפֿן ים־אײַז, נאָר דעמאָלט איז די ליכט אַזוי שוואַך געוואָרן, אַז זיי מוזן אַלץ

אײַלן. אַנשטאָט אַ צוויי־דרײַ טויזנט פֿייגל אויף נעסטן, וואָס מע האָט דאָ געהאַט געזען אין די *אַנטדעקונג*־טעג, האָבן זיי איצט געקענט ציילן בלויז אַ הונדערט; זיי האָבן ראַפּטעם דערהרגעט און אָפּגעשונדן דרײַ צוליב טראָן פֿאַרן איוון, און זאַמלענדיק זעקס אייער, וואָס פֿון זיי זײַנען נאָר דרײַ געבליבן, האָבן זיי אַ לאָז געטאָן צוריקקערן אין לאַגער.

ס'איז מיגלעך, אַז די פֿייגל פֿאַרלאָזן אָט דעם נעסט־שטח, אָבער ס'איז אויך מיגלעך, אַז אַזוי פֿרי זײַנען דאָ בלויז אַ מינאָריטעט פֿון די פֿייגל וואָס זיי וועלן זיך שפּעטער צונויפֿקומען. די אייער, וואָס מע האָט זיי נאָך ניט באַטראַכט, זאָלן העלפֿן קלאָר מאַכן דעם ענין. ווילסאָן האָט באַמערקט נאָך אַ דערווײַז פֿון דער שטאַרקייט פֿונעם ניאַניע־אינסטינקט אין די דאָזיקע פֿייגל. בײַם זוכן נאָך אייער האָבן ער און באַוערס אויפֿגעכאַפּט קײַלעכדיקע שטיקלעך אײַז, וואָס די לעכערלעכע באַשעפֿענישן האָבן זיי אָפּגעהיט מיט אָפּטימיסטישער האָפֿענונג.

די ליכט איז אין גאַנצן אַוועק ווען די פּאַרטיע איז דורכגעגאַנגען דורך די דריקקאַמען בײַם צוריקקער, און ס'איז בלויז געווען אַ מזל וואָס זיי זײַנען טאַקע ווידער אין לאַגער.

די נאַכט איז געקומען אַ זאַווערוכע, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער רגע נאָך רגע. דעמאָלט האָבן זיי אויסגעפֿונען, אַז דער אָרט וואָס זיי האָבן געהאַט אויסגעקליבן פֿאַר דער כאַטעלע צוליב אָפּדאַך איז געווען אין גאַנצן אָן אַ נוצן. ס'וואָלט זיי געווען גאָר בעסער זי אויסצובויען אונטערן פֿרײַען הימל, וואָרן דעם רציחהדיקן ווינט, אַנשטאָט דעם וואָס ער שטויסט זיך אָן אויף זיי גלײַך, איז אויף זיי אָפּגעקערט אין צעאָרנדיקע וויכערדיקע פֿלאָשן. שווערע פֿײַדעס שניי און שטיין וואָס מע האָט זיי געלייגט אויפֿן דאַך האָט דער ווינט אַוועקגעדרייט און די קאַנווע אַרויפֿגעצויגן; זי האָט זיך צעריסן און אָנגעשטרענגט פֿון די פֿאַרקניפּונגען – מיט דער צײַט האָט זי געמוזט פֿאַרשווונדן ווערן. זיי האָבן אויפֿגעשלאָגן דאָס געצעלט מיט עטלעכע ווערטיקע זאַכן אינעווייניק נאָענט צום כאַטעלע; מע האָט עס גוט פֿאַרשפּרייט און זייער שטאַרק געאַנקערט מיט שניי און פֿעלדזן, נאָר איין גוואַלדיקער בלאָז האָט עס אָפּגעריסן און אַוועקגעדרייט. אינעווייניק אינעם כאַטעלע האָבן זיי געוואַרט ביז דער דאַך זאָל פֿאַרשווונדן ווערן, באַטראַכט דערווײַל וועגן וואָס צו טאָן אויב ער גייט אַוועק, און געפּרוּווט אומזיסט אים צו באַוואָרענען. נאָך פֿערצן שעה איז ער אַוועק, בעת זיי האָבן געפּרוּווט פֿעסט מאַכן איין עק. אַ פֿאַרשיטונג מיט שניי האָט זיי פֿאַרדעקט, האָבן זיי נאָר געקענט אַרײַנשפּרינגען סאָפּענדיק אין די שלאָפֿזעק. באַוערס האָט אַ מאָל אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געזאָגט, "אונדז איז גוט," אין זײַן געוויינטלעך קול אויף וויפֿל ער האָט געקענט. די אַנדערע האָבן געענטפֿערט, "יאָ, אונדז איז גוט," און זיי אַלע האָבן געשוויגן אַ נאַכט מיט אַ האַלבן טאָג בעת דער ווינט האָט געגרעוועט; דער שניי איז אַרײַנגעקראָכן אין יעדן קנייטש און עפֿענונג פֿון די שלאָפֿזעק, ווו די אײַנוווינערס האָבן געציטערט און געוואָלט וויסן וואָס עס וועט זײַן דער סוף.

די דאָזיקע בורע איז געווען די זעלבע (23סטן יולי) וואָס אין איר האָבן מיר פֿאַרשריבן אונדזער מאַקסימאַלן ווינט־כּוח, און ס'קען זײַן, אַז זי איז אָנגעפֿאַלן אויף קאַפּ־קראָזיער גאָר שטאַרקער ווי אויף אונדז.

דער ווינט איז שטיל געוואָרן מיטאָגצײַט דעם צווייטן טאָג; די פֿאַרלאָזענע פֿאָרערס זײַנען אַרויסגעקראָכן פֿון זייערע אײַזיקע נעסטן, זיך אויסגעמיטלט פֿאַרשפּרייטן דאָס דילטוך איבן איבער די קעפּ, און אָנגעצונדן דעם פּרימוס. זיי האָבן פֿאַרזוכט דאָס ערשטע עסן זינט 48 שעה און אָנגעהויבן אויסצוטראַכטן ווי אַזוי צו שאַפֿן אַ דאַך איבערן קאָפּ בײַם צוריקקער. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז זיי דאַרפֿן אויסגראָבן אַ טיפֿן גרוב יעדע נאַכט און אים באַדעקן מיטן דילטוך אַזוי גוט ווי מיגלעך. נאָר איצט איז זיי אַ שטיקל מזל געקומען; אַ זוכונג אויף צפֿון האָט אַנטפּלעקט דאָס געצעלט ווו עס ליגט צווישן פֿעלדזן ווײַט אַ פֿערטל מײַל און, מאָדנע צו זאָגן, כּמעט אָן שאָדן, אַ פֿײַן עדות־זאָגן אויפֿן שטאָף געניצט אין זײַן קאָנסטרוקציע. אויף מאָרגן זײַנען זיי אין וועג אַרײַן אַהיים און תּיכּף איז אויף זיי אָנגעפֿאַלן נאָך אַ זאַווערוכע, זיי געהאַלטן אין תּפֿיסה צוויי טעג. ביז דעמאָלט איז דער שרעקלעכער מצבֿ פֿון זייער האָב־און־גוטס ניט צו באַשרײַבן. די שלאָפֿזעק זײַנען געווען צו שטײַף, מע האָט זיי ניט געקענט אויפֿוויקלען, אַזש אַזוי האַרט פֿאַרשטאַרט, אַז זיי האָבן זיך צעשפּאַלטן די פֿעלן ווען מע פּרוּווט זיי בייגן; די פּוכענע זעק אינעווייניק פֿון ווילסאָנס און טש־ג׳ס רעניפֿער־דעקן האָבן קוים פֿאַרשטעקט די לעכער פֿון אַזעלכע שפּאַלטן. די אַלע זאַכן, פֿינעסקאָ, און קוליקלעך זײַנען שוין לאַנג באַדעקט געוואָרן מיט אײַז; אַרײַנגעשטעקט אין ברוסט־קעשענעס אָדער אינעווייניק אין די לײַבלעך בײַ נאַכט, האָבן די זאַכן ניט באַוויזן קיין שום סימן אָפּגיין, פֿון אויסטריקענען איז שוין אָפּגערעדט. אַ מאָל האָט געדויערט דרײַ־פֿערטל שעה בעת טש־ג איז אַרײַן אין זײַן שלאָפֿזאַק, אַזוי פֿלאַטשיק איז דאָס פֿאַרפֿרוירן געוואָרן און אַזוי שווער איז געווען דעם זאַק צו עפֿענען. ס׳איז קוים מיגלעך צו פֿאַרשטיין די שוידערלעכע אומבאַקוועמלעכקייטן[79] פֿון די פֿאַרלאָזענע פֿאָרערס, בעת זיי האָבן צוריקגעבראָדיעט איבערן באַריער מיט די טעמפּעראַטורן נאָך אַ מאָל שטענדיק נידעריקער פֿון ‎-60°. אויף דעם אופֿן זײַנען זיי געקומען צו גיין אין הײַזקע־שפּיץ און די צווייטע נאַכט אינעם היים־קוואַרטיר.

ווילסאָן איז אַנטוישט, וואָס זיי האָבן אַזוי ווייניק געזען פֿון די פּענגווינען, נאָר בײַ מיר און בײַ אַלעמען וואָס זײַנען דאָ געבליבן איז דער תּכלית פֿון אָט דער טירחה דער צוצי וואָס זי מאַכט אויף אונדזער דמיון ווי איינע פֿון די גאַלאַנטסטע מעשׂיות אין דער פּאָלאַר־געשיכטע. אַז מענטשן זאָלן אַרויסוואָגלען טיף אין דער פּאָלאַרנאַכט, שטייענדיק פֿאַר די טריבסטע קעלט און די רציחהדיקסטע בורעס אין פֿינצטערניש איז עפּעס נײַ; אַז זיי האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט אין אַזאַ טירחה אַנטקעגן אַזעלכע שוועריקייטן גאַנצע פֿינף וואָכן איז גיבוריש. אָט דערציילט זיך אַ מעשׂה פֿאַר אונדזער דור, אַ מעשׂה וואָס, איך האָף, וועט בלײַבן שטאַרק און רירנדיק אויף דור־דורות.

דערצו זײַנען די מאַטעריאַלע פּעולות גאָר ניט ניבֿזהדיק. איצט וועלן מיר וויסן ווען דער אויסערגעוויינטלעכער פֿויגל דער קייסער־פּענגווין לייגט די אייער און אין וואָסערע צושטאַנדן; נאָר אַפֿילו אַז דאָס איז ווייניק בנוגע דער עמבריאָלאָגיע, האָט די פּאַרטיע באַוויזן די טבֿע פֿונעם גרויסן־באַריער ווינטערצײַט. פֿריִער האָבן מיר זיך נאָר געקענט פֿאָרשטעלן די שטרענגקייט;

איצט האָבן מיר דעם דערוויַיז און אויך אַ קלערער פֿאַרשטענדעניש פֿונעם אָרטיקן קלימאַט אין אונדזער דורכגאָס.

*פּראַקטיק מיט שליטנפֿאָר־עסן און אויסריכט*

וועגן דער קומעדיקער שליטן־אַרבעט האָבן מיר קלאָר פֿאַרענטפֿערט עטלעכע ענינים. די פּאַרטיע האָט געהאַט זייער פּשוטע עסנראַציעס אין פֿאַרשיידענע און עקסטרעמע פּראָפּאָרציעס; זיי האָבן מיטגעבראַכט בלויז פּעמיקאַן, פּוטער, ביסקוויט, און טיי. נאָך אַ קורצן פּרוּוו האָבן זיי אויסגעפֿונען, אַז ווילסאָן, וואָס ער האָט גענומען דעם גרעסטן סכום פֿעטס, האָט צו פֿיל געהאַט, און טש־ג, וואָס ער האָט אויסגעקליבן ביסקוויט, האָט ניט געקענט עסן זײַן גאַנצע ראַציע. מע האָט אויסגעפֿונען אַ מיטעלן גאַנג, וואָס גיט אַן אַלגעמיינע פּראָפּאָרציע וואָס איז אַלע ניחא, און אויך פּאַסט מיט די גאַנצע סכומען פֿון די מיטגעבראַכטע פֿאַרשיידענע זאַכן דערבײַ. אויף דעם אופֿן זײַנען מיר געקומען צו אַ פּשוטער און פּאַסיקער ראַציע פֿאַרן אינלאַנדישן פּלאַטאָ. די איינציקע שינוי וואָס מע האָט פֿירגעלייגט איז אַ צוגאָב פֿון קאַקאַאָ בײַם וואַרמעס אין אָוונט. די פּאַרטיע איז צופֿרידן געווען מיט הייסן וואַסער, האַלטנדיק אַז מיט טיי וואָלט געווען נאָך שווערער אַנטשלאָפֿן צו ווערן.

וועגן די שלאָפֿזעק האָט מען וויייניק צוצוגעבן – דער פּוכענער זאַק קען קומען צו ניץ ווי אַ צוגאָב אויף אַ קליינע ווײַלע בײַ אַ נסיעה פֿרילינגצײַט, אָבער זיי ווערן גיך פֿאַראײַזיקט.

באַוערס האָט קיין מאָל ניט גענוצט קיין פּוכענעם זאַק, און על־פּי נס האָט ער זיך אויסגעמיטלט אויסצוקערן זײַן רעניפֿער־זאַק אַ צוויי־דרײַ מאָל בעת דער נסיעה. דאָ זײַנען די וואָגן פֿון די שלאָפֿזעק פֿאַר און נאָך דער נסיעה:

| | אָנהייב | סוף |
|---|---|---|
| ווילסאָן, רעניפֿער־זאַק מיט פּוכענער אַרײַנשטעל | 17 | 40 |
| באַוערס, נאָר רעניפֿער־זאַק | 17 | 33 |
| טש־גאַראַרד, רעניפֿער־זעק מיט פּוכענער אַרײַנשטעל | 18 | 45 |

אָט דאָס גיט אַן אָנווײַז פֿון וויפֿל אײַז עס איז אַרײַן אין די זעק.

דאָס טאָפּל־געצעלט, זאָגט מען, איז אין גאַנצן געראָטן. ס'האָט געוווגן אַ 35 פֿונט בײַם אָנהייב און 60 פֿונטן בײַם קריקקער: ס'רובֿ אײַז האָט זיך אָנגעקליבן אויפֿן אינעווייניקסטן געצעלט.

די קראַמפּאָנס האָט מען געלויבט אין טאָג אַרײַן, אַחוץ באַוערס, וואָס ער האָט אַן עקסצענטרישע איבערגעגעבנקייט צו אונדזער עלטערן שטייגער. מיר האָבן זיך דערוווּסט אַ הונדערט פּרטים וועגן קליידער, קוליקלעך, און שוכוואַרג; דאַכט זיך, אַז ס'איז ניטאָ קיין ענטפֿער צו די שוועריקייטן מיט אָט די חפֿצים בײַ עקסטרעמער קעלט; ווילסאָן קען נאָר זאָגן, רעדנדיק ברייט, אַז "דאָס געצײַג איז אויסגעצייכנט, אויסגעצייכנט." מע טראַכט כּסדר וועגן די מיגלעכקייטן פֿון פֿוטערנע קליידער ווי בײַ די אינויִטן, מיט אַ שטילן חשד, אַז דאָס קען זײַן אפֿשר בעסער פֿון אונדזער ציוויליזירטן מלבוש. בײַ אונדז איז דאָס נאָר אַן ענין פֿאַר חקירה,

ווײַל ס'וואָלט געווען גאָר אוממיגלעך צו קריגן אַזעלכע חפֿצים. אַחוץ אָט דער ראַדיקאַל פֿאַרשיידענער ברירה, דאַכט זיך מיר, אַז מיר זײַנען אַזוי נאָענט צו שלמות ווי די פּראַקטיק לערנט[80].

על־כּל־פּנים קענען מיר איצט יאָ זאָגן, אַז אונדזער קליידער־סיסטעם האָט אויסגעהאַלטן אַ שטרענגערן פּרוּוו ווי אַלע אַנדערע, פּעלץ אַרײַנגערעכנט.

*די פּעולה פֿון דער נסיעה* — ווילסאָן האָט זיך אָפּגעצערט דרײַ מיט אַ האַלב פֿונט; באַוערס – צוויי מיט אַ האַלב פֿונט; טש־גאַראַרד – איין פֿונט.

# ביבליאָגראַפֿיע

*The Worst Journey in the World*, Apsley Cherry-Garrard, 1922

*Scott’s Last Expedition*, Captain Robert Falcon Scott, 1913

*די לעצטע נסיעה*, קאַפּיטאַן סקאָט (ייִדיש: אַ. ש–ר אָ.), פֿאַרלאַג ב. שימין, וואַרשע, 1922

דערצו אויך עטלעכע טוץ ביכער פֿון דער העלדישער תּקופֿה פֿון אַנטאַרקטישער אויספֿאָרשונג, 1897-1922: די ביכער געשריבן פֿון די אָנפֿירער און די אָנטייל־נעמערס אויף עקספּעדיציעס פֿון סקאָט, שעקלטאָן, אַמונדסען: אָפֿיציעלע באַריכטן, בריוו, טאָגבּיכער, אאַז"וו; און די ביכער געשריבן שפּעטער: געשיכטעס, ביאָגראַפֿיעס, אאַז"וו.

# איבערזעצערס הערות

---

[1] Lieutenant H.R. Bowers: וואָס מע האָט אים גערופֿן "בירדי" ("פֿייגעלע") – "Birdie" – צוליב זײַן גרויסער נאָז.

[2] pemmican: קאָנצענטרירט עסנוואַרג געמאַכט פֿון גלײַכע חלקים פֿלייש און פֿעטס צעמאָלן און אויסגעפֿורעמט אין ציגל. תּחילת אויסגעפֿונען פֿון אינדיאַנער אין קאַנאַדע.

[3] primus: אַ מין פּאָרטאַטיווער אויוון וואָס ברענט נאַפֿט.

[4] Bonsa outfit: איך ווייס ניט וואָס דאָס זאָל זײַן.

[5] man-harnesses: צוליב אַ מין פּוריזם (ניט צו רעדן פֿון מאַסאָכיזם) האָבן די בריטישער אין יענע יאָרן געהאַלטן, אַז ס'איז בעסער צו שלעפּן די שליטנס אַליין, ניט ניצן שליטן־הינט.

[6] portaging harnesses: זעט הערה 4.

[7] male bamboos: זעט הערה 4.

[8] sennegrass: אַ מין גראָז וואָס מע שטעקט אַרײַן אין די שיך אײַנצוזאַפּן שווייס.

[9] blubber: ד"ה, אייל פֿון פּענגווין־ צי ים־הינט־פֿעטס.

[10] אויף אָט דער ווינטער־נסיעה גייען באַוערס (זעט הערה 1), עדוואַרד "ביל" ווילסאָן (Edward “Bill” Wilson) דער אָנפֿירער, און אַפּסלי טשערי־גאַראַרד (Apsley Cherry-Garrard), דער מחבר. באַוערס און ווילסאָן זײַנען געשטאָרבן מיט סקאָט (Scott) מיט נײַן חדשים שפּעטער אויף זייער צוריקקער פֿונעם דרום־פּאָלוס.

[11] tide crack: אַ שפּאַלט אינעם אײַז נאָענט צו דער יבשה, געמאַכט פֿונעם צו־און־אָפּ־פֿלייץ פֿונעם ים. דאָס אַלץ קומט פֿאָר בײַם ראָס־אינדזל אינעם ראָס־ים, אַ טייל פֿונעם גרויסן דרומדיקן אָקעאַן; זעט די קאַרטע. דער דאָזיקער געגנט איז ערשט אַנטדעקט געוואָרן אין 1841 פֿון דעם בריטישער דזשעמס קלאַרק ראָס.

[12] באַרג ערעבוס איז דער הויכפּונקט פֿון ראָס־אינדזל; ס'איז נאָך הײַנט אַ לעבעדיקער ווולקאַן.

[13] פֿון געטהעס *פֿאַוסט*.

[14] Captain L.E.G. Oates, וואָס מע האָט אים גערופֿן "טיטוס" (”Titus“). ער איז אויך געשטאָרבן מיט סקאָטן בײַם צוריקקער פֿונעם פּאָלוס. ער איז געווען דער בעל־הבית פֿון די עטלעכע פֿערדלעך וואָס זיי האָבן געבראַכט ווי טראַנספּאָרטוואַרג (אויך עטלעכע שליטן־הינט, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי האַלטן, אַז מענטשן־שלעפּן איז "ריינער").

[15] The Lancers: אַ מין קוואַדראַטטאַנץ, פּאָפּולער אינעם 19טן יאָרהונדערט.

[16] Anton: אַ רוסישער, טיטוסעס געהילף מיט די פֿערדלעך, וואָס מע האָט זיי געקראָגן פֿון רוסישער מאָנגאָליע.

[17] Herbert G. Ponting: דער פֿאָטאָגראַף פֿאַר דער עקספּעדיציע. ער איז באַרימט געוואָרן צוליב זײַנע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אָט דער נסיעה א"אַ.

[18] Cecil H. Meares: נאָך אַן אָנטייל־נעמער אין דער עקספּעדיציע.

[19] Robert Falcon Scott: דער אָנפֿירער פֿון דער גאַנצער עקספּעדיציע.

[20] The Eastern Party: אַ צווייטער אָפּטייל פֿון דער עקספּעדיציע.

[21] Thomas Clissold: דער קוכער

[22] McMurdo Sound: דער אײַז־געשטאָפּטער ים אויף מערבֿ פֿון ראָס־אינדזל (זעט די קאַרטע אין פֿיגור 2 )

[23] Venesta: דער מאַרקע־נאָמען פֿון אַ מין דיכט.

[24] Willesden: אַ מין וואַסער־באַוואָרנטע און פֿאַרשטאַרקטע קאַנווע; ס'איז אַ נאָמען נאָך אַ פֿאָרשטאָט פֿון לאָנדאָן.

[25] The Depot Journey: דעם פֿריִערדיקן זומער האָבן זיי געמאַכט אַ נסיעה אויף דרום איבערצולאָזן פּראָוויאַנט פֿאַר דער פּאָלוס־נסיעה דעם קומעדיקן זומער.

[26] Hut Point: זעט די קאַרטע אין פֿיגור 2

[27] icefoot: אײַז וואָס איז צוגעקלעפּט צו דער יבשה אָבער וואָס ציט זיך ווײַט איבערן ים.

[28] W. Lashly

[29] וועגן דער טרויעריקער נסיעה צום פּאָלוס דאַרף מען לייענען דעם גאַנצן בוך און אַוודאי אַנדערע ביכער.

[30] "ontology recapitulates phylogeny": אַזוי האָט מען דעמאָלט געהאַלטן אָבער הײַנט ניט.

[31] The Barrier: הײַנט הייסט דאָס דער ראָס אײַז פֿאַך. ס'איז אַ מאַסע אײַז אַזוי גרויס ווי פֿראַנקרײַך, וואָס האַלט זיך אויפֿן וואַסער. דאָס אַלץ שטאַמט פֿון די עטלעכע גלעטשערס וואָס שטראָמען באַרג־אַראָפּ פֿונעם אַנטאַרקטישן פּלאַטאָ. דער באַריער איז אין דורכשניט 200 פֿיס אין דער הייך און אפֿשר אַכט מאָל אַזוי טיף אונטערן וואַסער.

32 Cape Crozier: זעט די קאַרטע אין פֿיגור 2

33 pressure: הויכע קאַמען אײַז, געפֿורעמט ווען איין ריזיקע מאַסע קריִעס צעשלאָגט זיך מיט אַ צווייטער.

34 nesting expedition: זאַמלען אייער איז אַ מאָל געווען אַ פּאָפּולער פֿערדל

35 Turk’s Head: אַ שטיינערנע סקאַלע אַ זיבן הונדערט פֿוס אין דער הייך, אַ נאָמען נאָכן אויסזע, אויף צפֿון פֿון דער גלעטשער־צונג

36 Glacier Tongue: זעט די קאַרטע אין פֿיגור 2

37 פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי זײַנען ווײַט אויף דרום פֿון דעם אַנטאַרקטישן קרײַז. דאָס הייסט, אויף עטלעכע חדשים אַרום דעם 21סטן יוני איז ניטאָ קיין זון (אַחוץ אפֿשר אַ שטיקל פֿאַרטאָג־ליכט אַרום האַלבן טאָג). און גאַנץ פֿאַרקערט אַרום דעם 21סטן דעצעמבער.

38 balaklava: אַ מין וואָלן היטל וואָס באַדעקט דעם גאַנצן קאָפּ מיט כמעט דעם גאַנצן פּנים.

39 סקאָט האָט געפֿירט אַ פֿריִערדיקע עקספּעדיציע אויסצופֿאָרשן אין דעם זעלבן געגנט, אין 1901-1904. אָט די עקספּעדיציע איז געווען אַ נאָמען נאָך איר שיף, *אַנטדעקונג* (*Discovery* אויף ענגליש).

40 אויף ענגליש: “You've got it in the neck -- stick it -- stick it -- you've got it in the neck” איך האָב זײַן פֿאָרמל אַליין געניצט אָבער אַוודאי קיין מאָל ניט אין אַזעלכע צושטאַנדן, אַ גרויסן דאַנק.

41 דאָס הייסט Oates; זעט הערה 14.

42 Hoosh: אַ מאכל, עפּעס צווישן אַ זופּ און אַ געדישעכץ, געמאַכט פֿון פּעמיקאַן און ביסקוויטן.

43 Force 3: לויט דעם באָפֿאָרט־מעסטער איז דאָס "אַ מילד ווינטל": מער־ווייניקער נײַן מײַל אַ שעה.

44 Claridge’s: אַ באַרימטער רעסטאָראַן אין לאָנדאָן

45 Mount Terror: דער צווייטער גרויסער באַרג אויף ראָס־אינדזל, אַ טויטער ווולקאַן. ערעבוס און טעראָר זײַנען נעמען נאָך ראָססעס צוויי שיפֿן.

46 pressure: דאָס איז שייך צו דער גרויסער צעשטערונג פֿונעם גלעטשעראײַז ווו דער גלעטשער צעשמעטערט זיך קעגן דער ערד אָדער צעבייגט זיך שטאַרק. דאָס פֿורעמט ריזיקע קאַמען אײַז, גרויסע שפּאַרעס, און אומגעהײַערע קאַפּויערגעפֿאַלענע פֿײַדעס אײַז.

47 mock moons: אָפּטישע אילוזיעס אַרויסגערופֿן דורך קריסטאַלן אײַז גאָר הויך אין דער לופֿטן.

48 דאָס איז אַ זעלטענע דערמאָנונג, אַז מענטשן האָבן "נייטיקייטן", אַזוי צו זאָגן, ניט נאָר אין אָט דעם בוך נאָר אומעטום אין אַזאַ מין באַריכטן.

49 finnesko: ווייכע שטיוול געמאַכט פֿון רעניפֿער־פֿעל, מיט די האָר אינעווייניק (פֿון די סקאַנדינאַווישע לענדער).

50 hair socks: אפֿשר זאָקן פֿון פֿוטער אָדער האָר פֿון עפּעס אַ חיה

51 the Beardmore Glacier: אַ ריזיקער גלעטשער, וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן פֿון שעקלטאָן אין 1908; אָט דער גלעטשער איז געווען די רוטע קיין דעם דרום־פּאָלוס פֿאַר שעקלטאָן (ער האָט זיך צוריקגעקערט – און בלײַבט לעבן – אפֿשר 100 מײַלן ווײַט פֿונעם פּאָלוס) און שפּעטער פֿאַר סקאָט.

52 כּוח־9: "אַ שטאַרקע בורע": 51 מײַל אַ שעה.

53 כּוח־10: "אַ גאַנצע בורע": 62 מײַל אַ שעה.

54 ס'איז ניט קלאָר צי זיי שלעפּן צוויי שליטנס צי נאָר איין שליטן; איך מיין, אַז זיי האָבן נאָך אַלץ צוויי אָבער זיי דאַרפֿן זיי מער ניט אַריבערטראָגן, קענען שלעפּן ביידע אין איינעם. פֿונדעסטוועגן שרײַבט ער דאָ "שליטן" און דאָרט "שליטנס".

55 אַזאַ פֿראַגע!

56 להיפּוך צו דער געוויינטלעכער מיינונג איז אַן איגלו סתּם אַ הויז, ניט נאָר אַ הויז געמאַכט פֿון אײַז אָדער שניי (אויף אינוקטיטוט, דאָס לשון פֿון די אינויִט, די אײַנוווינערס פֿון גרינלאַנד און די צפֿונדיקסטע ערטער אין צפֿון־אַמעריקע).

57 כּוח־4: "אַ מאָסיק ווינטל, 14 מײַל אַ שעה"; כּוח־5: "אַ פֿריש ווינטל, 20 מײַל אַ שעה".

58 ד"ה, ‎-38° פֿאַר.

59 אַז פּענגווינען זײַנען פּרימיטיווע פֿייגל האָבן געהאַלטן די ביאָלאָגן אין יענער צײַט; ס'איז אַ טעות. זעט אויך הערה 30.

60 אין אַזאַ קעלט האָט ביל געדאַרפֿט האָבן קוליקלעך; אפֿשר מיינט איר אַז ביל האָט געהאַט אַן אַנדער מין האַנט־דעקונג.

61 לויט הירש פּערלאָווס פּראַקטיק ביכל: איז snipe דער בעקאַס (ן)

62 כּוח־11: "שטורעם, 75 מײַל אַ שעה"; כּוח־12: "הוראַגאַן, 92 מײַל אַ שעה"

63 Admiral Peary: אַן אַמעריקאַנישער אויספֿאָרשער, וואָס האָט געטענהט, אַז ער איז געווען דער ערשטער צו דערגרייכן דעם צפֿון־פּאָלוס אין 1909. הײַנט האַלט מען דאָס פֿאַר אַ ליגן.

64 זעט הערה 48

65 "eider-down": לויט הירש פּערלאָוון איז דער מין קאַטשקע "די גאַגאַ (ס)". אַזאַ שלאָפֿזאַק האָט צוויי טיילן: אינעווייניק איז אַ זאַק פֿון פּוך, אויסנווייניק — קאַריבו (רעניפֿער) פֿעל. נאַסער פּוך וואַרעמט גאָר ניט.

66 sastrugus, -i: (פֿון רוסיש) אוזאָרן פֿון כוואַליעס געפֿורעמט דורכן ווינט אויפֿן האַרט געפּאַקטע שניי.

67 "tent downhaul": דאָס "אַראָפּציִער" איז אַ קאַלקע פֿאַר דעם ים־טערמין, דאָ אָנגעווענדט אויף געצעלטן.

68 "picture hat": אַ מין פֿרויענהיטל, מיט אַ ברייטן ראַנד, געוויינטלעך שוואַרץ, מיט שטרויס־פֿעדערן. דאָ איז דאָס איראָניש געמיינט.

69 "bowline": אַ מין קניפּל, גוט באַקאַנט בײַ מאַטראָסן.

70 זיכער האָט מען דאָס פֿריִער אויסגעטראַכט אָבער ס'איז זיי ניט באַקאַנט.

71 Castle Rock: זעט די קאַרטע אין פֿיגור 2

72 “theodolite”: אַ מין מעסטונגס־אינסטרומענט.

73 זעט הערה 48

74 George Robey: אַן ענגישער קאָמיקער, 1869-1954.

75 *Kim*: רודיאַרד קיפּלינג.

76 Mukden: אַ שטאָט אין כינע, דער אָרט אין 1905 פֿון אַ שלאַכט אין דער רוסיש-כינעזישער מלחמה.

77 Triggve Gran, אַ נאָרווייגער, איז געווען דער נאַרטלען־מומחה אויף דער עקספּעדיציע.

78 אַ היפּש שטיקל איראָניע: ניט וואָס די פּרטים זײַנען פֿאַלש, נאָר בײַ די צוויי פּאָלוס־נסיעות, סקאָטס און אַמונדסענס, איז גאַנץ קלאָר אַז אַמונדסען איז ווײַט דער פֿעיִקערער. סקאָטס נסיעה איז געווען פֿול מיט יסורים, איז ער געשטאָרבן מיט די פֿיר באַלייטערס (ווילסאָן און באַוערס בתוכם), אויפֿן צוריקקער פֿונעם פּאָלוס (וואָס אַמונדסען האָט דערגרייכט מיט אַ חודש פֿריִער). אין פֿאַרגלײַך איז אַמונדסענס נסיעה ווי אַ שפּאַציר אין פּאַרק. לײַענט *The South Pole* פֿון Roald Amundsen, 1913.

79 שטייט עס אינעם ענגליש: "discomfort" – כמעט קאָמיש, ניצן אַזאַ מילד וואָרט, אַבי אַ נעגאַטיוו, אָבער "אַ קלייניקייט", פֿאַר די אַלע שוועריקייטן, פּײַניקונגען, יסורים, וואָס די דרײַ זײַנען דורכגעגאַנגען.

80 נאָך אַ שטיקל טראַגישע איראָניע. אין פֿאַרגלײַך מיט אַמונדסען (וואָס ער האָט טאַקע אַ סך אָנגענומען פֿון דער טעכניק פֿון די אינויִטן) זײַנען זיי גאָר ווײַט פֿון שלמות, אי מיט קליידער, אי מיט געצײַג, אי מיט פֿאָרמיטלען, אי מיט עסן.